ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# אבן שלמה
# ווילנא

אידיש

679

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# תולדות הגאון רבינו אליהו ז"ל מווילנא

# תולדות הגאון רבינו אליהו ז"ל מווילנא

---

אין דיא שטאט סעליץ (ניט ווייט פון בריסק) איז געוועזען א גרויסער צדיק ער האט געהייסען ר' שלמה זלמן. ער שטאמט ארויס פון דעם גאון ר' משה ז"ל דער מחבר פון ספר באר הגולה (וואס אויף שולחן ערוך). איז ביי אים געבארען געווארען א זון, דעם ערשטען טאג פסח שנת „שלח לכם אליהו" (ת"פ) האט מען אים א נאמען געגעבען „אליהו". דאס קינד פון זיין געבארען טאג אן האבען אלע אן אים ערקענט אז ער וועט פאר שיינען מיט זיין תורה און יראה די גאנצע וועלט. דיא געטליכע חכמה וואס אין אים, האט געשיינט אויף זיין פנים. זיין געשטאלט איז געוועזען וויא איין מלאך. אלע וואס פלעגען אים זעהען, פלעגען האבען פון אים גרויס שמחה. דער שם פון זיין חכמה און פון זיין יראה איז פון טאג צו טאג געגאנגען אין מרחקים.

אז דאס קינד איז געווארען אלט זעקס יאר. האט ער שוין מער ניט געדארפט לערנען אין איין חדר ביי א רעבין. און אז ער איז אלט געוועזען זעקס יאר מיט אהאלבם האט ער געזאגט שבת אין ווילנער שול איין דרוש (וואס דער פאטער האט אים אויס געלערנט) און דארט אין שול זיינען געוועזען דיא גדולים פון ווילנא. אין יענער צייט איז געוועזען איין רב אין ווילנא ער האט געהייסען ר' העשיל. צוא שלש סעודות האט דער פאטער פון דעם קינד אים געבראכט צוא דעם ר' העשיל. האט דער ר' העשיל געזאגט צו דיא גדולים וואס זיינען געוועזען דארטין. האט איהר וועהן געזעהען אזא וואויל קינד? האבען זייא אים געזאגט עס איז ניט קיין ראיה אז ער איז אזוי וואויל. עס קען זיין אז זיין פאטער האט אים דאס גוט אויס געלערנט. זאגט צוא זייא ר' העשיל איך פאר שטייא פון אים אז ער וואלט אליין אויך קענען זאגען זייער טיפע געדאנקען. בקיצור זייא האבען אים געגעבען צייט איין שעה ער זאל זייא זאגען נייעס אין דעם דרוש. האט ער זייא דער נאך געזאגט אזעלכע וואונדערליכע זאכען אז זייא זיינען אלע משתומם געווארען. זייא האבען אים גענומען קושען און האלזען און האבען געזאגט „אז אזוי איין חכם איז ניט צו געפינען".

אז ער איז געוועזן אלט אכט יאר האט ער שוין אן גיהויבן צו לערנען ספרי קבלה · ער זאל גוט פאר שטיין דער פון דיא וואונדער-ליכע מאמרים פון דיא חכמים וואס ווערט גיבראכט אין מדרשים אונ אין אגדות · איין מאל האבין דיא צדיקים אונ דיא גדולים פון יענעם דור גיוואלט לערנען הלכות קידוש החודש להרמב"ם ז"ל. אונ עס איז ידוע אז דער צוא מוז מען גוט וויסן דיא חכמה פון תכונה (אסטראנאמיע) דאס הייסט וויא דיא גייאנג פון דיא זון אונ דיא לבנה אונ דיא שטערין ווען זייא גייען אויף אונ ווען זייא גייען אונטער · אונ דיא צייטין וואס זייא באהעפטין זיך איינע מיט דיא אנדערע · אונ זייא האבין דאס גילערינט איין האלב יאר · אונ דער נאך האבין זייא גילאזט מאכין כדורים וויא דיא גישטאלט פון הימעל מיט דיא שטערין · אונ האבין אפ גישטעלט אצייט זייא זאלין זיך אלע צו זאמען קלייבין אום דאס גוט צוא בעטראכטין, אונ וויא דער [illegible] קינד האט דאס גיזעהן · האט ער גיוואלט אויך וויסן וואס זייא ווערלין ריידין דערביין · אונ וויל ער האט ניט גיוואלט מבטל זיין זון לערנען · האט ער אזוא גיטאן · ווען ער פלעגט קומען אהיים [illegible] עס איז נאך ניט פארטיג גיוועזן דאס עסין · פלעגט ער מעיין [illegible] (אריין קוקין) אין דעם ספר תכונות השמים · וואס דארטין ווערט ערקלערט דיא ענינים פון תכונה אונ אזו האט ער זיך גע'פירט אין ערך פון צעהן טעג · אונ ער האט באשטעלט מאכין איין כדור מיט רייפין אונ צוא גישלאגין מיט נעגיל. אונ האט אפ געהיט דיא צייט וואס זייא האבין זיך צוא זאמען גיקליבין מיט זייערע כדורים: האט ער באטראכט וויא זייא האבין זיך אלע גימאטערט אצייט אונ האבין זיך גאר ניט גיקענט נעבין קיין עצה רעכט מאכין זייערע ספיקות וואס זייא איז ניט רעכט גיוועזן . אונ דער נאך איז ער צוא גיגאנגען אונ האט צוא זייא גיזאגט „רבותי" איר זאלט מיר געבין רשות איך וויל פאר אייך עפעס זאגין . איך מיין ניט מיט דעם צוא מערין מיין כבוד אונ חלילה ווארפין אייער כבוד · דען איך ווייס וואס דיא חכמים זאגין · אז דער וואס וויל מערין זיין כבוד אונ מינערין דעם כבוד פון השי"ת · ווערט צום סוף זיין כבו־ גימינערט · נאר

איך

איך וויל רעכט מאכין אייערע ספיקות מען זאל קענען גוט פאר שטיין דיא תורה הקדושה · האט ער זייא געוויזין דעם ארט וואס דיא בעלי מלאכות האבין פאר קרימט אין דער מלאכה פון דיא כרובים · אונ וויא זייא האבין זיך גוט בעטראכט האבין זייא געזעהן אז זיינע רייד איז זייער ריכטיג דאבין זייא אלע גיזאגט אז ער וועט בעז"ה פאר שיינען דיא גאנצע וועלט מיט זיין תורה · אונ אלע טיפע חכמות וועט ער אויך בענוצען צוא דער תורה אונ עבודת השי"ת :

אונ אז ער איז אלט געוועזין ניין יאר האט ער שוין גוט פאר שטאנען אין אלע הארבע ערטער פון גאנץ ש"ס אונ אין אלע פוסקים אונ אין מפרשים אונ אין תשובות אונ האט אויס גילערינט אלע ספרי קבלה פון דיא כתבי האריז"ל אין איין האלב יאר :

אז ער איז גיוועזן אלט צעהן יאר האט ער גיהאט איין חבר ער האט גיהייסין ר' ליב דער רב פון טשעכענאוויטש ער פלעגט מיט אים לערנען נאר ש"ס אונ פוסקים · אבער ספרי קבלה פלעגט ער אליין לערנען וויא פיל שעות אין טאג אונ האט אויס גילערינט אלע מפרשים פון דעם זהר הקדוש אין איין האלב יאר :

אז ער איז גיוועזן אלט עלף יאר האט קיין חכם ניט גיקענט באטראכטין זיין טיפע חכמה וואס האט תמיד גיקוואלין אזו וויא איין קוואל · איין מאל אז עס איז גיקומען דיא נאכט פון שמחת תורה · האט ער זיך דער מאנט אז מיט אצייט דער פאר האט ער אויף זיך מקבל גיוועזן ער זאל אויס לערנען די צוויי מסכתות זבחים אונ מנחות אונ זאל מאכין איין סיום אויף זייא אום שמחת תורה . אונ ער האט נאך גאר ניט אן גיהויבין צוא לערנען דאס ביז דאהער איז ער תיכף אוועק גינאנגען אין איין חדר מיוחד אונ האט זיך גיזעצט לערנען אויף אגאנצע נאכט · אונ דארטין האט גינעכטיגט איין גרויסער גאון ער האט גיהייסין ר' מיכל ראטנעווער · האט ער זיך אויף גיכאפט פון זיין שלאף אין מיטין נאכט אונ פרעגט . וואו איז דאס דער גוט קינד · איז ער אריין גינאנגען אין דעם חדר וואס ער האט גילערינט · האט ער אים גיפונען אז ער האט שוין אפ גילערינט פופציג בלאט אין (מסכת זבחים) · וויא ער האט ראס דער זעהען · האט ער אן גיהויבין צוא

שרייען

שרייבען אויף אים וויא קען דאס זיין אז אין צווייא שעה האסטו שוין אפ גילערינט אזו פיל אין אזעלכע הארבע גמרא, דיין לערנען האט בודאי קיין שום טעם ניט· בקיצור ער האט אים אן גיהויבן צו פאר הערין אין דיא פופציג בלאט וואס ער האט אפ גילערינט אין אלע הארבע ערטער· האט ער אים אלץ גיענטפערט אויף די אלע שאלות וואס ער האט בייא אים גיפרעגט זייער וואול· האט זיך דער ר' מיכיל זייער פאר וואונדערט אונ איז אוועק גיגאנגען פון אים· אין דער פריא איז ער צוא אים נאך איין מאל אריין· האט ער איהם גיפונען אז ער האט שוין אפ גילערינט דיא גרעסטע העלפט פון (מסכת מנחות)· האט ער זיך ווייטער אן גיהויבן צוא טראכטין אין הארצין וויא איז דאס אסברה אז מען זאל קענען דאס אפ לערנען אזו גיך· האט ער אים אן גיהויבן ווייטער צוא פרובין אין די הארבע ערטער פון דעם וואס ער האט אפ גילערינט· האט ער אים גיענטפערט מיט גרוים טיפקייט נאך מער וויא ער האט גימיינט. האט ער זיך גיטראכט אין הארצין אז דאס איז גאר ניט קיין מענטשליכע זאך. דאס איז עפעס גאר איין (מלאך אלהים)· בקיצור ביז דעם דאווענען האט ער מסיים גיוועזן דיביידע (מסכתות זבחים אונ מנחות) אונ האט גידאווינט מיטן ציבור מיט גרוים שמחה אונ דבקות:

אז ער איז גיוועזן אלט צוועלף יאר האט ער גיוואוסט אלע זיבין חכמות וואס עס גיפינט זיך אין דער וועלט גאר ביז דעם גרונט· אונ אז ער איז גיוועזן אלט דרייצין יאר· האט ער אויף זיך מקבל גיוועזן ער זאל זיך פירין אין די הנהגות פון קדושה וואס גיפינט זיך בייא די היילינע תנאים ואמוראים אונ ער זאל קיין שום הנאה ניט האבין פון דער וועלט· אין דער יוגינט איז זיין עסין גיוועזן אלע טאג ניט מער וויא שותארקעס גיווייקט אין וואסער גרוים וויא צווייא כזית אין דער פריא אונ אויף דער נאכט· אונ ווינטער פלעגט ער ניט הייצין אין זיין חדר בכדי עס זאל אויף אים ניט פאלין קיין שלאף. אונ קיין מאל האט ער ניט גישלאפין מער ווי צווייא שעות אין מעת לעת אונ ער פלעגט דאס צו טיילין אויף פיר טייל. דהיינו איין האלבע שעה פלעגט ער שלאפין ביי טאג אין דרבי האלבע שעה פלעגט ער

שלאפין

שלאפן בייא נאכט · דען ווען ער פלעגט אפ שלאפן איין האלבע שעה פלעגט ער זיך שטארקן וויא איין לייב אונ פלעגט וואשן דיא הענט אונ אן הויבן צוא לערנען אויף איין הויכן קויל. אונ דער נאך פלעגט ער ווייטער שלאפן אהאלבע שעה אונ פלעגט זיך ווייטער אויף חאפין אזו וויא פריער. אונ אזו פלעגט ער טאן אלע נאכט דריי מאל *) אונ אין דיא צייט פון זיין שלאף פלעגין אויך זיינע

לעפצין

---

*) אזו שרייבט זיין זון הרב הגדול ר' אברהם אין ס' „סערת אליהו" אז העכער וויא פופציג יאר אז ער האט ניט גישלאפן בייא נאכט נאך אנאנד מער וויא אהאלבע שעה אונ פאר האלבע נאכט האט ער זיך גישטארקט וויא אלייב איז אויף גישטאנען באימה ויראה אונ גיוואשין דיא הענט אונ גיזאגט ברכות השחר מיט גרוים שמחה אונ גרוים אהבה צו השי"ת וואס עס איז גאר ניט אוים צו שרייבין אין דער נאך פלעגט ער לערנען פון פאר האלבע נאכט ביז טאג *) העכער וויא אכט שעה (אין ווינטער נעכט) נאך אנאנד שטיין אויף דיא פים אונ לערנען גמרא אונ פוסקים מיט איין פארכטיגע זיסע שטימע אז ווער עס האט דאס גיהערט האט זיך אין אים דער וועקט הייליגע גיפילין צוא אהבת השי"ת אונ אהבת התורה, אונ דער נאך האט ער זיך גיוואסין צום דאוונען אונ גישטעלט דאוונען מיטין צבור ווארט אין ווארט מיט אזיסע צימליכע שטימע אונ ווער עס האט אים גיהערט דאוונענדיג אפילו איין מאל שבת אדער וואך האט זיך אין יענעם דער וועקט איין גיפיל פון יראת שמים אויף אלאנגע צייט. דער מענטש וואס האט גיהאט אפילו אשטיינענע הארץ איז צוא באנגען וויא וואקס פון דיא ליבטיקייט אונ גישמאק פון זיין כוונה וואס ער האט מכוין גיוועזן אין יעדער ווארט אונ פון זיין זיסע צימליכע שטימע. נאכין דאוונען פלעגט ער לייענען איין פרשה פון דיא סדרה שנים מקרא ואחד תרגום אונ יעדער ווארט האט גיפערילט פון זיין

---

*) מזה משמע שהשלשה פעמים חצאי שעה שהיה ישן בלילה הי' קודם חצות ועי' ברכות (ג' ע"ב) עד חצות הי' מתנמנם כסוס מכאן והילך התגבר כארי.

לֶעפְּצִין רַיידִין תּוֹרָה*) אוּנ קֵיין מָאל אִיז עֶר נִיט גִינַאנְגֶען ד׳ אַמוֹת אָן תּוֹרָה אוּנ אָן תְּפִלִּין • אוּנ הָאט קֵיין מָאל נִיט גִיקוּקְט אַרוֹיס פוּן זַיינֶע ד׳ אַמוֹת • אוּנ הָאט קֵיין מָאל נִיט גִירֶעט קֵיין וָוארְט פוּן דְבָרִים בטלים

הַיילִיגֶע מויל • דֶער נָאךְ פְלֶעגְט עֶר עֶטְווָאס אִיבֶּער בַּייסִין אוּנ זִיךְ צוּ גִילַייגְט שְׁלָאפִין אַיין הַאלְבּ שָׁעָה, אִין אַהַאלְבּ שָׁעָה אַרוּם הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט מִיט אַיין גָעלְטֶענֶע זְרִיזוּת מִיט אֵימָה וְיִרְאָה פּוּנְקְט וויא אַיינֶער חַאפְּט זִיךְ אוֹיף פַאר אַקֵינִיג אוּנ תֵּיכֶף זִיךְ גִיזֶעצְט לֶערְנֶען בִּיז מנחה — אוּנ אַז עֶר אִיז גִיוָואר גִיוָוארִין אִין מִיטִין טָאג וֶועגִין אַיין מצוה פוּן רַאטֶעוָוען אַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶען אָדֶער אַגְמִילוּת חֶסֶד דְהַיינוּ אַיין עָנִי בֶּן טוֹבִים (אַיין גִיפַאלֶענֶער בעל הבית) וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ קֵיין בְּרוֹיט נִיט אוּנ טְרָאגְט נֶעבֶּעךְ אוֹיף זַיין פָּנִים אַיין מַאסְקֶע פוּן בּוּשָׁה אָן צוּא שְׁטָעלִין אַהַאנְד צוּא בֶּעטִין הָאט עֶר תֵּיכֶף וּמִיַד חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ גִיוֶועזְן צוּא הָאט יֶענֶער עֶפֶּעס פאמיליע אִין שְׁטָאט אוּנ הָאט תֵּיכֶף וּמִיַד גִישִׁיקְט זַייא רוּפִין צוּא זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּנ זַייא זַיינֶען שׁוֹין נִיט אַוֶועק פוּן אִים בִּיז וַואנֶען עֶס אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין גֶעלְט צוּא רַאטֶעוָוען יֶענֶעם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען אָדֶער מְפַרְנֵס זַיין יֶדֶעם גִיפַאלֶענֶעם בעל הבית • אוּנ כַּמָה מָאל הָאט עֶר אַוֶועק גִיגֶעבִּין זַיין לֶעצְטִין מַאלְצַייט אָדֶער זַיינֶע לֶעצְטֶע כְּלֵי בַּיִת אוּנ פַאר אִים אִיז גָאר נִיט גִיבְּלִיבִּין נָאר יֶענֶעם אוֹיס צוּא הֶעלְפִין — אוּנ וֶוען אַיינֶער פוּן דִיא יראי אלקים הָאט גִיהַאט אַטְאַכְטֶער אוֹיס צוּא גֶעבִּין וָואס עֶר הָאט

*) אַיינֶער פוּן דִיא גְדוֹלִים פוּן ווילנא וָואס פְלֶעגְט אַרַיין גֵיין צוּם גָאוֹן עֶר הָאט גִיהֵייסִין הַגָאוֹן ר׳ שָׁאוּל • הָאט עֶר גִיזֶעהֶען אִין דֶער צַייט אַז דֶער גָאוֹן הָאט גִישְׁלָאפִין אִיז פִיל מָאל גִיוָוארִין שִׁינוּיִים אִין זַיין פָּנִים אַזוֹ וויא אַיינֶער הָאט גְרוֹיס צַעַר • אַיין מָאל הָאט עֶר שְׁטַארְק גִיבֶּעטִין דֶעם גָאוֹן עֶר זָאל אִים זָאגִין דֶעם טַעַם דֶער פוּן • הָאט עֶר אִים מְגַלֶּה גִיוֶועזְן אַז עֶר הָאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דִי מֵתִים וָואס זַייא הָאבִּין זַייעֶר בִּיטֶערֶע עוֹנְשִׁים • אוּנ בִּפְרָט פוּן דִיא לַייט וָואס עֶר הָאט זַייא גִיקֶענְט פַארִין לֶעבִּין :

בִּטֵּלִים· און פון זיין גרויס בּאהָעפְטונג צוא השי"ת פְּלֶעגְט פּאסִירִין אַז זַיינֶע קִינְדֶער פְּלֶעגִין צוא אִים אַמָאל קוּמֶען הָאטְשֶׁע עֶר הָאט גִיהַאט גְרויס שִׂמְחָה דֶען עֶר הָאט זַייא אַלַאנְגֶע צַייט נִיט גִיזֶעהֶען

---

פלעגט

הָאט זִיךְ אַלַיין נִיט גִיקֶענְט הֶעלְפִין און אִיז גִיקוּמֶען צוּם גָאון בְּעֶמְין רַחֲמִים עֶר זָאל אִים אויס הֶעלְפִין הָאט דָאס פִּיל נִיט גִידויעֶרְט בִּיז עֶר פְּלֶעגְט פון זִיךְ אָפּ קַארְגִין דָאס לֶעצְטֶע און פון וָואס אִים אִיז נָאר אַרַיין גִיקוּמֶען אִין הַאנְט הָאט עֶר גִיגֶעבִּין מִיט אַרוּחַ נְדִיבָה' און אויף זַיין גַאבּ אַלַיין הָאט נִיט גִיקְלֶעקְט פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זַיין בַּייא יֶענֶעמְס קְרוֹבִים בִּיז וַואנֶען עֶס אִיז גִיוָוארִין גַדָן און בְּגָדִים און אַלֶע הִצְטַרְכוּת· אַיינֶער אַיין גֶעוִויסֶער תלמיד חכם וירא אלקים ר' יעקב סופר פון שְׁטָאט קידאן הָאט גִיהַאט אַכְט טֶעכְטֶער אִיז וִויא עֶס אִיז גִיקוּמֶען אַיין טָאכְטֶער אויס צוא גֶעבִּין פְּלֶעגְט עֶר אַרַיין שְׁרַייבִּין אַיין גִיבֶעט בְּרִיף צוּם גָאון און דֶער ר' יעקב הָאט נִיט גִיהַאט אִין ווילנא קַיין שׁוּם קָרוֹב און גוֹאֵל און עֶר הָאט אִים אויס גִיהָאלְפִין אויס גֶעבִּין דִיא טָאכְטֶער מִיט נַדָן וּבְגָדִים און אַלֶע הִצְטַרְכוּת און אַזוֹא הָאט עֶר אִים אויס גִיהָאלְפִין בַּייא אַלֶע טֶעכְטֶער הַגַם עֶר אִיז זַיינֶער נִיט גִיוֶועזֶען קַיין קָרוֹב וְגוֹאֵל, אויךְ אַיין גֶעוִויסֶער ת"ח ירא אלקים פון סלוצק וָואס עֶר הָאט אִים אויס גִיהָאלְפִין מַאכִין תהונה זַיינֶע טֶעכְטֶער, און נָאךְ כמה וכמה תלמידי חכמים און יראי אלקים וָואס הָאבִּין זִיךְ אויס גִיהָאלְפִין נָאר דורךְ זַיינֶע הִשְׁתַּדְּלוּת, בְּקִיצוּר וִויא וַוייט עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אַגָאון אַקָדוֹשׁ וְטָהוֹר אִיז עֶר אויךְ גִיוֶועזֶען אַשְׁרֶעקְלִיכֶער מֶענְטְשִׁין פְרַיינְד אַבַּעַל גוֹמֵל חֲסָדִים און אַגוּט הֶערְצִיגֶער צוא הֶעלְפִין דֶעם צְוַוייטִין מִיט לַייבּ און לֶעבִּין· דִיזֶער הייליגער מַאן הָאט זוֹכֶה גִיוֶועזֶען צוּ אַלֶע מִד"ת וָואס דֶער הַיילִיגֶער תַּנָא ר' מֵאִיר שְׁרַייבְּט אִין פִּרְקֵי אָבוֹת כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה כו' אהוב אוהב את המקום אוהב את הבריות, דָאס הַייסְט דֶער אִיד וָואס לֶערִינְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ אִיז זוֹכֶה צוּ זַייער גְרויסֶע זַאכִין עֶר אִיז זוֹכֶה לִיבּ הָאבִּין דֶעם בּוֹרא ב"ה מִיט אַ גְרוּנְד און אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַ מֶענְטְשִׁין פְרַיינְד מִיט אַ גְרוּנְד.

פלעגט ער ביא זיא גאר ניט פרעגן פון ענייני פרנסה · נאר ער פלעגט זאגן דוא האסט דאך אין וועג בוודאי מבטל גיוועזן פון דיין שיעור וואס דוא לערינסט אלע טאג · בכן זאלסטו זיך אויס רוען פון דעם וועג אונ זאלסט דאס אלץ משלים זיין ביא מיר אין מיין הויז :

זיין שטייגער איז גיוועזן אין דער יוגינט פלעגט ער צו מאכין ביי טאג דיא פענצטער מיט דיא לאדין · אונ פלעגט לערנען פאר איין ליכט בכדי עס זאל אים ניט זיין קיין ביטול פון דיא [illegible] לייט · אונ פיל צייטין פלעגט ער לערנען אין איין וואלד אין איין חדר אליין · אונ קיינער האט ניט גיוואוסט פון אים · נאר אז ער איז עלטער גיווארין איז שוין זיינע מחשבות גיוועזן אזו שטארק באהעפט צוא השי"ת אז עס איז אים קיין זאך ניט גיוועזן קיין ביטול · אין דער צייט אז ער האט גילערינט האט מען גיקענט טאן לעבין אים וואס מען האט גיוואלט אונ ער האט גאר ניט גיוואוסט פון קיין זאך · ☜ אונ אז דער שמש פלעגט אריין גיין צוא אים זאגין אז מען בעדארף שוין דאווענען מנחה · פלעגט גידויערין אלאנגע צייט ביז וואנען ער פלעגט אים דער וועקין פון זיינע טיפע גידאנקען . אזו וויא מען מוז אויף וועקין איינעם וואס איז שטארק פאר שלעפערט — אונ איין מאל האט ער גילערינט מיט זיינע תלמידים האבין זיי אים גיזאגט אז עס האט גיטאן א שטארקין דונער . האט ער צו זיי גיזאגט אז באלד ווי מען [illegible] דערין אין מיטין לערנען וויא עס טוט איין דונער הייכט דאס ניט גוט אריין גיליינט אין לערנען :

— און זיינע ביאורים וואס ער האט גישריבין איף די פיר טייל פון שלחן ערוך האט ער דאס אלץ גישריבין פאר צכצין יאר (אך הליקוטים שנתוספו אח"כ בדפוס נסתמא כתבן אח"כ). און אז ער איז גיוועזן אלט אכצין יאר האט ער אויף זיך מקבל גיוועזן אפצו ריכטין גלות און איז זיבין יאר צרום גיגאנגען נע ונד . — און איך און פאנג אז ער פלעגט קומען אין איין שטאט האבין אנדערע פון אים גילאכט . דען מען האט גימיינט אז ער איז אוואה ווייל ער איז תמיד גיגאנגען איז טלית און אין תפילין און האט תמיד ניט אויף גיהערט צו שאקלען מיט זיינע לעפצין . און ער האט מיט קיינעם

נאר ניט גירעט . נאר צום סוף האט מען פיל מאל זיך דער וואוסט פון זיינע גרויסע וואונדער . איין מאל איז ער גיקומען ערב פסח קיין ואלקווע איז ער גיגאנגען צום רב אונ האט אים גיבעטין ער זאל אים נעמען אויף פסח . פרעגט דער רב ביא אים וואס איז דיר אזו גיפעלין צוא זיין ביא מיר פסח . זאגט ער ווייל ביא דעם רבי איז מסתמא אלע זאכין פון פסח זייער כשר . האט ער אים גינומען אז עס איז גיקומען ביא נאכט זאגט צוא אים דער רב אפשר ווילסטו מאכין דעם סדר פאר זיך אליין . זאגט ער צוא אים באלד וויא איך איז דאס לרצון איז דאס ביא מיר אויך לרצון . האט דער רב גיזעהן אז ער טוט אין אנדערע זאכין ניט וויא דיא וועלט איז זיך נוהג (דען אים איז גיפעלין וויא דיא דעה פון אנדערע גאונים) האט דער רב דאס דער ציילט פאר דיא גדולים אין שול . איז ביא זייא גיבליבין איין הסכם אז מען זאל אים פרובירין אויב ער איז איין למדן זאל מען אים אפ לאזין . אונ אויב ניט זאל מען אים געבין איין פסק אזו איין יונגער מאן זאל מאכין נייס . אונ אז עס איז גיקומען ביא טאג אין עסין האט אים דער רב גיבעטין ער זאל זאגין עפעס תורה האט ער ניט גיוואלט בשום אופן פרעגט דער רב ביא אים אפשר וועסטו קענען פאר שטיין אז איך וועל זאגין פאר דיר איין ענין אין דער תורה האט ער גישאקילט מיטין קאפ יוא . האט דער רב גיזאגט פאר אים איין שארפין פלפול אונ ער האט אלין גישוויגין איז דער רב גיווארין אין כעס זאגט ער צוא אים אפשר פאר שטייסטו נאך ניט וועל איך דיר נאך איין מאל מוזין איבער זאגין . ענטפערט אים דער גאון וואס בעדארף זיך דער רבי אום זיסט מטריח זיין איך וועל פאר איך אליין איבער זאגין . האט דער גאון איבער גיזאגט דעם גאנצין פלפול זייער בקיצור נאר אין עטליכע ווערטער האט דער רב דער פון פאר שטאנען אז ער מוז זיין איין גרויסער מענטש האט ער אים אפ גילאזין אונ דער גאון האט זיך אלין ניט גיוועלט ארויס ווייזין , אונ אז עס איז גיקומען אויף מארגין נאך פסח איז ער תיכף אוועק פון דארטין אונ מען האט גיפונען אין זיין חדר אויף דעם טיש געלט מיט איין צעטיל אויס גירעכינט אלע הוצאות וואס ער האט זייא גיקאסט איבער פסח (דען

ער

ער האט ניט געוואלט מקבל זיין פון לייטן כל זמן ער האט גיהאט אויף דער הוצאה)

אונ אז ער איז גיוועזן אין פרייסין אין שטאט ליסא. האט זיך דארטין גיענדיגט דיא צייט פון זיין גלות. אונ דיא שטאט לייט האבין אים אוועק גישיקט מיט גרויס כבוד דורך פאצט קיין בערלין. אונ זייא האבין אפריער גישריבין קיין בערלין אז דער גאון וועט דורך פארין ביי זייא. אונ דארט אין בערלין איז גיוועזין איין גרויסער גביר אונ אויך זייער איין גרויסער מכניס אורח. ער האט גיהייסין ר' יעקב צבי ז"ל, אונ דער גביר וויא ער האט דער הערט אז דער גאון דארף דא קומען. איז ער גישווינד גיגאנגען צום פאצט מייסטער אונ האט אים גיבעטין אז עם וועט קומען אויף פאצט איין מענטש וואס ער הייסט אליהו פון ווילנא זאלסטו מיר גלייך אן זאגין ווארום איך וויל אים פאר בעטין צוא זיך אין מיין הויז אונ דער גביר איז גיגאנגען אהיים אונ האט אויס גיצירט זיין הויז פאר דעם גאון אונ פאר דיא גדולים פון שטאט וואס זייא וועלין קומען הערין תורה פון דעם הייליגין גאון. אונ אז עס איז גיקומען פרייטיג אין האלבין טאג איז אן גיקומען דער גאון קיין בערלין. אונ דער גביר האט אים גינומען אין זיין הויז. אונ ער האט אן גיגרייט פיל מאכלים אויף שבת פאר אלע גדולים פון שטאט. בכדי דער גאון זאל האבין פאר וועמען צוא זאגין תורה. אונ לעבין דעם גביר האט גיוואינט אין פראפעסער איין גרויסער חכם. ער איז גיוועזן איין מבונה איבער דריי קארעגיות און ווי דער פראפעסער האט גיזעהען ביי דעם גביר אין הויז אזוי צוגרייכין קאך, האט ער אים גיפרעגט וואס דאס באטייט? האט ער אים דער ציילט דיא גאנצע מעשה פון דעם גאון. און ער האט גיזאגט אז לבד וואס דער גאון איז זייער גרים אין תורה און אין צדקות. איז ער נאך גרויס אין אלע חכמות גאר אן א שיעור. האט אים דער פראפעסער גיבעטין אז ער זאל בעטין ביי דעם גאון אז ער זאל געבין רשות דעם פראפעסער ער זאל ביי אים פרעגין איין ענין אין תכונה (אסטראנאמיע) דען מיר האבין שוין יגיעה דערויף פון דריי יאר און מיר קענען דאס אליין ניט דער גיין. האט ער אים גיענטפערט רעכט, איך וועל זעהען

פועל

פועל זיין ביא אים . אונ אגאנץ שבת האט דער גביר ניט גיוואגט זיך צוא גיין צום גאון רעדין מיט אים וועגין דעם . נאר צוא שלש סעודות איז ער צו אים צו גיגאנגען און האט אים גיזאגט איך וואלט בעטין דעם רבי איין ענין , וואס דער פון וועט ארויס קומען איין גרויסער קידוש השם אז די אומות זאלין אויך וויסין אז ביא די ישראל גיפינט זיך גרויס חכמה . און ער האט אים דער ציילט די מעשה מיט דעם פראפעסער . האט ער אים געהייסין קומען נאך הבדלה. און נאך הבדלה איז דער פראפעסער גיקומען און ווי ער איז גיקומען אונ מען האט דעם גאון גיזאגט דיא גאנצע שאלה וואס דער פראפעסער האט גיפרעגט . האט ער גינומען איין שטיקיל פאפיר . אונ האט גימאכט דערויף כמה ציורים . אונ וויא דער פראפעסער האט דאס גיזעהען איז אים שוין רעכט גיווארין אלע זיינע שאלות . האט ער זיך זייער פאר וואונדערט אונ איז אוועק פון דארטין מיט גרויס שמחה . אונ דער גביר מיט דיא לייט האבין בעלייט דעם פראפעסער . אונ וויא זייא זיינען ארויס פון דער טיר האט דער פראפעסער צוא זייא גיזאגט . איר זאלט ניט מיינען אז דער אורח וואס איז אין אייער הויז איז איין מענטש . דען ער האט אין זיך געטליכע חכמה וויא איין מלאך פון דעם הימיל . אונ דער פראפעסער איז ביא נאכט גיגאנגען צוא דיא חכמים פון קאדעמיע אונ האט זייא אן גיזאגט דיא בשורה . האבין דיא אלע חכמים גיוואלט גיין אין דער פריא צום גאון אונ בעדאנקען אים דער פאר . נאר זייא האבין אים שוין ניט גיפונען . דען ער איז שוין אוועק פון דארטין :

הגאון ר' שאול מווילנא האט דער ציילט אז ער האט דאס אליין גיהערט פון גאון ז"ל וואס עס האט זיך פאסירט בעת גלות אפ ריכטין אז אסתר תענית איז ער גיוועזן אין פרייסין אונטער דער וועגינס ווייט פון שטאט אונ ער האט ניט גיקענט אן ציהען קומען אין שטאט צוא דער מגילה בצבור אונ ער האט ניסט גיקראגין קיין פור נור איינער וואס איז גיפארין מיט טעפ אין שטאט האט ער אים באדונגען נעמען אים אפין פור ביזין שטאט . אין וועג האט זיך אקער גיטאן דיא פור אונ האט זיך איבער גיקערט אונ זיינען אלע ארויס

גיפאלין

גיפאלין פון פור אונ איינינע טעפ האבין זיך צוא בראכין איז דער בעל עגלה אין כעס גיווארין אונ האט גישלאגין דעם גאון פאר וואס ער האט זיך ניט גישטארקט איין האלטין דיא פור זיא זאל ניט פאלין איז דער גאון קאם אטרונגען גיווארין פון אים אונ איז גילאפין וואס צום גיכסטין אין שטאט צוא הערין דיא מגילה בצבור. קומענדיג אין שטאט האט ער שוין גיפונען נאך דער מגילה אונ נאך אלע השתדלות האט ער ניט גיקראגין קיין מנין צוא לייענען דיא מגילה האט ער גימוזט דינגען אמנין מענטשין אונ איין צאלין זייא פאר אוים יעדערין צעהען זילבער גראשין דאס איז צוא צווייא גילדין וויא ער האט זייא איין גיצאלט אונ האט אן גיהויבין צוא לייענען דיא מגילה האבין זיי זיך אוים גילאכט אונ זיינען צוא לאפין ביז עס איז ניט איינער גיבליבין אונ ער האט גימוזט לייענען פאר זיך דיא מגילה, אונ יעדער מאל וואס דער גאון פלעגט דער ציילין דיא מעשה פלעגט ער וויינען בעך טרערין, פון דעם קענען מיר פאר שטיין אז אפילו בעת זיין גלות אפ ריכטין האט ער ניט מבטל גיוועזן תפלה בצבור וויא ווייט מעגליך איז אונ אויך קיין שום דבר שבקדושה וואס דארף זיין בצבור אונ האט ניט מבטל גיוועזן קיין שום הדור מצוה אונ אז איין מאל האט אים דורך אסבה אוים גיפעלט האט דאס אים שטארק גיקרענקט אונ האט פאר גאסין טייכין טרערין, זאלין זיך רעכט פארטיגע לייט לערנען איין מוסר אז עס איז ניטא אזא דאגה חיא דיא דאגה פון מבטל זיין אמצוה אונ עס איז ניטא אזו איין שמחה וויא דיא שמחה פון מקיים זיין איין מצוה.

איין מאל האט ער גידונגען איין פור אונ האט אוים גירעט מיט דעם בעל עגלה אז דיא צייט פון תפלה וואס ער וועט שטיין אין שמנה עשרה זאל ער ווארטין אויף אים אונ ער וועט אים דער פאר באצאלין. איין מאל האט ער זיך גישטעלט דאווענען איז דער בעל עגלה אוועק גילאפין מיט דעם וואגין מיט דיא אלע חפצים פון דן גאון. איז דער גאון גיקומען אהיים נאר ליידיג. אונ האט גילערינט אין גרוים דוחק. אונ אז מען האט זיך דער וואוסט אין שטאט דער פון האט מען אן גיהויבין שיקין אים אלע וואך זיין הספקה דורך דעם שמש. איין מאל

האט

האט זיך דער שמש מישב געוועזן אונ האט אויף געהערט געבן דעם גאון דיא הספקה אונ ער פלעגט זיך אליין צוא נעמען דאס געלט. אונ דער גאון האט דאס קיינעם ניט מגלה געוועזן ווייל ער האט ניט געוואלט מבייש זיין קיין מענטשן אונ אויך ער האט געהאט אגרויסין בטחון אז השי"ת וועט אים בודאי ניט פאר לאזין. אונ עס האט זיך אזו געצויגן וויפיל יאר. אונ דער גאון האט געליטין גרוים דוחק (דען השי"ת האט געוואלט אוים פרובין אים אויב ער וועט קענען ביי שטיין ביא דעם נסיון) אונ דיא ווייב זיינע איז אויך געוועזן אגרויסע צדקניות האט זיא אויך געליטין גרוים דוחק. איין מאל איז זיא צוא אים אריין געגאנגען אונ האט אים געזאגט פאר מיר אליין ארט מיר גאר ניט. נאר וואס זאל איך טאן מיט דיא קינדער זיי שרייען זייא ווילין עסין. האט ער איר געזאגט אז זיא זאל גיין מיט דיא קליינע קינדער צוא די שכנים אין דער צייט אז זייא וועלין עסין. אונ דער שטייגער איז פון קליינע קינדער אז זיי זעהן אז מען עסט בעטין זייא עסין דען וועט מען זייא געבין. אונ ער האט אלץ ניט געוואלט מגלה זיין פון דער מעשה פאר קיינעם., ביז דער שמש האט שוין געדארפט שטארבין האט ער זיך פארין טויט מתודה געוועזן אז שוין פון אלאנגע צייט האט ער אויף געהערט צוא געבין דעם גאון זיין הספקה:

איין מאל האבין צוא איר געזאגט איינגע מענטשין וואס דארפט איר לעבין מיט אזא מענטשין אין אזעלכע דחקות ער קען דאך זיין ארב אין דיא גרעסטע שטאט אונ פאר דינען אסך געלט אונ לעבין וויא איין פירסט אונ ער וויל דאס ניט דרום בעט ביא אים גט ער איז דאך אצדיק וועט ער אייך ניט וועלין אן טאן קיין יסורים אונ וועט אייך מוזין געבין גט, האט זיא זייא געענטפערט ווארט איין ווייל איך וועל אייך עפעס ווייזין האט זיא ארוים גיטראגין צווייא העמדער איינע וואס דער גאון האט פריטיג אוים גיטאן אונ דיא אנדערע צווייטע פון דיא וועסין נאר זיא האט איר גוט צוא קנייצט וויא איין גיטראגינע העמד אונ זאגט צוא זייא דער קענט וועלכע איז דיא גיטראגינע אונ וועלכע איז פון דיא וועסין האט מען ניט געקענט דער קענען ווייל אן אים האט קיין שמוציגע זאך

ניט

ניט שולט געוועזן *), רופט זיא זיך אב צוא זייא נוא וויא קען מען זאך שיידין מיט אזא היילינין גוף.

ווער קען אויס דער ציילין היילינע מדות פון דעם געטליכין מענטשין וואס ער האט זיך אזו ווייט אויס געבראכין אז ער איז כמעט געוועזן אנשמה אן אגוף אונ האט זיך שטענדיג מסתפק במועט געוועזן וואס אין לשער אונ האט ניט איין רגע מבטל געוועזן פון תורה צוא ליב אזאך וואס אים האט גיפעלט אין עניני הגוף אונ פון דעסט וועגין פלעגט ער תמיד זאגין אז ער האט נאך ניט גיגרייכט צום גרונד פון פון מדת הסתפקות וויל איין מאל אין דיא צייט פון זיין גלות אף ריכטין איז ער גיקומען אין אקליין שטעטיל איז אריין אין בית המדרש דאנערשטיג ביא נאכט אונ האט דארטין גילערינט אגאנצע נאכט אן אויף הערונג, אויף מארגין אין דער פריא נאכין דאוונען אז אלע מענטשין זיינען צוא גאנגען אהיים זעט ער איין אלטע אידינע האט גיבראכט עסין איר אלטין מאן איין סגי נהור וואס ער איז גיזעסין אין טלית ותפלין אונ האט גילערינט בקדושה ובטהרה אין מיטין עסין זאגט דער אלטער מאן צוא זיין וויב גיב אכטונג ווער איז דא אין בית המדרש וואס ער האט דא גילערינט אגאנצע נאכט שטילער הייד ער גיפעלט מיר זייער פאר איין טייערער אונ אהיילינער אורח בעט אים אז ער זאל מיט מיר מיט שפייזין אונ אזו איז געוועזן דיא אלטע האט גיבעטין דעם גאון אז ער זאל מיט שפייזין מיט איר מאן האט דער גאון צום אן פאנג ניט גיוועלט ער האט זיך גיטראכט פיליכט איז דאס אסעודה וואס קאם אויס קומענעס פארין בעל הבית אליין היינט וויא אזו זאל ער קירצין זיין סעודה, ביז וואנען דער אלטער האט אים שטארק גיבעטין ער זאל מיט אים מיט שפייזין אונ זאגט

---

*) וויא אין מדרש שטייט אויף דעם פסוק (ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו) דאס הייסט ווען השי"ת איז צוא פרידין פון דיא מעשים פון דעם מענטשין ניט ער אים חן אין די אויגין פון אלע זיינע פיינדע אז זייא שליסין מיט אים שלום זאגט דר מדרש אז דר ווארט „גם" איז מרבה אפילו „אינזעקטין" האבן אויף אים קיין שליטה ניט.

זאגט צוא אים איך האב ב"ה אפולע צוא עסן פרעגט אים דער גאון פון וואס שפייזט איר זיך ? זאגט דער אלטער מיין ווייב נייט אין מיל אונ נעמט דארטין צוא זאמען (מיט דיא ערלויבענעס פון מילנער) די פול אונ פון דעם שפייזין מיר זיך אונ האלטין אוים נאך ארימע לייט האט דער גאון מיט אים מיט גישפייזט אונ האבין גידאנקט אונ גילויבט השי"ת, פרייטיג פאר נאכט בעט דער אלטער דעם גאון ער זאל זיין בייא אים שבת פרעגט אים דער גאון פון וואנען מאכט איר שבת? זאגט דער אלטער אז שבת פירט ער זיך וויא דיא גרעסטע בעלי בתים וייל זיין אלטע פרויא איז אפליקערקע אין שחיטה שטיביל גיט מען איר דער פאר דיא קעפיל מיט דיא פיסלאך אונ פון דעם מאכין זייא שבת מיט פלייש לרוב אונ מעל האבין זייא פון מיל אונ דער זקן זאגט דאס מיט גרוים שמחה איז דער גאון בייא אים גיוועזן שבת האט ער גיזעהען אז אסך ארימע קינדער אונ קלויזניקעס עסין בייא אים שבת אונ פרייען זיך אויף דיא מאכלים וויא דיא שמחה פון סעודת שלמה בשעתה אונ לערנען ביין טיש אונ דאנקען דעם בורא ב"ה מיט אזעלכע היילינע גיפילין אונ נאך מעהר פון אלעמען דער אלטער אליין פשוט דיא שכינה רוהט אויף אים פון גרוים שמחה, פון דענסט מאל אן פלעגט דער גאון מקנא זיין דיא מדת הסתפקות וואס ער האט גיזעהן ביי דעם זקן אונ פלעגט שטענדיג זאגין בענות רוחו אז ער האט נאך ניט גיגרייכט צוא דיא מדת הסתפקות פון דעם היילינין זקן.

דאס גלייכין זיין גרוים ענוה האט ער זיך שטענדיג מצער גיוועזן אז ער איז ניט גיקומען צוא דיא גרויסע מדת ענוה וואס ער האט גיזעהן ביי אגרויסין רב הגאון ר"פ ז"ל וואס בעת גלות אפ ריכטין איז ער אמאל גיקומען אין יענע שטאט אין בית המדרש אונ האט דארטין גילערינט אונ קיינער האט אים ניט גיקענט אז ער איז דער גאון מווילנא האט אים דער רב פאר בעטין אויף אווינד ברויט נאך דעם עסין וואס איז אוים גיקומען נאך האלבע נאכט בעט אים דער רב ער זאל זיך לייגין שלאפין בייא אים אין שטוב ווייל אויף דרויסין איז גיוועזן זייער פינצטער אונ אגרויסער רעגין האט דער רב אליין אים אוים גיבעט כדי מקיים צוא זיין מצות הכנסת אורחים בגופו אונ האט

אים

איִם צוּא גִידֶעקְט מִיט אַיין פוּטֶער פוּן עוֹרוֹה כְּבָשִׂים אוּנ דֶער רב הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אִין מִיטֶין לֶערְנֶען גִיט דֶר רב אַכְטוּנְג אַז דֶער אוֹרֵחַ הָאט פוּן זִיךְ אַרָאפּ גִירוּקְט דֶעם פוּטֶער הָאט עֶר אִים וַוייטֶער צוּא גִידֶעקְט הָאט דֶער גָאוֹן וַוייטֶער אַרָאפּ גִירוּקְט פוּן זִיךְ דֶעם פוּטֶער הָאט דֶער רב דָאס וַוייטֶער בַּאמֶרְקְט אוּנ הָאט אִים וַוייטֶער צוּא גִידֶעקְט אִין אַוֶוייל אַרוּם זֶעט וַוייטֶער דֶער רב אַז דֶער פוּטֶער לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד , הָאט דֶער רב אִים אָן גִיהוֹיבֶּין צוּא בֶּעטִין מִיט תַּחֲנוּנִים אַז עֶר זָאל אִים נִיט שְׁטֶערִין פוּן לֶערְנֶען אוּנ זָאל אַלֵיין הִיטִין דֶער פוּטֶער זָאל פוּן עֶם נִיט אַרָאפּ פַאלִין (דֶער רב הָאט נִיט גִיוואוּסְט אַז דָאס אִיז דֶר גאון) הָאט דֶר גאון אִים גִיעֶנְטְפֶערְט אִיךְ בִּין חוֹשֵׁשׁ פַאר שַׁעַטְנֵז לְדַעַת הרמב"ם וויא דֶער רב הָאט דָאס דֶער הֶערְט הָאט עֶר אִים צוּא גִידֶעקְט מִיט אַיין אַנְדֶער בֶּגֶד הָאט דֶער גָאוֹן אִיבֶּער גִיחַזֶערְט עֶטְלִיכֶע מָאל שעטנז שעטנז לדעת הרמב"ם הָאט דֶער רב גִינוּמֶען אַמֶעסֶער אוּנ פַאר נַאנְדֶער גִיטְרֶענְט דִיא נֶעט וָואס דִיא שָׁעפְּכִין פֶּעלְכְלִיךְ זַיינֶען צוּא גִינֵייט אַיינֶע צוּא דִיא אַנְדֶערֶע מִיט פָּאדִים אוּנ אִיז גִיזֶעסִין אַנַאנְצֶע נַאכְט אוֹיף דֶעם מִיט אַזַא גִיפִיל פוּן עֲנָוָה הֶערִינְדִיג נוּר אַיין וָוארְט פוּן דֶעם אוֹרֵחַ הַגַּם אַלֶע פּוֹסְקִים זָאגִין נִיט אַזוֹ אוּנ דֶער רב הָאט דָאס גִיוואוּסְט נָאר פוּן גְרוֹיס עֲנָוָה הָאט עֶר דָאס גִיטָאן צוּא טָאן אַנְגִיפֶעלִינְקַייט דֶעם אוֹרֵחַ וַוייזִין אַז בַּיי אִים אִיז טַייעֶר זַיינֶע רֵייד , אִין דֶער פְרִיא הָאט דֶער רב גִיוָועלְט מְקָרֵב זַיין דֶעם אוֹרֵחַ וַוייל עֶר הָאט גִיזֶעהֶען אַז עֶר אִיז אַיין תלמיד חכם נָאר דֶער גאון אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דָארְטִין מֶען זָאל זִיךְ נִיט דֶער וִויסִין פוּן אִים , פְּלֶעגְט זִיךְ דֶער גאון שְׁטֶענְדִיג מְצַעֵר זַיין וויא אַזוֹ אִיז בֶּען זוֹכֶה צוּא אַזַא הוֹיכֶע מדרגה פוּן עֲנָוָה וויא דֶער רב דֶער צַדִּיק *).

אוּנ

*) דִיא מִדָּה לֶערִינְט אוּנְז דֶער וָועלְט חָכָם שלמה הַמֶּלֶךְ ע"ה (משלי יב) יתר מרעהו צדיק , דָאס הַייסְט דֶער שְׁטַייגֶער פוּן צַדִּיקִים אִיז צוּא זַיין בִּצְנִיעוּת אוּנ פַאר בָּארְגִין זַייעֶרֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים נָאר דֶער וָואס וִויל זַיין אַצַּדִּיק אוּנ גֵייט אִין נָאטֶעס וֶועגִין אִיז אַשְׁפֶּיעג עֶר שְׁפֶּיעגֶעוֶועט אוֹיס פוּן זַיין חָבֵר דֶעם צַדִּיק זַיינֶע גוּטֶע מִדּוֹת נָאךְ צוּא טָאן וויא .

אונ אין דעם דור פון דעם גאון איז געוועזען זייער גרויסע גאונים אין דער וועלט אונ פשיטא אין ווילנא (אויך דעם גאונס פיר ברידער זיינען געוועזען גדולים מפורסמים) אונ זייא אלע פלעגין זאגין אז זייער גאנצע חריפות איז נאר ביז זייא קומען צוא דער טיר פון דעם גאון. דען וויא זייא קומען אריין צום גאון איז דיא גרעסטע חומרא וואס זיי פרעגין ביי אים מאכט ער זייא רעכט נאר מיט אקליינעקייט אז זייא בלייבין אין בושׁ וואס זייא האבין דאס גאר ביי אים געפרעגט אזוא אקליינעקייט *) אונ אז ער איז נאך געוועזען איין יונגער מאן. איז געוועזען איין גרויסער גאון אונ איין זקן. ער האט געהייסין ר' יונתן פראגער דער בעל המחבר פון ספר אורים ותומים אונ יערות דבש אונ נאך פיל ספרים. אונ האט געהאט פיל תלמידים גאוני ארץ. האט ער איין מאל גישריבין איין בריף צום גאון אונ האט אים געבעטין ער זאל אים געבין איין הסכמה אויף זיינע קמעות. אונ ער האט גישריבין אויף דעם גאון זייער אגרויסין שבח וואס נאר אן אשיעור:

פיל לייט פון מרחקים פלעגין פארין קיין ווילנא צוא זעהן דאס גישטאלט פון זיין געטליכין פנים אונ צוא הערין דיא זיסע רייד פון זיין תפלה. זייא פלעגין זיך ניט קענען פאר וואונדערין וויא קען דאס קומען איין מענטש צוא אזא הויכע מדרגה, דען אין יעדער ווארט פון זיין תפלה פלעגט מען פאר שטיין אז דיא אהבה פון השי"ת שטארקט זיך ביי אים אלין מער אונ מער. זיי האבין אויך גיוואלט אזוי טאן זייא האבין אבער גיזעהן אז עס איז גאר ניט קיין סברא צו גרייכין אזוי אהויכע מדרגה **).

---

*) וגדולה מזה מצינו בביאוריו בכמה מקומות שגדולי הראשונים כלאו לעמוד על תוכן כונת הענין והוא ז"ל ביאר הדברים כשמלה בדברים פשוטי' עד שאין מקום לנטות מדבריו הקדושי':

**) אונ אין דעם דור פון דעם גאון איז געוועזען בעהאלטענע צדיקים אויך וואס קיינער האט פון זיי ניט גיוואוסט נאר דער גאון. איין מאל איז געוועזען איין ישובניק לעבין בראד. האט ער גיהאלטין ביי זיך אין ברויז אין ווינער וואס מען פלעגט אים רופין לייב נאטש בעהמעלע. דען ער האט זיך אויס גיוויזין וויא איין פראסטער מענטש אונ איין גרויסער שוטה. אונ אז דר גאון איז גיפארין קיין ארץ ישראל

אונ

און ער איז געוועזן אין דער שטאט וואס לעבען דעם ישובניק. האט ער געשיקט איין בריף מיט איין שליח מיוחד און האט איהם פאר זאגט אז ער זאל דעם בריף קיינעם ניט מוסר זיין נאר דעם ר' לייבן אין האנט. דער שליח איז געקומען צו דעם ישובניק און פרעגט בייא איהם וואו איז דא איינער ר' לייב. האט ער אן געהויבען צו לאכען. זאגט ער ביי מיר געפינט זיך גאר ניט קיין ר' לייב נאר עס איז דא ביי מיר איין וויינער הייסט ער לייבקע. האט ער געפרעגט בייא דעם שליח וואס פאר עסקים האסטו מיט איהם. האט ער איהם ניט געוואלט ענטפערין. איז ער צו איהם שטארק צו געשטאנען. האט ער איהם דער ציילט אז ער האט צו איהם איין בריף פון דעם ווילנער גאון. איז ער נאר משתומם געווארין. האט ער איהם געבעטין ער זאל איהם חאטשע ווייזין דעם בריף פון אויבין דעם אדרעס. האט ער געזעהן וויא דער גאון האט אויף איהם געשריבין דער הייליגער מענטש ר' לייב. האט ער זיך זייער פאר וואונדערט און האט געבעטין דעם שליח ער זאל איהם דר ציילין וואס ער האט איהם געענטפערט. איז ער צו איהם געגאנגען אין ברויז וואס מען מאכט דיא יי"ש און האט איהם אפ געגעבין דעם בריף האט דער ר' לייב איבער געלייענט דעם בריף און האט איהם אריין געווארפין אין פייער און האט דעם שליח גאר ניט געענטפערט. האט דער שליח אן געהויבין צו בעטין איהם ער זאל איהם געבין איין תשובה אויף דעם בריף דען אויב ניט וועט איהם דער גאון ניט וועלין גלייבין אז ער האט מוסר געוועזן דעם בריף און ער וועט איהם ניט באצאלין. האט איהם ר' לייב געזאגט דוא זאלסט איהם זאגין אז מען בעדארף ניט. און מער האט ער שוין ניט געוואלט ריידין. איז דער שליח געגאנגען און האט דאס דער ציילט דעם ישובניק. פלעגט דער ישובניק בעטין דעם ר' לייב אז ער זאל איהם זאגין דעם ענין פון בריף און ער האט איהם אלץ ניט געוואלט זאגין. איין מאל איז ער צו איהם צו געשטאנען זייער שטארק און האט איהם געזאגט אויב ער וועט איהם ניט זאגין וועט ער איהם אפ זאגין פון זיין מלאכה וואס ער טוט בייא איהם וועט ער ניט האבין פון וואנען צו מפרנס זיין זיך. האט ער איהם דער ציילט אז דער גאון האט איהם געבעטין ער זאל מיט איהם פארין קיין ארץ ישראל.

האט ער אים גיענטפערט אז מען בעדארף ניט דען דעם גאון ווערט מען ניט געבין קיין רשות מן השמים צוא פארין וועט ער זיך אויך מוזין אום קערין פון וועג צוריק *):

דר פאטר פון גאון פלעגט אויך וועלין הערין פון אים תורה ער האט אבער ניט גיקענט. דען ווען ער פלעגט צוא אים ארין קומען פלעגט זיך דער גאון פאר אים שטעלין. אונ ער האט דאס ניט גיוואלט ליידין ער זאל אים מטריח זיין. איין מאל איז דער גאון גיזעסין אונ גיזאגט תורה פארין עולם. האט זיך דער פאטער אן גיטאן אין אנדערע קליידער מען זאל אים ניט דער קענען אונ איז ארין גיגאנגען צווישין דעם עולם אונ האט זיך אום גיקערט מיטן פנים צום וואנט מען זאל אים ניט דער זעהן. דער גאון אבער האט זיך תיכף אויף גיהויבין אונ האט זיך גישטעלט פאר אים איז ער ארויס גיגאנגען צוריק:

אונ דיא תלמידים פון דעם גאון זיינען אויך גיוועזען גדולי הדור אין תורה אונ אין צדקות אונ אין חכמת הקבלה. איינער פון די תלמידים האט גיהייסין הגאון הצדיק ר' זלמן מוואלאזין זצ"ל ער איז גיוועזען אזוי וויא איין נשמה אן אגוף. אז ער איז נאך גיוועזען איין קליינער קינד האט מען שוין גיזעהן אז ער איז איין געטליכער מענטש. זיין הייליגע נשמה האט אן גיהויבין צוא שיינען אין אים נאך קליינער הייט. אז ער איז אלט גיוועזען איין יאר האט אים דיא מוטער מחנך גיוועזען צוא מאכין איין ברכה אויף דיא מילך וואס ער האט גיזויגין פון די בריסט איז פון דאמאלט אן ווען ער פלעגט וועלין זייגין אפילו ווען ער איז גיוועזען שטארק הונגעריג פלעגט ער ניט וועלין נעמען זייגין אן אברכה עס איז גיוועזען איין גרויסער וואונדער צוא זעהען דאס איין קינד וואס קען נאך גאר ווייניג ריידין זאל בעטין דיא מוטער זיא זאל מיט אים מאכין איין ברכה. אונ אז מען האט מיט אים אן גיהויבין צוא לערנען אלף בית אז ער איז אלט גיוועזען צוויי יאר מיט אהאלבם. האט ער שוין דעם אלף בית ניט ארויס גילאזין פון האנט. ער פלעגט אים תמיד זיין אונ חזרין ביז ער פלעגט אנטשלאפין ווערין. אונ תיכף

וויא

---

*) והטעם מה שנמנע ליסע לא"י עיין בס' עליות אליהו הערה פ"ו.

וויא ער האט זיך אויף גיהאפט פון שלאף פלעגט ער ווייטער אן הויבן צו חזרן דאס. אונ אזו איז ער תמיד גיגאנגען גרעסער אונ גרעסער אונ אמקצת פון זיינע שבחים איז אויס גידרוקט אין דעם ספר תולדות אדם. אונ אז ער איז אלט גיוועזן פיר אונ צוואנציג יאר. איז ער שוין גיוועזן קלאר בעל פה אין גאנץ ש"ס מיט אלע פוסקים אונ מדרשים אונ ספרי קבלה. אונ אין וועלכין ספר מען פלעגט בייא אים פרעגין פלעגט ער זאגין תיכף אויס ווייניג מיט דעם לשון גלייך. וויא ער וואלט האבין דאס ערשט אפ גילערינט מיט גרויס עמקות *). אונ ווען ער פלעגט וועלין אריין גיין צום גאון פלעגט אים ציטערין אלע אברים. איין מאל איז איינער גיקומען קיין ווילנא. האט ער גיהערט פון לייטין איין רייד וועגין דעם גאון אז ווער עס גייט אריין צוא אים פאלט אויף יענעם אגרויסע אימה. אונ דער מענטש איז גיוועזן ביי זיך זייער תקיף האט

ער

*) דער גאון מוהרי"ל אין זיין ספר עצי עדן (דף ט"ו) שרייבט מיט דיזין לשון „אונ ר' זלמן דער ווילנער (דעם גאונס תלמיד) וואס ער האט גילערינט תורה לשמה איז גיוועזן לאות ולמופת (אוואונדער-ליכער צייכין) אין אונזער דור אז בעת ער איז אלט גיוועזן פיר אונ צוואנציג יאר איז ער קלאר גיוועזן בעל פה גאנץ ש"ס בבלי אונ ש"ס ירושלמי, ספרי, מדרשים, רמב"ם, טורים ארבעה שלחן ערוך אונ ספרי מקובלים צו זאגין ריכטיג מיט זייער לשון אונ מיט גרויס עמקות, וואס עס איז זיך גאר ניט פאר צוא שטעלין וויא איז דאס מעגליך אז דער מוח פון אמענטש וואס איז גרויס וויא אפויסט זאל אין זיך אזו פיל ספרים איין האלטין דאס איז גאר ניט קיין נאטירליכע זאך, דאס ווייט מען שיינבאר וויא גרויס איז די קראפט פון די יראי השם אז דער רוח אלקים (געטליכער גייסט) לערינט זיי, אונ פון דעם איז ארויס צוא זעהען וואס פאר אהויכע זאך איז די נשמה פון אצדיק אז זיא שטייט העכער וויא די נאטור אונ זיא ווערט ניט פאר לאשין מיט דעם אפ שטארבין פון קערפער נייערט זיא איז אין נצחיי (איין עוויגע זאך) אונ דאס איז אשטארקער שיינבארער באוויז אז עס איז עפעס דא נאך אוועלט חוץ דיזע

ער פון זייא גילאפֿט . אונ האט גיזאגט אז איך וועל אבין צוא אים
וועל איך זיך גאר ניט שרעקין דען איך בין שוין גיוועזין ביי כמה גדולים
אונ האב פיל מאל מיט זייא גירעט . איין מאל האט ער גיזעסין אויף
דעם שול הויף איין גרויסין קיבוץ פון מענטשין . האט ער גיפרעגט וואס
דאס איז האט מען אים גיזאגט אז דער גאון בעדארף דא קומען אויף
איין חופה האט ער זיך מיט גוואלד אבין גיקוועטשט אין מיטין דעם
עולם האט ער גיזעהען וויא איינער שטייט אונ זאגט אלץ די ווערטער
(מורא רבך כמורא שמים) פאר איין רבי בעדארף מען מורא האבין
וויא פאר הקב"ה . אונ צוא יעדער מאל ווערט ער פאר ציטערט אונ
לאזט זיך אראפ צו דער ערד פון גרוים אימה . האט ער גיפרעגט ווער
איז דאס . האט מען אים גיענטפערט דאס איז דער הייליגער ר' זלמן
דער תלמיד פון גאון . אונ מחמת ער ריכט זיך אז זיין רבי זאל דא
קומען איבער דעם חזרט ער די ווערטער (ומורא רבך כמורא שמים)
איז פון דאמאלט אן גיפאלין אויף דעם מענטשין אגרוים פחד אז ער
האט גאר מורא גיהאט אריין צוא גיין צום גאון :

אונ דער ברודער פון דעם ר' זלמן וואס האט גיהייסין ר' חיים
זצ"ל האב"ד מוולאזין . איז אויך גיוועזין פון די תלמידים פון דעם גאון .
ער איז אויך גיוועזין איין גרויסער גאון אונ איין צדיק . אונ פון זיין
ישיבה וואס אין וולאזין זיינען ארויס גיגאנגען פיל גדולי הדור אונ אמקצת
פון זיינע שבחים איז אויס גידרוקט אין דער הקדמה פון דעם ספר נפש
החיים אונ ער איז גיוועזין איין גרויסער חכם אין מילי דעלמא אויך .
אונ אז מען האט בעדארפט שיקין צוא דער מלוכה יר"ה ריידין וועגין
כלל ישראל . האט מען אים אויס דער וויילט *) אונ אין דער יוגינט
האט ער מקבל גיוועזין דעם סדר הלימוד פון דעם גרויסין חריף דער גאון
וואס האט מחבר גיוועזין דעם ספר (שאגת אריה) . אונ דער נאך איז
דער ר' חיים אן גיקומען מיט זיינע חריפות צום גאון . פלעגט דער
גאון אים תמיד אפ שלאגין זיינע חריפות גאר מיט פשטות . אונ זיין

ברודער

*) ☞ שמעתי מאנשי אמנה שהיה דרכו של הגר"א בעת שהיה מדבר במילי דעלמא היה חוזר על לימוד הש"ס בתוך כך במחשבתו והיה מכה באצבעו על קשרי בגדיו כפי ההלוכות רעיוניו בעניני למודו וכשהיה מגיע להיות ענין שהיה לו צריך עיון בזה היה פוסק מלהכות באצבעו וזה היה האות למכיריו . ובאמת לאו כל מוחא סביל דא שיוכל לדבר בעניני עולם ובאותו העת עצמו יוכל לפנות לבו לדברי תורה :

ברודער ר' זלמן הנ"ל איז בעו"ה נפטר געווארין בקיצור ימים רח"ל *). נאר דער ר' חיים האט מאריך ימים געוועזן. אונ דער גאון האט אים דער לויכטין זיינע אויגין אין דר תורה אין נגלה אונ אין סודות התורה אלאנגע צייט. אונ די אימה פון דעם גאון איז געלעגין תמיד אויף דעם ר' חיים. אז אפילו נאך דער פטירה פון דעם גאון ווען ער פלעגט דער מאנען זיין היילגין נאמען פלעגט ער פאר ציטערט ווערין אונ זיין פנים פלעגט פאר ענדערט ווערין. דען ער פלעגט זיך דער מאנען אן דיא גרויסקייט פון זיין תורה אונ קדושה אונ יראה. איין מאל האט מען געזאגט פאר דעם ר' חיים אז ר' זלמן וואלט מאריך ימים זיין וואלט ער געקאנט גרייכין צוא דער מדרגה פון דעם גאון. האט ער געענטפערט חלילה חלילה. אפילו ווען ער וואלט געהאט לעבין צווייא טויזינד יאר וואלט ער נאך ניט קענען גרייכין אפילו צוא זיינע קנעכיל. — אויך פלעגט ער זאגין אז אלץ וואס ר' זלמן האט משיג געוועזן אין זיין גאנצין לעבין. האט דאס אלץ דער גאון משיג געוועזן נאך פאר דרייצין יאר. נאר דעם ר' זלמן האבין אלע געזעהן זיין גרויסקייט אין תורה אונ אין פרישות גאר וויא איין מלאך אלקים אבער דער גאון איז געוועזן פאר בארגין. דען ער האט זיך זייער געהיט ער זאל ניט ארויס ווייזין זיין גרויסקייט. אונ אלע זיינע כתבים אין נגלה אונ נסתר איז נאך גאר ניט כטפה מן הים קענין זיין חכמה. אונ אז ער איז געוועזן נאך פאר דרייצין יאר האט ער שוין געוואוסט ריכטיג די אלע שמות הקדושים וואס דיא היילגע תנאים פלעגין מיט זיי קענען בעשאפין איין בריאה אונ אין דעם משך וואס ר' חיים האט משמש געוועזן דעם גאון האט ער זיך דער וואוסט פון אים זייער וואונדערליכע זאכין וואס ער פלעגט דאס דער גיין צוא צייטין דורך איין סבה. דען דער גאון פלעגט זיין זייער אפ געהיט ניט מגלה צוא זיין דיא ענינים וואס מען איז אים מגלה מן השמים. (דעם ר' חיים האבין אלע גיקענט אז ער איז געוועזן איין גרויסער חכם. אונ ער וועט בוודאי ניט זאגין אזוי איין זאך וואס ער וויים ניט געווים. אונ פשיטא

קיין

---

*) ואני שמעתי כי בעת פטירת הגאון ר' זלמן הנ"ל לא הודיעו לרבינו הגאון מענין פטירתו. וכאשר נודע לו אח"כ התרעם על מה שלא הודיעוהו.

קיין שקר ח"ו) דער ר' חיים שרייבט אין דער הקדמה פון (ספרא דצניעותא) אז די יגיעה וואס דער גאון פלעגט האבן אין דער תורה איז גיוועזן אן אשיעור ער פלעגט חזרין יעדער פרק אונ יעדער מסכת טויזינדער מאל, אונ מחמת זיין גרויס חביבות צו דיא תורה הקדושה האט ער אמאל גיחאזערט אלאנגע ווינטער נאכט איין משנה פון סדר טהרות *). אונ אז ער פלעגט ניט וויסן איין ענין פלעגט ער כמה טעג ניט עסין אונ ניט שלאפין. אונ ער פלעגט ווערין שווארץ וויא דיא ערד. ביז השי"ת פלעגט אים דער לייכטין דיא אויגן ער זאל דאס גוט פאר שטיין. פלעגט אים אן הויבן דער פנים צו שיינען גאר אן אשיעי

הגאון ר' אברהם שמחה פון אמציסלאוו האט דער ציילט אז ער האט גיהערט פון ר' חיים טוואלאזין ז"ל וועגן דיא גרויסע יגיעה פון דעם גאון אויף דער תורה איין מאל איז ר' חיים ז"ל גיקומען קיין ווילנא

---

*) דער תולדות אדם שרייבט אז ר' זלמעלע האט אמאל גיחזערט איין זאך דריי הונדערט מאל אונ איין אחודש ארום האט ער דאס ווייטער גיחזערט פערציג מאל האט אים ר' בער (ר' ליבעלע ר' בערס פאטער) גיפרעגט דיא גמרא זאגט דאך אז מען דארף חזרין אזאך הונדערט מיט איין מאל אבער מער פון דעם גיפינען מיר דאך ניט האט ר' זלמן גיענטפערט דעם שיעור וואס דיא חז"ל גיבין איז נאר אום מען זאל ניט פאר געסין (הונדערט מיט איין מאל איז מסוגל צוא זכרון) אבער צוא חביבות התורה איז גאר קיין שיעור ניטא ווען עס וואלט זיין צייט וואלט איך חזרין איין זאך אגאנציין יאר אונ נאך מעהער. [אונ דאס איז אזוארע פראקטיקע אז דער וואס האט זוכה גיוועזן צוא שפירין דיא זיסקייט פון דער תורה (וויא דוד המע'ה זאגט הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש ונופת צופים דאס הייסט דיא רייד פון דיא תורה איז גילוסטיג אונ ליבליכער וויא פיל גין גאלד אונ זיסער פון פאטיגע האניק) ביי דיזין מענטשין ווערט ניט מיאוס צוא חזרין אזאך פיל מאל אבער ביי דעם וואס האט נאך ניט זוכה גיוועזן צוא שפירין דיא זיסקייט פון די תורת וויא ער חזערט אזאך עטליכע מאל ווערט אים באלד מיאוס], דער ספר „סנוחת וקדושה" שרייבט אז ווען דער גאון האט גיוועלט צו נעמען איינעם פיר איין תלמיד חבר (צו לערנען צו זאמען מיט אים) האט ער אים פריער אויס גיפרובט ציא האט ער אין זיך מתיקות התורה פלעגט ער אים הייסין חזרין איין זאך כמה מאל אונ אויב וואס מער יענער האט גיחזערט האט ער אלץ מער גישמאק גיקראגין אין דעם אונ האט גיוואלט נאך מער חזרין גאר אן אויף הערונג האט ער בייא אים נושא חן גיוועזן זיך מתחבר זיין מיט אים לערנען צוא זאמען.

ווילנא פֿריִיטיג איז ער ניט אַריין צום גאון נאָר ער איז פֿריִער גיגאַנגען אין מרחץ וויא ער האט זיך נאר אן גיהויבען אויס טאן די קליידער מיט אַמָאל דער משרת פֿון גאון איז דא אונ רופט לר׳ חיים וואס צום גיכסטין קומען צום גאון האט זיך ר׳ חיים גישווינד אָן גיטאן אונ אַוועק צום גאון קומענדיג גיפינט ער דעם גאון שרעקליך אין צער חושך וויא ערד אונ פאר בונדין דיא קאפ מיט איין פאצייילקע, רופט זיך אפ דער גאון צוא ר׳ חיים איך בעט דיר העלף מיר צוא פאר שטיין איין ענין אין ירושלמי וואס מיר איז זייער הארב אונ קען ניט פאר שטיין צום גרונד, ענטפערט ר׳ חיים וואס בין איך גיאכט צוא פאר שטיין אזא זאך וואס דעם רבין איז שווער ענטפערט דער גאון אף על פי כן איז בעסער זאלבע נאנד וויא איינער אליין האט זיך ר׳ חיים פארטיפט (גוט אריין גילייגט) אין דעם ענין איז אים ארויף אפין גידאנקען אזאנג וויא אריין צוא גיין אין דעם ענין האט ער דאס אן גיהויבין פאר לייגין פארין גאון וויא ער האט אן גיהויבין פאר לייגין דאס פארין גאון איז גלייך ליכטיג גיווארין זיין פנים אונ איז פול גיווארין מיט שמחה אונ האט אראפ גינומען פון זיך דיא פאר בינדונג פון קאפ אונ האט גיהייסין דעם משרת אים אריין טראגין עפעס עסין, דער נאך איז ר׳ חיים אריין צוא די בני בית פון גאון אונ גיפרעגט וואס בעטייט וואס ער האט גיהייסין יעצט אים אריין טראגין עסין האבין זייא אים גיענטפערט עס איז שוין דער דריטער טאג וואס ער האט ניט טועם טעם מאכל גיוועזן.

זיין דאוונען איז גיוועזן אום נאטירליך מיט אזא התלהבות אונ שמחה ודבקות בקדושה ובטהרה מען האט ממש גיזעהען אז עס קומט אים צוא וויסנשאפט אונ אהבת השם אין יעדער ווארט פון תפלה, הרב ר׳ חיים מוואלאזין שרייבט (אין דיא הקדמה פון ספרא דצניעותא) ער האט אמאל גירעט מיטין גאון אין דעם ענין פון תפלה בכונה האט איהם דער גאון דער ציילט מען האט איהם אמאל גיוויזן מן השמים דאס גרויסקייט פון דאוונען וויא מען טאר ניט טראכטין אין מיטין תפלה קיין שום מחשבה וואס איז ניט שייך צוא תפלה. דען דער גאון האט איין מאל גיהאט גרויס

יגיעה

גיעה צו פאר שטיין איין מאמר אין זהר וואס רעט מענין ראש חודש האט ער צוועלף וואכין אלץ ניט פאר שטאנען דעם פירוש. איין מאל וויא ער האט זיך גישטעלט מתפלל זיין שמונה עשרה אום ראש חודש, איז אים אריין גיפאלין אין דיא גידאנקען איין פירוש אויף דעם מאמר פון זהר אויף זיבין אופנים. האט ער גיווארט אזו וויא איין פערטיל מינוט ער זאל זיך דאס אריין נעמען אין זינען ער זאל דאס ניט פאר געסין ביז נאך שמונה עשרה. אונ נאך שמונה עשרה וויא ער האט גיוואלט וויסין דיא זיבין פירושים פון דעם זהר האט ער זיך גאר פאר געסין ער האט זיך ניט גיקענט דער מאנען אפילו איין פירוש (דאס איז גיוועזין איין עונש דער פאר וואס ער האט גיטראכט אין מיטין תפלה אמחשבה וואס עס איז ניט שייך צוא תפלה) ער האט גיהאט דער פון גרוים צער. האט ער גיווארט אזו וויא איין האלב שעה ער זאל זיך דעם צער אביסיל ארוים שלאגין ער זאל קענען זאגין הלל בשמחה, אונ וויא ער האט זיך גישטעלט מתפלל זיין מוסף איז אים נאך איין מאל אריין גיפאלין אין דער מחשבה דיא זעלביגע זיבין אופנים וואס אין אן פאנג דא האט ער שוין גאר ניט גיוואלט טראכטין דעריין אונ האט ניט מפסיק גיוועזין דיא כונה פון דער תפלה. אונ וויא ער האט גומר גיוועזין די תפלה איז אים אריין גיקומען דיא אלע זיבין פירושים אין זינען זייער ריכטיג.

איין מאל דעם ערשטין טאג פסח האבין דיא תלמידים גיזעהן אז זיין שמחה איז עפעס ניט אזו פיל וויא זיין שטייגער איז גיוועזין אין אלע יום טוב וואס זיין שמחה פלעגט זיין גרוים אן אשיעור. האבין זייא אים גיפרעגט וואס דאס בעטייט. האט ער זייא ניט גיוואלט זאגין. האבין זייא זייער שטארק גיבעטין ער זאל זייא זאגין. האט ער זייא גיענטפערט. איך מוז אייך שוין מגלה זיין איין ענין פון די זאכין וואס איז קיין מאל ניט מיין שטייגער מגלה צוא זיין. נאר וויל דיא חכמים האבין גיזאגט אז איינער האט איין דאגה אין הארצין זאל ער דאס דער ציילין פאר לייטין. וועל איך אייך דער ציילין דיא גאנצע מעשה. דען דיא נאכט איז גיקומען צוא מיר אין שלאף איינער פון דיא לייט וואס אין הימיל. אונ ער האט מיר מגלה גיוועזין זייער

גרויסע

גרויסע סודות אויף דעם פסוק (עלו זה בנגב) אויף צוויי טויזענד מיט צווייא הונדערט מיט זעכציג אופנים (עיין באורי הגר״א משלי י״ט פסוק כ״ג. — אין כתבי האריז״ל ווערט אויך געבראכט אז דער מענטש קען משיג זיין אין שלאף אין איין רגע מער וויא מען קאן משיג זיין אין אכציג יאר אז מען איז וואכעדיג און דאס איז דיא וויכטיגסטע נוצבארקייט פון דעם שלאף אז דאס וואס דער מענטש קען ניט משיג זיין וואכענדערהייט זאל דאס אים נתגלה ווערין אין שלאף) אין דער פריא וויא איך האב זיך אויף געכאפט פון שלאף. איז פון גרוים שמחה האב איך ניט געקענט זיך איין האלטין און האב תיכף אן געהויבין צוא טראכטין דעריין נאך פאר ברכות התורה. האב איך געהאט דער פאר איין עונש דען איך האב דאס תיכף פאר געסין גאר אין גאנצין (דען דער דין איז אז פאר ברכת התורה איז אסור צוא ריידין דברי תורה. נאר דיא דעה פון דעם גאון איז אז אפילו טראכטין דברי תורה איז אויך אסור פאר ברכת התורה) האבין זייא איהם געזאגט השי״ת זאל דעם רבי אום קערין זיין אבדה. אין צווייטין ארום האבין זייא אים געפרעגט אויב מען האט אים אום געקערט זיין אבדה. האט ער געזאגט יוא. און איך ווייס פאר וועלכין זכות מען האט מיר דאס אום געקערט. אויך האט ער זייא געזאגט אז פון איין אופן פון אלע אופנים וואס מען האט אים מגלה געווען. קען ער וויסין דיא כוחות פון אלע ברואים און פון אלע אברים. איין מאל איז געווען אין ווילנא איינער וואס זיינע חלומות פלעגט זיין זייער אמת. זיין אימה איז געפאלין אויף לייטין. דען ער פלעגט יעדערין זאגין אלע זיינע מעשים וואס ער האט געטאן אין פאר בארגענעם האט מען אים געבראכט צום גאון. האט ער געזאגט צום גאון רבי. איך וויל פאר אייך זאגין איין ענין. דען פאר צווייא וואכין יום ה׳ זייט איר דא געזעסין און איר האט געזאגט גרויסע חידושים אויף פרשת האזינו און ר׳ שמעון בן יוחאי איז געזעסין פון אייער רעכטע האנט און דער אריז״ל איז געזעסין פון דער לינקע האנט וויא ער האט דאס אים געזאגט איז דעם גאון ליכטיג געווארין דער פנים פון גרוים שמחה. דען עס איז געווען זייער שארפע חידושים אזעלכע וואס מען קען דאס

זאגין פאר דעם הייליגן תנא ר' שמעון בן יוחאי האט זיך דער גאון זייער פאר וואונדערט פון וואנען זאל ער דאס וויסן. דען אפילו דעם משרת האט ער אויך ארויס גישיקט (פאר דעם וואס ער האט גיזאגט דיא חידושים) פון דעם חדר. דער נאך האט דר גאון פאר שטאנען פון דעם פנים פון דעם דאזיגן מענטשין אז ער האט אין זיך איין מרה שחורה. אונ די טבע איז פון די בעלי מרה שחורה אז צוא צייטין איז זייערע חלומות אמת. האט ער גיהייסין דעם משרת ער זאל אים משלח זיין פון אים:

איין מאל דעם ערסטין טאג חול המועד סוכות. האט דר פאטר פון גאון גיזעהען אז ער איז פרייליך מער וויא אלע מאל. האט ער אויך אים גוזר גיוועזן בגזירת כבוד אב ער זאל אים זאגין וואס דאס בעטייט. האט ער אים גיזאגט איך מוז שוין מגלה זיין וואס מיין שמחה איז. דען היינט איז גיוועזן יעקב אבינו ע"ה ביא מיר אין סוכה. (דען דעם דריטן טאג קומט אוים דיא אושפיזא פון יעקב אבינו ע"ה):

אונ נאר די חידושי תורה וואס גיפינט זיך פון דעם גאון האט ער דאס אלץ גישריבין נים מער ביז פערציג יאר דען אז ער איז שוין אלט גיוועזן פערציג יאר האט שוין זיין האנט נים גיקענט אוים שרייבין די פיל טיפע גדאנקען וואס איז אים צו גיקומן אלע רגע אונ אלע מינוט:

אז דער גאון איז אלט גיוועזן איין אונ זיבעציג יאר. איז ער זייער קראנק גיווארין האט ער נים גיוואלט זיך משמח זיין מיט קיין שום זאך פון ענייני עוה"ז. נאר ער האט גישריבין איין בריף צום דובנער מגיד ער זאל קומען קיין ווילנא. אונ זאל אים משמח זיין מיט זיינע זיסע משלים אונ ער איז דאמאלט גיזונט גיווארין:

אז ער איז אלט גיוועזן זעקס אונ זיבעציג יאר. איז ער נאך אמאל שטארק קראנק גיווארין. האט ער גישיקט נאך אמאל צום דובנער מגיד *) אונ איז דענסט מאל אויך גיווארין גיזונד:



*) אונ נים אומזיסט האט דר גאון אזו ליב גיהאט דעם דובנער מגיד. דען לבד וואס ער איז גיוועזן איין גרויסער דרשן אונ אגרויסער חכם, איז ער נאך גיוועזן אגרויסער צדיק אבאהאלטענער. ווינט ער

אַז עֶר אִיז אַלְט גִיוֶועןְ אַכְט אוּנ זִיבְּעצִיג יָאר. אַז עֶס אִיז גִיקוּמֶען אוּם ערב יום כיפור פַאר נַאכְט. הָאט עֶר גִישִׁיקְט רוּפִין אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער אוּנ דָאס זַיי אָן גִיהוֹיבְּן צוּא בֶּענְצִין מִיט גְרוֹיס גִיוֵויין. זַיינֶען זַיי אַלֶע מִשְׁתּוֹמֵם גִיוָוארִין דֶען עֶר הָאט קֵיין מָאל דָאס אַזוֹ נִיט גִיטָאן. זַיי הָאבִּין גָאר נִיט גִיוואוּסְט וָואס דָאס בֶּעטַייט. אוּנ נָאךְ אֵיין מעשה אִיז גִיוֶועןְ אִין יֶענֶע טֶעג. דֶען אֵיינֶער אִיז גִיקוּמֶען אָן זָאגִין דֶעם גאון דָאס מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט פַאר אִים אֵיין גוּטִין אֶתְרוֹג פוּן פּרייסִין. אִיז וְויא מֶען הָאט אִים דֶער מָאנְט דֶעם אֶתְרוֹג. הָאט עֶר זִיךְ אוּם גִיקֶערְט צוּם וָואנְט אוּנ הָאט אָן גִיהוֹיבִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּא וְויינֶען. הָאט מֶען אוֹיךְ נִיט גִיוואוּסְט וָואס דָאס בֶּעטַייט. אוֹיף מָארְגִין נָאךְ יום כפור
איז

אִיז גִיוָוארִין אַלְט אַכְצֶעהְן יָאר הָאט זִיךְ קֵיין מָאל נִיט גִיטְרָאפִין עֶר זָאל נִיט אוֹיף שְׁטֵיין אִין הַאלְבֶּע נַאכְט קְלָאגִין אוֹיף דֶעם חוּרְבָּן אוּנ לֶערְנֶען בִּיז טָאג אֲפִילוּ שַׁבָּת אוּנ יום טוב. אוּנ תֵּיכֶף וְויא עֶס אִיז גִיוָוארִין טָאג. פְלֶעגְט עֶר אָן טָאן טַלִית אוּנ תְּפִילִין אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ אוּם קֶערִין צוּם וַואנְט אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ נִיט אָפּ קֶערִין אַגַאנְץ דַאוְונֶען אַזוֹ וְויא אֵיינֶער שְׁטֵייט פַאר אֵיין מַלְכוּת. אוּנ נָאךְ דֶער תפלה פְלֶעגְט מֶען זֶעהֶען אוּנְטֶער אִים טַייכִין מִיט טְרֶערִין אֲפִילוּ שַׁבָּת אוּנ יום טוב, אוּנ פִיל אֲלָפִים וּרְבָבוֹת לַייט הָאט עֶר מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה גִיוֶועןְ מִיט זַיינֶע זִיסֶע אוּנ צִימְלִיכֶע דְרָשׁוֹת, אוּנ עֶר פְלֶעגְט גֵיין אַגַאנְצִין טָאג אִין טַלִית אוּנ תְּפִילִין, אוּנ פְלֶעגְט זָאגִין אֵיין שִׁיעוּר פַאר דִיא יְשִׁיבָה לַייט אוּנ דִי גְרֶעסְטֶע חוּמְרָא פְלֶעגְט עֶר רֶעכְט מַאכִין מִיט אֵיין מָשָׁל. אוּנ אִין מִיטִין לֶערְנֶען פְלֶעגְט עֶר אַוֶועק גֵיין פוּן זַייא זָאגִין תְּהִלִּים מִיט גְרוֹיס גִיוֵויין אוּנ מֶען הָאט גָאר נִיט גִיוואוּסְט וָואס דָאס בֶּעטַייט. בִּיז נָאךְ זַיין פְּטִירָה הָאט דֶער שַׁמָּשׁ דֶער צֵיילְט אַז עֶר הָאט אִים גִיבֶּעטִין אַז וֶוען עֶס וֶועט זַיין אֵיין חוֹלֶה אִין שְׁטָאט אָדֶער עֶפֶּעס אֵיין אַנְדֶער צַעַר זָאל עֶר אִים מוֹדִיעַ זַיין עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין דֶערוֹיף, נָאר וַוייל עֶר הָאט נִיט גִיוָואלְט אַז מֶען זָאל אִים נוֹהֵג כָּבוֹד זַיין אַז מֶען וֶועט זֶעהֶען אַז זַיין תְּפִלָּה הָאט גִיהָאלְפִין דֶעם חוֹלֶה. דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גִיבֶּעטִין אַז עֶר זָאל דָאס פַאר קֵיינֶעם נִיט מְגַלֶּה זַיין:

איז ער זייער שטארק קראנק גיווארין און זיין קריינק האט זיך זייער
גישטארקט. ביז דעם דריטין טאג הוה"מ סוכות וואס דענסטמאל איז
ער נפטר גיווארין לחיי עולם הבא. און זיין מנהג איז גיוועזין אז אלע
סוכות פלעגט ער האלטין דעם לולב מיט דעם אתרוג אין דער האנט
אגאנצין טאג. און אין דעם טאג וואס ער איז נפטר גיווארין האט ער
אויך זיך גישטארקט צוא האלטין דעם אתרוג מיטין לולב אין זיין האנט
מיט גרויסע כוחות און מיט גרויס שמחה ביז דיא הייליגע נשמה איז
ארויס פון אים. (דא האט מען שוין פאר שטאנען דעם ענין פון זיין
גיווייין אז מען האט אים דער מאנט דעם אתרוג. דען דיא הארץ האט
אים נביאות גיזאגט אז דיא מצוה פון אתרוג וועט זיין ביא אים די
לעצטע מצוה. דען נאך דעם טויט קען מען שוין מער ניט טאן קיין
מצות *). עס איז תיכף גיווארין אין גאנץ שטאט ווילנא איין גרויסע
קלאג, עס איז גיווארין קולות אין אלע גאסין, דעם גאנצין סוכות איז
וויא פאר שטערט גיווארין זייער שמחה, פון גרויס ביז קליין זיינען
אלע

*) הגאון ר' דוד לוריא (הרד"ל) שרייבט אז בעת דער גאון איז
קראנק גיוועזין האט ער אמאל גינומען זיינע ציצית אין האנט און האט
גיזאגט מיט אגרויס גיווייין, אוי וויא שווער עס איז צוא שיידין זיך
פון אזא גוטין ידיד וויא דיזע וועלט איז, אז פאר אזא גרינגע מצוה וויא
ציצית איז (וואס זיא קאסט גאנץ ווייניג געלט און ווייניג טרחה) איז
איין אדם ישר **) זוכה צוא זעהען דיא שכינה און מקבל שכן פאר די
שווערע מצות (וואס קאסטין פיל געלט און פיל טרחה) היינט וואו
וועלין מיר אזא גוטין מסחור קריגין אין דעם עולם הנשמות ווען
אפילו דער מענטש זאל אוועק לייגין זיינע אלע כוחות, (כמהז"ל יפה
שעה אחת בתשובה ובמעשים טובים בעוה"ז מכל חיי העוה"ב).

**) דער וואס טראגט ציצית אויף דער כונה וויא דיא תורה שרייבט אז דיא
ציצית זיינען אצייכין פיר דעם מענטשין אז ווען ער וועט אויף זייא אקוק טאן זאל
ער זיך דער מאנען אלע מצות פון דער תורה און זייא מקיים זיין יעדערע אין איר
צייט און ניט אז קערין נאך וואס דיא אויגין זעהען און דיא הארץ גילוסט בכדי
צוא זיין הייליג (אפ גישייד פון אלע אונפאסיגע זאכין), וויא דעם אויבערסטינס
אדינער גיהער צוא זיין דער ווערט גירופין איין „אדם ישר" און איז זוכה צוא זעהען
פני השכינה.

אַלֶע גִינַאנְגֶען אויף דֶעם בֵּית הַקְבָרוֹת, אִין גַאנְץ וָועלְט וואו מֶען הָאט דָאס דֶער הֶערְט, אִיז גִיוֶוען גְרוֹיסֶע הֶסְפֵּדִים אוּנ גְרוֹיס גְוַויין.

אוּנ נָאךְ זַיין פְּטִירָה הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען הַגָאוֹן ר' חיים סוואלאזין צוּא פַאר שַׁיינֶען דִיא וָועלְט מִיט דִי תּוֹרָה אוּנ צְדָקוֹת פוּן דֶעם גאון, פִּיל גְדוֹלֵי הַדוֹר זַיינֶען אַרוֹיס פוּן זַיין יְשִׁיבָה וָואס אִין וואלאזין, [illegible] דֶר ר' חיים פְלֶעגְט זָאגֶען אִיךְ בִּין גָאר נִיט רָאוּי מֶען זָאל אויף מִיר זָאגֶען אַז אִיךְ בִּין אַתַּלְמִיד פוּן דֶעם גָאוֹן, דֶען אִיךְ בִּין גָאר נִיט אִין דֶעם עֶרֶךְ וִויא אַיין תַּלְמִיד קֶענְּן אַיין רַבִּי, דֶען בַּייא מִיר גִיפִינְט זִיךְ אִין יֶעדֶער מַסֶכֶת אוּנ אִין יֶעדֶער עִנְיָן כַּמָה הוּמְרוֹת אוּנ כַּמָה סְפֵיקוֹת, אוּנ בַּיי דֶעם גאון אִיז גִיוֶוען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה קְלָאר אָן אַיין שׁוּם סָפֵק*), אוּנ נָאךְ מֶער דֶען גַאנְץ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אוּנ אַלֶע סִפְרֵי קַבָּלָה הָאט עֶר יעדער

---

*) זַיין קְלָארְקַייט אוּנ זַיין בְּקִיאוּת אִין תלמוד בבלי אונ ירושלמי אוּנ תוספתות איז גָאר קֵיינֶער נִיט אוּם שְׁטַאנְד אוּיס צוּא שְׁרַייבֶּען, עֶר אִיז בָּקִי גִיוֶוען וִויפִּיל וֶוערְטֶער אוּנ אוֹתִיוֹת עֶס אִיז דָא אִין יֶעדֶער מַסֶכֶת וִויא עֶס הָאט דֶער צֵיילְט אַגְרוֹיסֶער רַב וָואס אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארִין אִיז עֶר גִיוֶוען אַיין בֶּן בַּיִת בַּייא דֶעם גאון אַז אַיין מָאל פַאר סוּכּוֹת הָאט עֶר גִיהֶערְט וִויא דֶער גאון הָאט גִיזָאגְט מוּסַר צוּא זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶס אִיז אַחוּב אויף יֶעדֶער לֶערְנֶער עֶר זָאל זַיין קְלָאר אוּיס וֵוייניג לְפָחוֹת אַיין מסכת ־בכדי מֶען זָאל נִיט מְבַטֵל זַיין פוּן תּוֹרָה בְּעֵת מֶען אִיז אִין וָועג אָדֶער אִין דֶער פִינְצְטֶער בְּעֵת מֶען קֶען נִיט אַרַיין קוּקְן אִין אַסֵפֶר. וִויא דֶער רב הָאט גִיהֶערְט דִיזֶע וֶוערְטֶער פוּן גָאוֹנ'ם הֵיילִיגֶע מוֹיל הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ גִישְׁטַארְקְט אוּנ הָאט זַייעֶר פְלַייסִיג אוּיס גִיחַזֶערְט דִיא מסכת סוּכָּה אַסַךְ מָאל. בִּיז וַואנֶען עֶר אִיז אִיר קְלָאר גִיוָוארִין בעל פה אוּנ הָאט גִילָאזְט זִיךְ אוּיס פְּרוּבִין פוּן אַיינִיגֶע מֶענְטְשִׁין בִּיז עֶר הָאט גִיזֶעהֶן אַז עֶר וַוייס אִיר גוּט קְלָאר בעל פה חול המועד סוכות אִיז דֶער גאון גִיזֶעסִין אִין סוּכָּה אוּנ פַאר אִים זַיינֶען גִיזֶעסִין אַקוֹמְפַּאנְיֶע פוּן גְרוֹיסֶע חכמים אִיז גִיקוּמֶען דֶער רב אוּנ זָאגְט רַבֵּינוּ אִיךְ הָאבּ עֶרְפִילְט אַייעֶר פַאר זָאג אוּנ הָאבּ אוּיס גִיחַזֶערְט מסכת סוּכָּה אוּנ וַוייס אִיר ב"ה בעל פה, זָאגְט צוּא אִים דֶער גאון דוּא פַאר

יעדער זאך געוואוסט וואו דאס איז מרומז אין דער תורה שבכתב, אויך פלעגט דער גאון זאגען, אז אלע מענטשען אונ אלע ברואים פון דער וועלט זיינט זיא שטייט ביז זיא וועט חרוב ווערין אין סוף דעם זעקסטין טויזענט איז אלץ מרומז אין דער תורה.

אונ אנדערע פון דיא תלמידים פון גאון זיינען אוועק קיין ארץ הקדושה אונ האבין דארטין פאר שיינט מיט דיא תורה אונ צדקות פון דעם גאון גאנץ ארץ ישראל. — איינער האט געהייסין ר' מענדיל ער איז געוועזין א גרויסער בעל מקובל אונ ער האט געלאזין צעהן חיבורים כתיבת יד אויף קבלה. האט ער געהאט איין חבר אין ירושלים וואס ער איז געוועזין איין יחיד בדור אין חכמת הקבלה, אונ ער האט געהאט כתיבת יד אכט פרקים פון כתבי האריז"ל וואס דאס איז נאך ניט ארויס אין דרוק, ער פלעגט תמיד זאגין אז דיא כתבי האריז"ל קען מען בשום אופן ניט וויסין ווייל עס פעלט אין זייא דיא אכט פרקים,

האט

---

לאנגסט איך זאל דיר עפעס פרעגין? ענטפערט דער רב איר מעגט מיר פרעגין איך ווייס איר ב"ה בעל פה, האט אים דער גאון געפרעגט פיל מאל קריגט אין דיזע מסכת דער תנא ר' מאיר מיט ר' יהודא, דער אמורא רבה מיט רב יוסף, אביי מיט רבא, רב פפא מיט רב הונא אונ דאס גלייכין נאך תנאים ואמוראים, האט דאך מן הסתם דער רב ניט געוואוסט וואס צו ענטפערין האט דער גאון געעפינט זיין הייליגע מויל אונ האט אן געהויבין צו ציילין דאס מחלוקת התנאים אונ נאך דאס גלייכין אנדערע סוגיות אונ שיטות פון דער מסכת אזוי וויא איינער ציילט פעריר אונ האט צוא גלידערט דיא גאנצע מסכת אונ האט אלעס אויס גערעכינט וויפיל מאל דער תנא מיט דעם תנא קריגין, וויפיל מאל דער אמורא מיט דעם אמורא קריגין, וויפיל מאל דיא הלכה בלייבט וויא דער אונ וויפיל מאל וויא דער אנדערער, אונ וויפיל מאל דער ווארט סוכה ווערט דער מאנט אין דיזע מסכת, קורץ אין אקליינע ווייעלע האט ער אויס גערעכינט יעדין דקדוק פון דיא גאנצע מסכת אונ אזוי איז זיין קלארקייט געוועזין אין גאנצין ש"ס אונ אין דיא גאנצע תורה.

אויך

האט מען ביי אים גיפרעגט אויף דעם ווילנער גאון, האט ער גיענטפערט אז דער גאון האט גאר ניט בעדארפט די אבות פרקים דען ער האט אלץ אליין גיוואוסט, ר׳ חיים וואלאזינער שרייבט אין דער הקדמה פון (ספרא דצניעותא) אז ווען ער פלעגט ריידין מיט דעם גאון וועגין דעם אריז״ל פלעגט אים פאר ציטערט ווערין דער גאנצער גוף, דען ער האט גוט פאר שטאנען זיין גרויסקייט מער וויא אנדערע, נאר אין פיל זאכין פלעגט ער זיך ניט נוהג זיין וויא עס שטייט גישריבין אין די כתבי האריז״ל, וייל ער פלעגט זאגין אז עס איז זייער פאר גרייזט גיווארין אין דרוק, אונ אויך וייל אין דערין איז אריין גימישט גיווארין פון די תלמידים פון דעם אריז״ל וואס זיי האבין גאר ניט פאר שטאנען זיין כונה, אזו וויא דער ר״י פלעגט אליין זאגין אז קיינער פון זיינע תלמידים פאר שטייט ניט רעכט זיין כונה חוץ ר׳ חיים וויטאל ז״ל, ער אליין פלעגט דאס גוט פאר שטיין וואס ער פלעגט דארשענען, אונ פלעגט דאס פאר שרייבין זייער ריכטיג. — אויך אין די כתבים פון דעם גאון גיפינד זיך גרויסע סודות אויף נוסח אשכנז וואס זיא איז משונה פון נוסח ספרד.

---

אויף דער צייכט מען פון ר׳ חיים וואלאזינער אז ער האט גינעבין צוא פאר שטיין זיינע תלמידים וויא וייט עס איז גיוועזן די קלארקייט פון גאון אין די גאנצע תורה, צום ביישפיל יעדער איד איז קלאר „אשרי“ אויס וויינינג פון דעסט וועגין אז מען וועט איינעם פרעגין וואסער ווארט שטייט פריער פאר די ווערטער „בכל יום אברכך“ וועט ער אנדערש ניט וויסין סיידין ער וועט אן הויבין פון „תהלה לדוד כו׳ לעולם ועד“ וועט ער וויסין אז דער ווארט „ועד“ שטייט פריער פאר „בכל יום אברכך“ אונ דאס גלייכין, אבער פאר ווען עס ליגט אסידור אפין אונ קוקט אריין אין אים דער וועט דיר גלייך זאגין, אזו איז גיוועזן די גאנצע תורה וויא זיא ליגט אפין פארין גאונס אויגין צוא זאגין אויפין פלעק וואס מיא האט אים גיפרעגט

—⊃⊂—

וויי׳טער אין סוף ספר וועלין מיר שרייבין נאך פיל וואונדערליכע סיפורים פון די תלמידים פון גאון ז״ל.

דָאס אִיז דֶער בְּרִיף וָואס דֶער הֵיילִיגֶער גָאוֹן הָאט גִישִׁיקְט
צוּא זַיין הויז גִיזִינְד פוּן זַיין וָועג בְּעֵת עֶר אִיז גִיפָארְן אִין
ארץ ישראל, אוּנ דִיזֶע הֵיילִיגֶע רֵייד בְּלָאזְן אוּיף אַיין
יעטְלִיכְן פְלַאם אִין דִיא גָאנְץ פָארְבְּטִינֶע הֶערְצֶער .

באתי לבקש מאתכם . אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ נִיט מְצַעֵר זַיין אַזוֹ וִויא מַיין מוּטֶער זָאל לֶעבִּין הָאט מִיר מַבְטִיחַ גִיוֶועְן , אוּנ זָאלְט נִיט זָארְגִין אוּנ אוּיךְ וָואס הָאט אִיר דֶען צוּא זָארְגִין , עֶס אִיז דָא פִיל מֶענְטְשִׁין וָואס פָארִין אַוֶועק אוּיף פִיל יָאר פוּן גֶעלְט וֶועגְן , זַייא וַוארְפִין אַוֶועק זַייעֶרֶע וַוייבֶּער אוּנ זַיינֶען אַלֵיין אוּיךְ נָע וְנַד אִיךְ גְרוֹיס דַחֲקוּת אוּנ אִיךְ גִילוֹיבְּט השי"ת פָאר צוּא דִיא הֵיילִיגֶע לַאנְד וָואס אַלֶע הָאפִין אִיר צוּא זֶעהֶען דִיא גִילוּקְסִיקַייט פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל אוּנ אִיךְ פָאר מִיט שָׁלוֹם ב"ה , אוּנ אִיר וֵוייסְט וואול אַז אִיךְ הָאבּ גִילָאזִין מַיינֶע קִינְדֶער וָואס מַיין הַארְץ טוּט אוּיף זַייא בְּרוּמֶען אוּנ מַיינֶע טַייעֶרֶע סְפָרִים , אוּנ אִיךְ בִּין אִין אַיין פְרֶעמְדֶע לַאנְד אוּנ אַלְץ הָאבּ אִיךְ גִילָאזִין כו' . — אוּנ דָאס אִיז יָדוּעַ אַז דִיא וֶועלְט אִיז גָאר נִיסְט אַלֶע זַאכִין וָואס מֶען אִיז זִיךְ דֶער מִיט מִשְׁתַּעְשֵׁעַ אִיז אַלְץ גָאר נִיסְט אוּנ וַוייא אִיז צוּא דִיא וָואס יָאגִין זִיךְ נָאךְ נַארִישְׁקַייט וָואס אִיז נִיטָא אִין דֶעם קַיין נוּצְבַּארְקַייט , אוּנ זָאלְסְט נִיט מְקַנֵא זַיין רַייכְקַייט דֶען עֶס אִיז פַארַאן צוּ צַייטִין רַייכְקַייט וָואס אִיז גִיהִיט צוּ שְׁלֶעכְטְס (עֶר זָאל אַשְׁלֶעכְטִין סוֹף הָאבִּין דוּרְךְ דֶעם) , אַזוֹ וִויא דֶר מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי מוּטֶערְשׁ לַייבּ נַאקִיט אַזוֹ טוּט עֶר זִיךְ אוּם קֶערִין צוּ גֵיין פוּן דֶר וֶועלְט אַזוֹ וִויא עֶס קוּמְט צוּא דֶעם מֶענְטְשִׁין דִיא גֶעלְט אַזוֹ גֵייט עֶס אַוֶועק , אוּנ וָואס קוּמְט אִים אַרוֹיס וָואס עֶר הָארֶעוֶועט אוּם זוּנְסְט , אוּנ וֶוען אַיין מֶענְטְשׁ זָאל לֶעבִּין צְוֵוייא מָאל טוֹיזִינְט יָאר אִיז אַלְץ גָאר נִיסְט , אוּנ וֶוען אַיין מֶענְטְשׁ לֶעבְּט פִיל יָאר אִין פְרֵיילִיכְקַייט זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמָאנֶען דִיא פִינְצְטֶערֶע טֶעג וָואס מֶען לִיגְט אִין קֶבֶר וָואס זֵיי זַיינֶען פִיל מֶער וִויא דִיא טֶעג פוּן זַיין לֶעבִּין , אוּנ אַלְץ וָואס עֶס קוּמְט דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן הַצְלָחַת עוה"ז אִיז אַלְץ גָאר נִיסְט , אוּנ וָואס פַאר אַיין גוּטְס טוּט דִיא פְרֵיילִיכְקַייט , דֶען מָארְגִין וֶועסְטוּ וַויינֶען פוּן וָואס דוּ

לאבסט

לאַכט היינט , אונ זאָלסט ניט מקנא זיין כבוד וואָס דאָס איז גלייך צוא נאָר ניסט , אונ דיא צייט איז פאַלש עס איז גלייך וויא איין וואָג שאָל עס הויבט אויף דיא גרינגע אונ עס מאַכט נידעריג דיא שווערע , אונ די וועלט איז גלייך צוא איינעם וואָס טרינקט גיזאַלצענע וואַסר עס דוכט זיך אים אַז ער ווערט זאַט אונ ער איז נאָך מער דאַרשטיג , קיין מענטש שטאַרבט ניט אונ ער זאָל האָבן אַהעלפט וואָס ער וויל , וואָס קומט אַרויס דעם מענטשין מיט אַלע זיינע מידקייט , גידיינק דיא פריערדיגע מענטשין וואָס זיינען גיוועזין פאַר אונז אַלע זייערע ליבשאַפט אונ גילוסטיקייט אונ פרייליכקייט איז שוין לאַנג פאַר לאָרין אונ זיי זיינען מקבל דרויף פיל דינים , אונ וואָס פאַר הנאה איז צוא דעם מענטשין אַז צום סוף שייד ער זיך אָפּ צוא ווערים , אונ אַלע זיינע (הגאות) ווערט אים אום גיקערט אין קבר צוא ביטערקייט אונ דער טויט איז איין גיוויקעלט אין מענטשין (ומה העולם הזה) אונ וואָס איז דיא וועלט אַלע טעג זיינען אין צאַרין אונ ווייטאַג , אונ ביי נאַכט קאָן ער אויך ניט שלאָפין אונ דער טויט איז ניט קיין האָפונג אַז מען זאָל פון אים ניצול ווערין , אונ אַלץ וואָס דער מענטש טוט וועט מען ברייננגען צום משפט אויף איטליכם וואָרט אונ עס ווערט ניט פאַר פאַלין אפילו אַקליינער וואָרט , דרום פאַר זאָג איך דיר אַז דוא זאָלסט זיך גיוואוינען וואָס מער צוא זיין אַליין דען דער (חטא) פון צונג איז איבער אַלץ , אַזוי וויא אונזערע חכמים האָבין גיזאָגט אַז אויף לשון הרע קומט איין עונש אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט מער פון אַלע עבירות , אונ וואָס זאָל איך מאריך זיין אין די עבירה וואָס דאָס איז שווערער פאַר אַלע עבירות , דיא חכמים זאָגין (כל עמל אדם לפיהו) דאָס איז טייטש דאָס וואָס דער מענטש מיהעט זיך מיט זיין מויל אין דער (תורה ומצות) איז נאָך ניט גינוג צוא פאַר ריכטין וואָס ער האָט מכלה גימאַכט מיט זיין מויל , (מה אומנתו של אדם כו׳) וואָס איז דיא ערשטע אומנות פון דעם מענטשין אויף דער וועלט ער זאָל זיך אָפּ האַלטין פון רייד גלייך וויא איין שטומער אונ ער זאָל באַהעפטין זיינע לעפצין וויא צוויי מיל שטיינער , אונ דער עונש פון כף הקלע איז נאָר פאַר דיא עבירה פון דברים בטלים , אונ פאַר איטליכין דיבור ווערט

ער גישליידערט פון איין עק וועלט ביז דער אנדערע , אונ דאס איז נאר
אלץ דער (עונש) פאר דיא דיבורים וואס זיינען נאר איבעריג , אבער
דיא רייד וואס זיינען אסור (דהיינו לה"ד , ליצנות , שבועות , נדרים ,
מחלוקת , קללות) , בפרט אין שול אונ אום (שבת אונ יו"ט) אויף די
זאכין דארף דער מענטש נידערין טיף אין גרוב פון (גיהנם) זייער פיל ,
אונ עס איז ניט מיגליך (משער) צו זיין וויא גרוס זיינען די (יסורים אונ
צרות) וואס מען לייט פאר איין ווארט , אונ עס ווערט ניט פאר לארין
אפילו איין ווארט עס זאל ניט ווערין פאר שריבין , דיא מלאכים וואס
שוועבין אויף דער וועלט גייען נאך תמיד נאך יעדער מענטשין אונ
שיידין זיך ניט אפ פון אים אונ פאר שרייבין איטליכעס ווארט אונ
ווארט אזו וויא אין פסוק שטייט (כי עוף השמים כו') דען דיא פויגיל
פון הימיל פירט אוועק דעם קול פון רייד : אל תתן כו' דוא זאלסט ניט
צו ווילין געבין דיין מויל מאכין זינדיגין דיין לייב , אונ זאלסט ניט זאגין
פאר דעם מלאך אז דוא ביסט איין שוגג דען צואוואס זאל הקב"ה
צארענען אויף דיר אונ וועט פאר דארבין דיינע קינדער , דער כבוד פון
איין אשה כשרה איז צוא זיצין אין שטוב אונ וואס זיא באדארף זאל
זיא שיקין דורך איין שליח אונ אפילו אז עס וועט איר קאסטין די זאך
צווייא דרייא מאל אזו פיל טייערער , איז דען דער כח פון גאט קליין
וואס ער שפייזט פון גרוס ביז קליין אונ ער ניט איטלעכין וואס ער
באדארף , אונ אום שבת אונ יו"ט זאלט איר גאר ניט ריידין די זאכין
וואס ניט נייטיג איז , אונ דיא רייד וואס זיינען נייטיג זאלט איר אויך
מקצר זיין ווארום דיא היליקייט פון שבת איז זייער גרוס , אונ
עס איז זייער שווער גיוועזן די חכמים מתיר צוזז מאכין צוא געבין
שלום אום שבת זעה אז אין איין ווארט וויא מען האט מחמיר
גיוועזין , אונ זאלסט ערליך האלטין שבת וויא עס פלעגט צוא זיין פאר
מיר , אונ זאלסט ניט מצמצה זיין , דען אלע מזונות פון מענטשין
זיינען אויס גיזעצט מן השמים חוץ דיא הוצאות פון שבת אונ יו"ט ,
אויך בעט איך דיך זייער אונ זייער מיט איין גרויסע גיבעט אז דוא
זאלסט מדריך זיין דיינע טעכטער עס זאל ניט ארויס גיין פון זייער
מויל קיין קללה , אונ שבועה אונ ליגין זאגין אונ מחלוקת , נאר אלין
זאל זיין מיט (שלום אונ אהבה אונ נחת) .

והנה

והנה יש לי, עס איז דא בייא מיר פיל (ספרי מוסר) מיט טייטש זאלין זייא שטענדיג לייענען אונ מכל שכן אום שבת קודש זאלין זיי ניט עוסק זיין נאר אין ספרי מוסר אונ דוא זאלסט זיי שטענדיג מדריך זיין אין ספרי מוסר אונ אויף איין קללה אונ שבועה אדער ליגען אונ מחלוקת זאלסטו זייא שלאגין אונ זאלכט גאר קיין רחמנות ניט האבין אויף זייא, ווארום חס ושלום אז דיא קינדער ווערין ערצויגין שלעכט ווערט זייער גישטראפט פאטער אונ מוטער, אונ אפילו אז דוא ועסט זיי שטענדיג מדריך זיין אין מוסר אונ זיי ועלין ניט פאלגין, וויא איז צוא דיא שאנד אונ צער אונ בזיון אויף יענער וועלט וויא אין פסוק שטייט זיא מאכט פאר שוועכין דעם פאטער, אפילו ווען ער איז ארשע בן צדיק קען מען אים רופין רשע בן רשע אונ דאס גלייכין אנדערע זאכין (לה"ר אונ רכילות). — אויך זאלכטו השגחה געבין זיי זאלין ניט עסין אונ טרינקען אן איין ברכה פריער אונ נאך דעם, אונ ברכת המזון אונ קריאת שמע אונ אלץ מיט כוונה *). אונ דער עיקר פון אלץ זייא זאלין ניט ארויס גיין פון שטוב אונ זאלין ערליך האלטין דיר אונ מיין מוטער אונ אלע עלטערע פאר זייא, אונ וואס עס שטייט אין (ספרי מוסר) זאלין זייא מקיים זיין. — אויך דיינע זין זאלין לערנין זאלסטו מגדל זיין אין רעכטין וועג מיט נחת אונ זאלסט באצאלין רבי

געלט

---

*) אזו שרייבט אויך דער של"ה הקדוש אז יעדערע עלטערין (אונ איבער הויפט איין מוטער ווייל זיא איז שטענדיג לעבין דיא קינדער) זאלין זיך משתדל זיין איין צוא פלאנצין אין זייערע קינדער (פון יוגינד אן) דרך ארץ אונ גוטע זיטין (מדות טובות) אונ גוטהערציגקייט צוא יעדער מענטשין אונ איבער הויפט דיא מדה פון הכרת טובה (דאנקבארקייט) דאס איז פון דיא הויפט עקרים צו תורה אונ דרך ארץ, מיא דארף זייא גוט ערקלערין וויא ניט שיין דער אונדאנקבארער מענטש איז (הכפוי טובה) אונ וויא שיין (אונ איידיל) דער מכיר טובה איז, דרום זאל מען זי' גיוואוינען פון יוגינט אן ערליך האלטין עלטערין (כבוד הורים ומורים) אונ ניט צו עסין. אדער טרינקען קיין זאך אן אברכה ראשונה ואחרונה אונ אלץ מיט כונה זיי זאלין פאר שטיין אז דיא ברכה איז איין דאנק צוא השי"ת וואס ער האט באשאפין דיא אונ דיא עסין ווארג אונ דאס גלייכין (דיזע זאכין פלאנצין איין אין מענטשין צו זיין איין מכיר טובה) אונ דיא מוטער וואס גיוואוינט איין אירע קינדער אויף דיזין אופן וועט זיא האבין נחת פון אירע קינדער אויף דיזע וועלט אונ איהר שכר אויף יענע וועלט איז גאר אן אברעג.

געלט אונ זאלכט האלטין איין רבי אין שטוב , אונ זאלסט ניט קארגין
אין דיא שכירות פון מלמד ווארום אלע מזונות פון מענטשין זיינען אפ
געשטעלט אום ראש השנה חוץ רבי געלט איז ניט אין רעכענונג אויך
האב איך זייא גילאזין ספרים , (ולמען השם) זאלסט זייא מדריך זיין
מיט גוטין אונ בנחת , אויך זאלסטו אכטונג געבין אויף זייער געזונד
אונ זייער עסין עס זאל זייא ניט אפ גיין , אונ זאלין לערנען פריער
גאנץ חומש , ביז זייא זאלין רגיל זיין (בעל פה) אונ זאלכט אף זייא
ניט מכביד זיין נאר מיט נחת , ווארום דער לערנען ווערט ניט איין
גיזעצט ביא דעם מענטשין נאר מיט ישוב הדעת אונ נחת, אונ זאלסט
זייא געבין מטבעות אונ אנדערע זאכין , בכדי זייא זאלין לערנען
פלייסיג , אונ נאר דאס זאלסטו תמיד האבין אין מחשבה (דאס הייסט
גוט ערציען די קינדער) אונ ווייטער איז אלץ גאר ניסט דען דער מענטש
נעמט ניט מיט זיך נאר צווייא פאר ווייסע קליידער , אונ אפילו איין
ברודער קען אויך ניט אום לייזין פון טויט . אל תירא כי יעשיר איש
כו' זאלסט ניט קוקין וואס איין מענטש איז רייך ווארום ער נעמט נאר
ניסט מיט זיך נאך זיין טויט , אונ זאלסט ניט זאגין איך וועל לאזין
מיינע זין איין ירושה דען וואס קענסטו וויסין וואס וועט זיין פון דיין
גוטס אז דוא וועסט זיין אין גרוב , דיא מענטשין זיינען גיגליכין צוא
גראז די שפראצין אונ דיא ווערט פאר פוילט , איטליכער ווערט גיבארין
מיט זיין מזל אונ מיט די השגחה פון הש"י אונ דיא קינדער פרייען זיך
מיט זיין טויט אונ ער ניגערט אין גרוב , אונ לאזט זיין געלט פאר
זיינע שונאים אונ פרעמדע לייט , (ריש לקיש) האט גילאזין זיינע קינדער
איין מאס זאפרען האט ער גילייענט אויף זיך דעם פסוק (ועזבו לאחרים
חילם) דאס איז טייטש זייא לאזין איבער זייער גוטס צוא פרעמדע , ווייא
איז וואס אלע טראכטין צוא לאזין זייערע קינדער אונ עס קומט ניט
ארויס דיא עלטערין פון דיא קינדער נאר זייער (תורה אונ מעשים
טובים) אבער זייערע מזונות איז זייא אוים גירעכינט . — אונ דאס
איז ידוע אז דער הויפט שכר פון דיא ווייבער איז נור וואס זייא מאכין
לערנען דיא קינדער , (דאס הייסט זייא ברייטין זייא צוא אונ גיבין
אכטונג זייא זאלין אוועק גיין אין דער צייט אין חדר אונ ערציהען

זייא

זייא צוא זיין גוט אונ פרום זייא זאלין גיפינען חן אין די אויגין פון גאט אונ לייטין), אונ אונזערע חכמים האבין גיזאגט עס איז ניטא קיין רעכט פארטיגע אשה נאר אז זיא טוט דעם ווילען פון מאן (וועג זיין רצון איז ניט געגין דיא תורה אונ מצות), אונ מכ"ש אז איך שרייב דיר געטליכע רייד, אונ איך בין פאר זיכערט אז דוא וועסט טאן וואס איך שרייב דיר (אף על פי כן) פאר זאג איך דיר מיט איין טאפעלע פאר זאג אז דוא זאלסט ניט משנה זיין פון אלין וואס איך שרייב דיר, אונ זאלסט לייענען דעם בריף אלע וואך אונ בפרט שבת פאר דעם עסין אונ אין מיטין עסין, זייא זאלין ניט ריידין דברים בטלים חס ושלום, אונ מכל שכן לשון הרע אונ דאס גלייכין, אונ איך בעט אייך אלעמען אויף דאס וואס איך שרייב פריער (וועגין דיא הדרכה פון דיא קינדער), אונ דער עיקר מיט ווייבע רייד אונ מיט מוסר וואס דיא הארץ נעמט צוא, בפרט אז מיר וועלין זוכה זיין צוא קומען אין ארץ ישראל ווארום דארטין מוז מען גרייליך גיין אין גאטס וועג דרום זאלסטו זייא גיוואוינען ווארום דיא אפ היטונג פון צונג אונ דיא מדות דארף האבין פיל רגילות (גיוואוינהייט) אונ רגילות גיוועלטיגט איבער אלין (דאס גיוואוינהייט איז דיא צווייטע נאטור) אונ איטליכעם זאך איז פון אן הויב שווער אונ דער נאך איז אים שוין גוט אונ ער ווערט גילויבט, דען דער רשע ווייס אליין אז זיין וועג איז שלעכט אונ ביטער נאר עס איז אים שווער אפ צוא גיוואוינען זיך, (וזה כל האדם) אונ אין דעם באשטייט די גאנצע מענטשהייט ניט איבער געבין זיך צוא גיין נאך זיין רצון, אונ מיט איין צוים זאל מען זיך צו שליסין אונ ביז זיין טויט דארף דער מענטש זיך שטראפין אונ איין צאמען אונ ניט מיט תעניתים אונ עינוים נאר מיט דעם צוים פון מויל אונ דיא (תאוות) אונ דאס איז דער עיקר תשובה אונ דאס איז די פרוכט פון (עולם הבא) אזו וויא עס איז גישריבין דיא וועג פון לעבין איז מוסר, אונ דאס איז בעסער פאר אלע תעניתים אונ עינוים פון דער וועלט, אונ איטליכעם רגע אונ רגע וואס דער מענטש שליסט צוא זיין מויל (פון ניט קיין נייטיגע רייד) איז ער זוכה דורך דעם צו דיא ליכטיקייט וואס איז באהאלטין פאר דיא צדיקים וואס קיין מלאך אונ קיין

באשעפינעם

באשפיגעם קאן ניט משער זיין, אויך זאגט דער פסוק ווער עס וויל לעבין זאל ער היטען זיין צונג פון צוא ריידין ביז, אונ דער מיט ווערט אים פאר געבין אלע זיינע זינד אונ ווערט באשירמעט פון גיהנם אזו וויא עס איז גישריבין דערט וואס היט זיין מויל אונ זיין צונג דער היט פון צרות זיין לייב, (מות וחיים ביד לשון) דער טויט אונ לעבין הייגגט אן צונג, וויא איז צוא דיא וואס מאכין זיך טייטין צוא ליב איין ווארט, אונ וואס פאר איין טובה אונ פארגעניגען קומט ארויס צוא דעם וואס רעט פיל, אונ צוא אלץ איז דא איין רפואה אונ צוא אים (דער וואס האט איין אפענע מויל) איז ניטא קיין רפואה, אונ דער עיקר איז אז דוא זאלסט ניט ריידין ווענין קיין מענטשין אין זיין שבת אונ מכל שכן אין זיין בזיון אונ וואס באדארף מען דען צו ריידין פרעמדע רייד, דען אזו וויא אטיפע גרוב איז פרעמדע רייד דער גיצארינטער פון גאט פאלט ארין אין איר.

ועיקר הגדר אונ דער עיקר צוים איז (אנטרונען צוא ווערין פון איבעריגע רייד) מי זאל זיין פאר זיך, מען זאל ניט ארוים גיין ח"ו פון שטוב אונ אפילו אין שול זאל מען אויך מקצר זיין אונ ארוים גיין, אונ גלייכער איז פאר אאשה אז זיא זאל דאוונען אין שטוב ווארום אין שול איז ניט מיגליך באשירמעט צוא ווערין פון קנאה אונ צו הערין דברים בטלים אונ לה"ר, אונ מען ווערט גישטראפט דרויף אפילו דער וואס הערט אונ שווייגט, אונ מכל שכן אום שבת אונ יו"ט וואס מען זאמעלט זיך אויף צוא ריידין איז פיל בעסער ניט מתפלל צוא זיין אין שול, אונ זאלסט זיך היטין גאר ניט צוא גיין אויף דעם בית הקברות דען דארטין באהעפט זיך דיא טומאה אן דעם מענטשין אונ פשיטא אן ווייבער אונ אלע צרות אונ זינד קומט דער פון. — אויך איז גלייכער אז דיין טאכטער זאל ניט גיין אין שול ווארום דארטין זעהעט זיא שיינע אונ גוטע קליידער איז זיא זיך מתקנא אונ דער צייט אין שטוב אונ מחמת דעם קומט מען צוא לשון הרע אונ צוא אנדערע זאכין נאר זיא זאל זיך באהעפטין אין מוסר שטענדיג, אונ זאל ניט מקנא זיין אין עולם הזה, עס איז אלץ ניסט, פאר אירדע זאכין, ניט אייביג גליקט דאס, אין איין נאכט קען דער פון ניט ווערין אונ

אפילו

אֲפִילוּ אִין דִיא צַייט וָואס עֶס שַׁיינְט אִיז דָאס אוֹיךְ גָאר נִיסְט, אוּנ זַייעֶר מֵיאוּס אִין דִי אוֹיגְן פוּן דֶעם רִיכְטִיגְן בַּעַל שֵׂכֶל, אוֹי אוּנ וַויא אִיז צוּא דִיא וָואס פַאר גְרַייזְן אִין דֶעם, זָאלְסְט זִיךְ נוּר מְתַקְנָא זַיין אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, (וָועְן דוּא זֶעסְט אַז יֶענֶער אִיז מֶער יְרֵא שָׁמַיִם אוּנ הָאט בֶּעסֶערֶע מִדּוֹת פַאר דִיר) אוּנ זָאלְסְט נִיט זָאגְן מִיט וָואס וָועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּא עוה"ב אִיךְ קָאן נִיט טָאן קֵיין גוּטְס, דֶער כְּלָל אִיז אַזוֹ סַייא אַיינֶער טוּט פִיל אָדֶער וַויינִיג נָאר זַיין כַּוָּנָה זָאל זַיין צוּ גָאט. אוּנ לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְסְט אָפּ שֵׁיידְן אַפִּינְפְט חֵלֶק צְדָקָה פוּן דַיין פַאר דִינְסְט אוּנ זָאלְסְט נִיט מִינָערְן וַויא אִיךְ הָאבּ דִיר פַאר זָאגְט וָוארוּם וָוינְצִיגֶער דֶער פַאר אִיז מֶען עוֹבֵר אַלֶע רֶגַע אוֹיף וִויא פִיל (לָאוִין אוּנ עֲשִׂין) אוּנ אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר לַייקִינְט אִין דֶער תּוֹרָה ח"ו, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז זוֹכֶה צוּא זַיין צוּא עוֹלָם הַבָּא אִיז נָאר צוּא הִיטְן דֶעם מוֹיל, אוּנ דָאס אִיז מֶער וִויא גַאנְץ תּוֹרָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּנ דִי וֶוערְן אָן גִירוּפְן (נָשִׁים שַׁאֲנַנּוֹת) וָוארוּם דִיא מוֹיל אִיז זַייעֶר הֵיילִיג, אוּנ אִין מַיינֶע סְפָרִים אִיז דָא (ספר משלי) מִיט טַייטְשׁ זָאלְין זֵיי לְמַעַן הַשֵּׁם לֵייעֶנֶען אַלֶע טָאג אוּנ דָאס אִיז בֶּעסֶער פַאר אַלֶע סִפְרֵי מוּסָר, אוֹיךְ זָאלִין זֵיי לֵייעֶנֶען (ספר קהלת) שְׁטֶענְדִיג פַאר דִיר, וָוארוּם דָארְטְן מַאכְט עֶר צוּא נִיסְט דִיא עִנְיָנִים פוּן עוֹלָם הַזֶּה, אוּנ דָאס גְלַייכְן אַנְדֶערֶע סְפָרִים, אָבֶּער עֶס זָאל נִיט זַיין חַס וְשָׁלוֹם דֶער עִיקָר דֶער לֵייעֶנֶען אַלֵיין (אוּנ נִיט הָאבְּן אִין דִיא גִידַאנְקֶען מֶען זָאל דָאס אַלֶץ מְקַיֵּים זַיין), וָוארוּם דֶער פוּן וֶוערְט נִיט מִתְפַּעֵל דֶער מֶענְטְשׁ עֶס אִיז דָא פִיל לַייט וָואס לֵייעֶנֶען סִפְרֵי מוּסָר אוּנ וֶוערְן נִיט מִתְפָּעֵל, אוּנ דָאס אִיז אַלֶץ מַחְמַת מֶען לֵייעֶנְט נִיט בִּכְדֵי מֶען זָאל דָאס מְקַיֵּים זַיין, אוּנ אוֹיךְ מַחְמַת מֶען גֵייט אַרוּם תֵּיכֶף צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן וָואס רֵיידְן פִיל רֵייד, דוּרְךְ דֶעם פַאר גֶעסְט מֶען דָאס נָאר אִין גַאנְצְן דָאס פֵּירְט אַלֶץ אִיבֶּער, דָאס אִיז גְלַייךְ וִויא אַיינֶער זַייט אוּנ הָאט נִיט גִיאַקֶערְט דָא קוּמְט דֶער וִוינְט אוּנ צוּא שְׁפְּרֵייט עֶס וֶוערְן זָאט דֶער פוּן דִיא עוֹפוֹת, דָאס אִיז אַלֶץ מַחְמַת עֶר קוּמְט צְווִישְׁן לַייטְן וָואס זַיינֶען נִיט פְרוּם קֶען עֶר זִיךְ נִיט אַיין שְׁלִיסְן, אוּנ דָאס אִיז גְלַייךְ צוּ אַיינֶעם וָואס זַייט אוּנ הָאט נִיט פַאר צַאמְט, דָא קוּמֶען דִיא בְּהֵמוֹת אוּנ עֶסְן

אויף אונ צוא טרעטין , אויך איז דא איינער וואס זייט אויף איין שטיין (דאס איז אביי"ז הארץ) וואס גייט אין אים גאר ניט אריין דארף מען צוא ברעכין דעם שטיין ביז ער זאל זיך צוא ברעקלין , דרום שרייב איך דיר אז דוא זאלסט שלאגין אונזערע קינדער אן רחמנות אויב זייא וועלין דיר ניט צוא הערין , אונ זאלסט גיוואוינען איטליכעס קינד נאך זיין נאטור אונ דער עיקר איז מיט גיוואוינהייט , אויך פאר זאג איך מיין איידים אין דיא אללע זאכין ער זאל לייענען די אללע זאכין וואס איך שרייב , אונ זיין לערנען זאל זיין לשם שמים , אונ למטן השם אזו צוא גיוואוינען זיך אונ זאל ניט אכטונג געבין וואס אנדערע זאגין אז איין קינד דארף דאס ניט (אדרבה) דער שאלעכטש פון גוס אז ער איז גרין קאן מען אים גיכער צוא ברעכין (אזו איז דר מענטש, אין דער יוגינט קען ער זיך גיכער איבער ברעכין דיא שלעכטע מדות אונ איין ציען זיך אין גוטע מדות), אונ דאס (לערנען לשם שמים) איז דער עיקר פון אלץ ווארום דער מיט וועסטו זוכה זיין צו אלץ אונ זאלסט לערנען (מסכת אבות בפרט פרקי אבות דר' נתן , אונ מסכת דרך ארץ) איז פריער פאר תורה אונ זאלסט דיין שוויגער אונ דיין עלטער שוויגער ערליך האלטין , אויך מיט איטליכין זאלסטו זיך פירין מיט (דרך ארץ אונ כבוד) .

יאהובתי אמי) מיין ליבע מוטער *) איך וויים אז דוא באדארפסט

ניט

---

*) דער ווילנער שטאט מגיד (ר' זלמן זאב ז"ל) האט דער ציילט וועגין דעם גאונס מוטער (איר נאמען וואר טריינע) אז ר' חיים וואלאזינער ז"ל האט גיזאגט בעת אז ער קומט אויף דעם בריק פון טייך ביא דיא שטעטיל ראסנאווע (לעבין סלוצק) מאכט ער אברכת (ברוך שעשה לי נס במקום הזה) ווארום דארטין איז אמאל גיפארין דיא באבע פון דעם גאון מיט איר טאכטער טריינע (דעם גאונס מוטער) דיא טריינע וואר דענסט מאל אקליין קינד אונ איז גיוועזן פאר בונדין אין אקיסעלע, וויא זייא זיינען גיקומען אויפין בריק זיינען זייא אלע אריין גיפאלין אין טייך אונ מיט גרויס מיה האט מען נור גיראטעוועט דיא קיסעלע מיט דאס קינד וואס זיא איז בדרך נס ארויף גישוואומען

ניט מיין מסר דוא ביסט אין צנועה (אעפ"כ) זאל גילייענט ווערין פאר דיר דער בריף ווארום דאס איז געשליבע רייד , אונ איך בעט דיך אז דוא זאלסט זיך ניט מצער זיין פון מיינט וועגן , אינ אז איך וועל זוכה זיין צוא זיין אין ירושלים לעבין דעם כותל מערבי וועל איך בעטין פאר דיר , אויך בעט איך מיין ווייב אז זיא זאל ערליך האלטין מיין מוטער אזו וויא עס שטייט אין דער תורה, אונ מיין מוטער בעט איך אז עס זאל זיין שלום צווישין זיך אונ איינע די אנדערע זאלין פריילך מאכין דאס איז אגרויסע מצוה צוא אלע מענטשין , מען פרעגט דעם מענטשין בשעת הדין האסטו זיך גיפירט מיט דיין חבר

מיט

האט מען דאס קינד ארויס גינומען נאס פאר פראוין עס האט קאם וואס גילעבט האט מען איר אבין גילייגט אין אהייסין אויבין (אזוא האבין אלטע ווייבער גיהייסין) האט זיך דאס קינד אפ גיברענט דיא פיסלאך אונ עס איז אויף גילאפין פענכירעס , אונ חאטשע זיא איז גידון גיווארין אין פייער אונ אין וואסער איז זיא פארט גיבליבין לעבין בהשגחת השי"ת כדי זיא זאל ברייגנען דעם היילינין גאון אויף דער וועלט , פלעגט ר' חיים וואלאזינער זאגין אז דיזער נס איז דאך צו אים אויך גישעהען ווארום ווען זיא וואלט דער טרונקען ווערין , הייגט וואו וואלט ער האבין אזא וויכטיגין רבין וויא דער גאון ז"ל .

דיזע גליקליכע מוטער איז מקובר ניט וייט פון גאונס קבר אונ אויף איהר מצבה איז גישריבין דיזע עטליכע ווערטער „זאת האשה צלחה , אם הבנים שמחה אמו של הגאון רבינו אליהו" דאס הייסט דיזע פרוי האט באגליקט אויף דיזע וועלט (זיא האט גיהאט חוץ דעם גאון נאך פיר זין אונ אלע זיינען גיוועזן גאונים גרויסע לייט) די מוטער פון אזעלכע קינדער איז פריילך , (גיבענטשט איז דיא בויך וואס האט ארויס גיבראכט אזא ליכטיגקייט אויף דער וועלט) השי"ת זאל איין פליסין אין אונזערע הערצער ליבשאפט צוא דיא תורה הקדושה אז מיר זאלין ערציהען אונזערע קינדער אין דרך התורה והמצוה אונ מיר זאלין אויך זוכה זיין צוא אזעלכע קינדער וואס זאלין פאר שיינען דיא וועלט מיט זייער תורה אונ יראה . אמן .

מיט (כבוד אונ נחת רוח), איז נידדונגען אז מען דארף זיך אזוא פירין, אונ אין דעריין הייגט איין גרויסע טייל פון דער תורה אז מען זאל פרייליך מאכין מענטשין (מיט איין שמחה של מצוה ניט חלילה מיט ליצנות אונ גילעכטער) אונ אפילו ווען איינע פון אייך וועט מאן עפעס אזאך ניט וויא מען באדארף זאל איינע דיא אנדערע מוחל זיין, אונ מיין מוטער בעט איך אויך אז זיא זאל מדריך זיין מיינע זין אונ טעכטער מיט ווייבע דייך בבדי זיא זאלין דאס מקבל זיין אונ זיא זאל אויף זייא השגחה געבין, אונ מיינע קינדער פאר זאג איך אז עס זאל ניט גיהערט ווערין צווישין זייא קיין קריג אונ כעס נאר אלין מיט שלום, אונ דער (בעל השלום) זאל געבין צוא אייך אונ צו כל ישראל לעבין אונ שלום.

בנאי אהובכם אליהו בכהור"ר שלמה זלמן תנצב"ה

# קיצור אבן שלמה

הייליגע דברי מוסר ארויס גינומען פון דעם גאונ'ס ספרים.

## פרק א אין דיזין פרק ווערט גירעט וויא מען זאל ברעכין דיא מדות, אונ אויך פון די מלחמה פון דעם יצה"ר:

א) נאר דער עיקר פון עבודת השי"ת איז יעדער מענטש זאל וועהען פאריכטין זיינע מדות (אום ווארצלען פון הארצין דיא שלעכטע מדות דהיינו גאוה, אכזריות, כעס, קנאה, שנאה, תאוה, עצלות (פוילקייט), איין אפענע מויל צוא פלוידערין שטענדיג אונ דאס גלייכין, אונ איין פלאנצין אין זיך גוטע מדות, דהיינו ענוה, זריזות, רחמנות, גוטהערציגקייט, מענשינפריינדשאפט, איין צוא גישלאסענע מויל אונ דאס גלייכין), ווארום דיא גוטע מדות איז דער שורש פון כל התורה ומצות, אונ דיא שלעכטע מדות איז דער שורש פון אלע חטאים, וויא מיר וועלין ווייטער שרייבין:

ב) נאר דער עיקר חיות פון מענטשין, איז נאר ער זאל זיך שטארקין תמיד צוא ברעכין דיא שלעכטע מדות פון זיין טבע.

ג) דיא וואס טוען פיל מצות אונ האבין אין זיך ניט קיין תורה אונ

יראה

יְרָאָה, וָאגְט אויף וִויא דֶער פָּסוּק לָמָה לִי רוֹב זִבְחֵיכֶם, דָאס הֵייסְט וָואס דַארְף אִיךְ אַייעֶרֶע פִיל קָרְבָּנוֹת.

ד) דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ בְּרֶעכִין אִין מִדּוֹת בִּיסְלַאךְ וַוייס, נִיט שְׁפְּרִינְגֶען מִיט אַמָאל אויף אַהוֹיכֶע מַדְרֵגָה דֶען אַז עֶר וֶועט חַאפִּין מִיט אַמָאל אַהוֹיכֶע מַדְרֵגָה וֶועט דָאס קַיין קִיוּם נִיט הָאבִּין.

ה) דער מֶענְטְשׁ קָען נִיט שְׁטֵיין תָּמִיד אויף אֵיין מַדְרֵגָה אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁי"ת עֶר מוּז גֵּיין הֶעכֶער אָדֶער נִידֶערִיגֶער, דֶערִיבֶּער מוּז דֶער מֶענְטְשׁ זֶעהֶען תָּמִיד גֵּיין אַלְץ הֶעכֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁי"ת דֶען אויב נִיט וֶועט עֶר מוּזִין אַלֶע מָאל פַאלִין אַלְץ נִידֶערִיגֶער.

ו) אִין דִיא דְרָכִים פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁי"ת מוּז דֶער מֶענְטְשׁ פְרֶעגִין אֵיין עֵצָה פוּן חֲכָמִים, אָבֶער אִין דֶער מִלְחָמָה פוּן דֶעם יצר הרע מוּז דֶר מֶענְטְשׁ אַלֵיין אויךְ זוּכִין תַּחְבּוּלוֹת, וִויא עֶר פַאר שְׁטֵייט זַיין טֶבַע.

ז) תּוֹרָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים אִיז מְכַפֵּר אויף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּנ דָאס אִיז פִיל בֶּעסֶער וִויא אַלֶע תַּעֲנִיתִים אוּנ נָאךְ זַאכִין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַּיינִיגְט זִיךְ, אוּנ דֶער עִיקָר פוּן תְּשׁוּבָה אִיז נָאר תּוֹרָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים, (ווייל תְּשׁוּבָה אִיז דֶער טַייטְשׁ „אוּם קֶערִין זִיךְ" (פוּן דִיא בֵּייזֶע וֶועג אויף דִיא וֶועג פוּן דֶער תּוֹרָה) אוּנ כָּל זְמַן עֶר אִיז נִיט עוֹסֵק בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים שְׁטֵייט עֶר נָאךְ אַלְץ נִיט אויף דִיא גוּטֶע וֶועג).

ח) אַזוֹ וִויא דִיא גְּיוּוִיקְס פוּן דֶער עֶרְד מוּז הָאבִּין דְרֵייא זַאכִין, דְהַיְינוּ מֶען מוּז זֵייעֶן, אוּנ אוּם יֶעטִין דִיא שְׁלֶעכְטֶע גְרָאז, אוּנ תְּפִלָּה טָאן אויף רֶעגִין, אַזוֹ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁי"ת מוּז מֶען טָאן מַעֲשִׂים טוֹבִים בִּזְרִיזוּת, דָאס אִיז אַזוֹ וִויא זֵייעֶן, אוּנ מִיא מוּז אַרוֹיס רֵייסִין דִיא שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת דָאס אִיז גְלַייךְ צוּא יֶעטִין, אוּנ מִיא מוּז מִתְפַּלֵּל זַיין צוּא הַשֵּׁי"ת עֶר זָאל אִים זַיין צוּא הִילְף, אַזוֹ וִויא מִיר גִיפִינֶען דוד המע"ה הָאט פִיל מָאל גִיבֶּעטִין אִין תְּהִלִּים אַז הַשֵּׁי"ת זָאל אִים צוּא הִילְף זַיין אִין תּוֹרָה אוּנ עֲבוֹדָה.

ט) דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קָען נִיט אַיין הַאלְטִין זִיךְ פוּן תַּאֲוָה, אוּנ כַּעַס, אִיז פַאר אִים פִיל בֶּעסֶער צוּא זִיצִין אִין דֶער מִדְבָּר, וואו קַיין מֶענְטְשִׁין גֵּייעֶן נִיט.

אזוא

י) אזוי וויא דער וואס רייט אויף איין פערד, קען ער אים אום ברענגען ער זאל גיין בדרך הישר אפילו אז ער איז א שלעכטער פערד, אזוי קען זיך דער מענטש מיט זיין שכל אום ברענגען צוא גיין בדרך הישר, אפילו ווען ער האט א שלעכטע טבע.

יא) אזוא וויא דער עיקר פון דעם בוים איז דאך די פירות, אזוא איז דער עיקר פון דעם לערנען מען זאל דאס מקיים זיין, אונ דער מענטש ווערט ניט גירופען קיין צדיק נאר אז ער איז אפ גיהיט מקיים צו זיין אלע מצות, אונ אויף אזוי איין מענטשין שטייט די גאנצע וועלט:

יב) דאס וואס מען איז פויל אונ מען טוט ניט קיין מצות איז מער פעלער וויא דאס וואס מען טוט איין עבירה, דען אויף איין מצוה איז מען עובר יעדער רגע וואס מען קען איר טאן אונ מען טוט איר ניט, אבער אויף איין עבירה איז מען נאר עובר בשעת מעשה *).

---

*) אונ דאס גלייכין דער עונש (שטראף) פאר די אפגילאזינקייט אונ וואס מען מאכט זיך שלאף פון צו טאן מצות איז אויך פיל גרעסער וויא דער עונש פון טאן עבירות אזוי וויא דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים (על כן לא יקומו רשעים במשפט חטאים בעדת צדיקים) דאס הייסט דיא רשעים וואס טוען עבירות וועלין קיין באשטאנד ניט האבין ווען דער בורא ב"ה וועט זיי משפטין פאר זייערע בייזע מעשים „וחטאים" (אונ דיא פעליגע וואס פעלין פון צוא טאן מצות הגם זיי טוען ניט קיין עברות) וועלין קיין באשטאנד ניט האבין אין דיא גימיינדע פון צדיקים, איז דאך א קשיא וויא קומען די חטאים אין דיא עדת צדיקים? נאר דאס קען רעכט ווערין דורך א משל, צום בייספיל שטעל זיך פאר ווען דוא פארכסט אין וועג אין א שלעכטין וועטער אונ דער זעכט פון ווייטין א קליינע קרעטשעלע, נאר מחמת דיין אפ גילאזינקייט האסטו זיך גיפוילט ארוים צוא קריכין אונ אויף הויבין אין בינכסט אוועק גיפארין, דער נאך איז גיקומען א מענטש איין זריז אונ איז אראפ גיקראכין אונ האט אויף גיהויבין אונ האט גיפונען אין איר בילעטין אויף פופציג טויזענד רובל אונ איז רייך געווארען, נאך דעם האט זיך גימאכט אז דו ביסט גיווארען איורד אונ דארפסט נעבעך פארען

זובען

ווכֶען בְּרוּיט אוּנ עֶס הָאט זִיךְ גְרָאד מְזַמֵן גִיוֶועזֶען אַז דוא בִּיסְט גִיקוּמֶען צוּ דֶעם גְבִיר (וָואס אִיז דַייךְ גִיוָוארֶען פוּן דִיא קֶעסְטֶעלֶע וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גִיפוּילְט אִיר אוֹיף צוּ הֵייבֶּען) אוּנ זֶעסְט וִויא עֶר לֶעבְּט מִיט אַזַא פַארְגֶעניגֶען, מִיט אַזַא גְרוֹיסֶען פַארַאד מִיט אַזוֹ פִיל בַּאדִינְטֶע אוּנ דֶעם כָּבוֹד אוּנ רֶעשְׁפֶּעקְט וָואס יֶעדֶער הָאט פַאר אִים אוּנ דוּא שְׁטֵייסְט נֶעבֶּעךְ פַארִין טִיהר וִויא אַיין עָנִי וְאֶבְיוֹן אוּנ בַּארֶעכֶענְסְט זִיךְ אַז דֶער גְרוֹיסֶער גְלִיק אִיז גִילֶעגְן פַאר דַיינֶע אוֹיגֶען אוּנ מִיט אַקְלֵיינֶע טִרְחָה הָאסְטוּ אִים גִיקֶענְט קְרִיגֶען נָאר דַיין פַארְפְלוּכְטֶע פוּילְקֵייט הָאט דָאס פוּן דִיר אַוֶועק גִירוּיבְּט, וִויא אִיז דִיר דֶערְנָאךְ טָאמַאל אוֹיפִין הַארְצִין, הַגַם קֵיינֶער שְׁלָאגְט דִיר נִיט פוּן דֶעסְט וֶועגִין דִי גְרוֹיסֶע הַארְצְוֵויטָאג אוּנ שְׁמֶערְצִין דַיינֶע אִיז אוּנֶערְטְרֶעגְלִיךְ — אוּנ נָאךְ מֶער וֶוען אֵיינֶע מֶענְטְשִׁין זָאלִין זִיךְ דֶער וִויסִין פוּן דִיא מַעֲשֶׂה (וָואס דַיין פוּילְקֵייט הָאט דִיר מִיט גִיבְּרַאכְט) דָא שְׁטֵייסְטוּ שׁוֹין גָאר וִויא אַבַּאגְרָאבֶּענֶער אוּנ וִוינְסְט זִיךְ בֶּעסֶער עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּענֶען אַגְרוּב אוּנְטֶער דִיר אוּנ אַרַיין קְרִיכִין לֶעבֶּעדִיגֶער הַייט פוּן גְרוֹיס בּוּשָׁה אוּנ קְרֵיינְקוּנְג — דֶעם זֶעלְבִּיגִין שְׁטְרָאף וֶועלִין הָאבִּין דִיא חַטָּאִים (דִיא וָואס זַיינֶען פֶעלִיג פוּן מִצְוֹת) וֶוען מִיא וֶועט זֵיי שְׁטֶעלִין לֶעבִּין אַנִיטַיינֶדֶע פוּן צַדִּיקִים אוּנ זַייא וֶועלִין קוּקִין אוֹיף דֶעם פַארְגֶעניגִין פוּן דִיא צַדִּיקִים וָואס עֶס אִיז גָאר אָן אַיין שִׁיעוּר אוּנ אָן אַיין עֶרֶךְ (וִויא דֶער תַּנָא זָאגְט אִין פרקי אבות יָפָה שָׁעָה אַחַת כו׳ עֶס אִיז בֶּעסֶער אֵיין שָׁעָה פַארְגֶעניגֶען אִין עוֹלָם הַנְשָׁמוֹת מֶער וִויא דִיא גְרֶעסְטֶע פַארְגֶעניגֶען פוּן עוֹלָם הַזֶה דֶעם גַאנְצִין לֶעבִּין) אוּנ עֶר הָאט דָאס דוּרְךְ זַיין פוּילְקֵייט פַאר לָארִין, עֶס אִיז זִיךְ גָאר נִיט פַאר צוּא שְׁטֶעלִין דִיא עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּנ קְרֵיינְקוּנְג פוּן דֶעם, הַיינְט דִיא בּוּשָׁה אוּנ חֶרְפָּה וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט (כָּל אֶחָד נִכְוֶה מֵחוּפָּתוֹ שֶׁל חֲבֵרוֹ) יֶעדֶער צַדִּיק וָואס זֶעט דִיא חוּפָּה אוּנ פַארְגֶעניגִין פוּן דֶעם גְרֶעסֶערִין צַדִּיק פַאר אִים אוּנ בַּארֶעכִינְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גִיקֶענְט קְרֵייכִין צוּא יֶענֶעם מַדְרֵגָה וֶוען עֶר וָואלְט גִילֶערִינְט פְלֵייסִיגֶער אוּנ גִיטָאן מִצְוֹת מִיט מֶער זְרִיזוּת אוּנ שִׂמְחָה בְּרֶענְט דָאס אִים זֵייעֶר אוּנ הָאט שְׁטַארְקֶע שְׁמֶערְצוּנְג (אוֹי לְאוֹתָהּ בּוּשָׁה) וִוייא אִיז צוּא אַזַא שַׁאנְד אוּנ חֶרְפָּה עֶס אִיז פִיל עֶרְגֶער וִויא דִי גְרֶעסְטֶע יִסוּרִים

אוּנ

אונ אפשיטא דער מענטש וואס האט נאר ווייניג מצות ווען ער וועט קומען אין עולם הנשמות אונ וועט זעהען וואס ער האט פאר לאריין מיט זיין אייגינעם ווילין וועט דאס אים קריינקען נאר אום נאטירליך אונ דאס איז ניט אויף איין טאג נור אייביג נאר אן אסוף, דרום זאל זיך דער מענטש ניט שלאף מאכין *) אונ שטארקין זיך אנטקעגין דיא באסור אונ טאן מצות אונ מעשים טובים אונ זאלעווען דיא ליידיגע מינוטין וואס ער האט דהיינו שבת ויו"ט אדער ווען ער קומט אין שול איידער מען דאווינט זאל ער אריין קוקין אין אספר (אפילו פון עברי טייץ נאר וואס ער קען) אונ ניט באהעפטין זיך צו די פוסטע מענטשין וואס ברייננען אוים זייערע טייערע צייט אין שמועסין וויא דוד המלך ע"ה זאגט (לא ישבתי עם מתי שוא כו' ארחץ בנקיון כפי ואסובבה את מזבחך ה') דאס הייסט איך בין ניט גיזעסין מיט דיא פוסטע מענטשין

*) דיא הויפט סבה (אורזאך) פון שוואך זיין צוא טאן מצות (אונ איבער הויפט פון התמדה אין לערנען וואס דאס איז דיא גרעסטע מצוה פון אלע מצות), וויל מיר האבין זייער אקליינעם באגריף (פארשטאנד) אין דיא וויכטיגקייט פון דיא מצות אזו וויא דיא שטערין פון הימיל וואס דער ניט קיין גילערינטער מענטש מיינט אז זיי זיינען זייער קליין, אבער דיא חכמי התכונה (אסטראנאמיע) וואס זיי זעהן מיט דיא כלי ההבטה (פערין גלעזער) שרייבין זיי אז דער קלענסטער שטערין (פון דיא וואס מען זעט אן אכלי הבטה) איז אכצין מאל אזו גרוים וויא דער גאנצער כדור הארץ (ערד קוגעל) (בארעכין וויא גרוים אונ פארכטיג זיינען דיא ווערק פון השי"ת) דאס גלייכין זיינען דיא מצות בייא דעם וואס האט ערלויכטין זיין שכל דורך די תורת הקדושה, ער זעט שיינבאר זייער גרויסע וויכטינקייט אונ ביי אזא מאן איז דיא תורה אונ מצות וויכטיגער פון אלע גליקין פון דיזע וועלט וויא דוד המלך ע"ה זאגט (על כן אהבתי מצותיך מזהב ומפז) דאס הייסט איך האב ליב גיהאט דיא מצות מער פון גין גאלד (וואס דאס איז דיא טייערסטע זאך אויף דער וועלט) אונ וויא אויבין איז באשריבין פון גאון ז"ל וויא וויט ער האט גיליבט דיא תורה ומצות ווייל זיין ניפיל איז זייער גרוים גיוועין, דרום האבין אונז דיא רופאי הנפשות (דאס זיינען די אנשי כנסת הגדולה וואס האבין גיזארגט פאר דיא גיזונדהייט אונ גליק פון אונזערע נשמות) מתקן גיוועין דיא תפלה (והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך) דאס הייסט השי"ת זאל אונז דער לייכטין אנזערע אויגין מיט דיא ליכטיגקייט פון זיין תורה אז מיר זאלין דער זעהען דיא וויכטיגקייט פון דיא מצות וועט ווערין צוא גיקלעבט אונזערע הערצער צוא דיא מצות צו טאן מיט גרוים לוסט (ולא נבוש לעולם ועד) בכדי מיר זאלין ניט פאר שעמט ווערין אויף אייביג (וויא מיר האבין דאס אויבין גיגעבין צוא שקלערין).

מענטשין אונ האב פיינט געהאט דיא איין זאמלונג פון גיזעלשאפט איך האב מיר נור גיוואסין ריינטליך מיינע הענד (דאס הייסט אפ געהיט זיך פון בייזע מעשים) אונ גיגאנגען אין דיין היילינע הויז דיך צוא לויבין אונ דאנקען אונ דער ציילין גאר דיינע וואונדער — בכדי ער זאל ניט האבין קיין איבינין שאנד אין דיא וואָרהאפטיגע וועלט אונ זוכה זיין צום איבינין אום נאטירליכין פארגעניגען וויא דוד המלך ע"ה זאגט (מה רב טובך אשר צפנת ליראיך) וויא גרוים אונ פיל איז דיינע גוטעס וואס דוא האסט באהאלטין פאר דיא גאטס פארכטיגע וואס היטין זיך אפ פון עבירות אונ טוען פלייסיג מצות אונ מעשים טובים, (לייען דאס איבער מיין פריינד עטליכע מאל אונ נעם דאס ארוף אפין נידאנקען וועט דאס דיר פיל נוצין ברייננען). (ע"כ הגה"ה)

יג) דער וואס האט גוטע מדות בטבע אונ ער איז פארט איין רשע, דעם גיט מען אפ זיין גאנצין שכר אויף דער וועלט ער זאל ניט האבין קיין חלק לעולם הבא, ווייל אים איז זייער גרינג גיוועזן צוא זיין א צדיק אונ ער האט אליין ניט גיוועלט, אבער דער וואס האט א שלעכטע טבע אונ ער האלט מלחמה תמיד מיט דעם יצה"ר אונ ברעכט זיין טבע, דעם קומט שכר נאך זיין צער נאך, אונ אז עס טרעפט זיך אז ער ווערט חלילה נכשל אין איין עברה איין מאל טוט מיט אים השי"ת לפנים משורת הדין, דאס הייסט ער זעהט צו פאר גרינגערין עם זיין עונש.

יד) ווער עס האט נוטע מדות בטבע אונ ער טוט ניט קיין מצוה איז ער גליך וויא מען טוט אן איין גידערנעם נאז באנד אויף דעם נאז פון איין חזיר, וואס ער ריכט עס איין אין מיסט, אזוא דער מענטש וואס זיינע מעשים זיינען שלעכט קערט ער איבער זיינע גוטע מדות אונ דיא תורה אויף שלעכץ.

טו) אזוא וויא היינין אז זיא איז רואיג אונטער דיא ויין איז זיא אשמירה צוא דיא ויין, אבער אז זיא הויבט זיך אויף אין דער הויך איז דיא ויין ניט ראוי צוא טרינקען, אזוי אז דער יצר הרע איז אונטער טעניג צום יצ"ט איז ער אפעולה צום יישוב פון דער וועלט, אבער אז ער הויבט זיך אין דער הויך פאר לענט ער אלין.

עם

טז) עס איז ניט דער שטייגער פון דעם יצר הרע באלד אין אן הויב אן ריידין צוא טאן איין עבירה, נאר ער הויבט אן צוא ווייזין צום מענטשין ליבשאפט, אונ אז ער זעהט אז דער מענטש ציט זיך נאך עם נאך, הויבט ער אן צו ציהען אים צוא אזעלכע מצות וואס איז פאראן אין זיי הנאת הגוף, דהיינו עסין טרינקען אונ דאס גלייכין, אונ אז ער האט אים שוין צוא גיוויינט צוא הנאת הגוף פון אמצוה*), ציט ער אים שוין צוא אנדערע תאות, אונ רעט עם איין אז ער וועט טאן דער נאך תשובה מאהבה דער מיט וועט ווערין פון אלע עבירות מצות, אונ נאך רעט ער אים איין אז דיא תורה ומצות קען מען כלאו הכי ניט מקיים זיין אין גאנצין היינטיגע צייטין, היינט וואס באדארפסטו אום זיסט אוועק ווארפין תענוגי עולם הזה **) אונ

*) אונ מיט דיזע מעטאדע (אופן) איז גיקומען דעם ערסטין מאל דער נחש אן ריידין חוה'ן צוא עסין פון עץ הדעת, ער האט צוא איר גיזאגט (אף כי אמר אלקים?) דאס הייסט הגם השי"ת האט גיזאגט (מכל עץ הגן אכל תאכל) פון אלע בוימער פון גארטין זאלט איר עסין היינט אז השי"ת האט גיהייסין עסין איז דאך אמצוה צוא עסין פון דעסט וועגין (לא תאכלו מכל עץ הגן) טוט איר ניט עסין פון קיין בוים? ביז וואנען ער האט איר אריין גיפירט אז זיא האט גיגעסין פון דעם פאר באטענעם בוים (עץ הדעת)-מיט דיזע ערציילונג לערינט אונז דיא תורה איין מוסר וויא וויים צוא היטין זיך פון יצר הרע דאכט זיך ער קומט גאר אן ריידין אמצוה (עסין פון אסעודת מצוה) ביז וואנען ער ציט אריין דעם מענטשין אין אנדערע תאוות דרום מוז מען זייער גיווארינט זיין.

**) אויך גיפינען זיך נארעשע מענטשין וואס זאגין מיין קינד וועט בוודאי קיין רב ניט זיין היינט וואס בעדארף איך געבין אים אין חדר אום זיסט, זיי מיינען אז נאר איין רב דארף לערנען אונ באמת איז דער חיוב פון לערנען מוטל אויף אלעמען אונ דער עונש פון ביטול תורה (רחמנא לצלן) איז גרעסער פון אלע עונשים, (ווארום ווען מען לערינט ניט וויים מען קיין מצוה ניט צוא טאן וויא זיא גיהער

אונ אַז דער יצה"ר האָט אִים שׁוין צוא גיוואוינְט צוּ זיך בּעדאַרף ער עס שׁוין מֶער נִיט אַן רֵיידִין ער לויפְט שׁוין נאָך עס אַלֵיין ·

יז) כָּל זְמַן דער מענְטשׁ אִיז עוסק אִין עֲבוֹדַת השי"ת אִיז דער יצה"ר רוּאִיג, ער קוּקְט נאָר אַרוּם צוּא בּאַצְווִינְגֶען דעם מענְטשִׁין בְּעֵת אַז ער לֵייגְט אַוועק דיא עֲבוֹדַת השי"ת ·

יח) דער מענְטשׁ ווערְט נִישְׁטְרוֹיכִילְט אִין אֵיין עֲבֵרָה דוּרך צְווֵיי זאַכִין ערְסְטִין וואס דער יצה"ר פאַר בְּלֶענְט אִים דיא אויגִין אַז ער מֵיינְט אויף דער עֲבֵרָה אַז עס אִיז אַמִצְוָה, אָדער דוּרך דעם וואס ער אִיז אֵיין גִיוֵוינְט צוּא טאָן דיא עֲבֵרָה דוּכְט זיך עס אַז עס אִיז נאָר אַהֶיתֵּר *), דאס אַנְדערֶע אִיז פִּיל מאָל טְרֶעפְט אַז דער מענְטשׁ ווייס אַז דאס אִיז אַגְרוֹיסֶע עֲבֵרָה אונ ער ווֶעט האָבִּין אַבִּיטֶערִין סוֹף, נאָר עס אִיז עס זֵייעֶר שְׁווער אָפּ צוּא רֵייסִין זיך פוּן דיא שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וואס ער אִיז מִיט זֵייא אֵיין גִיבּוּנְדִין מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, אונ צוּא דיא צְווֵייא עִנְיָנִים אִיז דאָ אַתְּרוּפָה, דְהַיינוּ פְרִיעֶר מוּז ער זעהען אָפּ רֵייסִין זיך פוּן זַיין גִיוואוינְהַייט מִיט אַזֶעלְכֶע דִבְרֵי מוּסָר וואס מאַכְט אוּנְטֶער טֶעניג דעם יצה"ר אונ צוּא בְּרֶעכְט דיא הָאָרֶץ, אונ דאס ווערְט גִירוּפִין מוּסָר, אונ דער נאָך דאַרף ער עֶפִינֶען די אויגִין אַרוּם קוּקִין זיך וויא ער גֵייט נִיט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, אונ דאס ווערְט גִירוּפִין תּוֹכֵחָה, אונ כָּל זְמַן ער זֶעהְט נִיט אָפּ צוּ רֵייסִין זיך פוּן זַיין גִיוֵוינְהַייט קֶען נִיט הֶעלְפִין קֵיין תּוֹכֵחָה ·

---

צוּא זַיין אונ כִּמְעַט מען ווייס נִיט דיא הוֹיפְּט עִקָרִים אויף וואס אִידִישְׁקַייט בּאַשְׁטֵייט אונ דעם תַּכְלִית אויף וואס אַמענְטשׁ אִיז גִיבּאָרִין אויף דער וועלְט אונ צוּא וואסֶער צִיל זַיין גַאנְצֶע מִיה אויף דער וועלְט זאָל זַיין) ·

*) אוּם גוּט צוּא עֶרְקְלֶערִין די הֵיילִיגֶע רֵייד פוּן דיא חז"ל (עבר ושנה הותרה לו) אַז אַמענְטשׁ טוּט אֵיין עֲבֵירָה אֵיין מאָל אונ צְווֵייא מאָל דוּכְט זיך אִים נאָך דעם אוּים אַזוֹ וויא אַהֶיתֵּר (דאס הֵייסְט מִיא מֶעג דאס טאָן אונ עס אִיז קֵיין עֲבֵירָה נִיט) וויא אַזוֹ ווערְט דאס רֶעכְט? דאכְט זיך אִין דער תּוֹרָה שְׁטֵייט דאס שְׁפֶּעטֶער דיא זֶעלְבֶּע

וויא פריער (מיר ריידין ניט פון דעם וואס איז חלילה איין כופר
בתורה, נור ארום איין ערליכין מאן וואס גלויבט אין דער תורה אונ
אין דברי חז"ל) טוא וויא אזו ווערט דאס ביא אים שפעטער אנדערש
וויא פריער, דאס איז זייער וואונדערבאר? דיא אורזאך פון דעם
האט אגרויסער פריפעסער פון חובי הנפש גוט ערקונדיגט דורך נאך
אגרויסע וואונדערליכע פראגע וואס יעדער מענטש זעט דאס שיינבאר,
ראכט זיך ב"ה דאס רוב אידין ווערין ניט עסין קיין טריפות חלילה
אדער אפילו מילכיגס פאר זעקס שעה נאך פלייסיגס אדער אפילו
כשרס נור אן גיוואסין ווען אפילו ער איז שטארק הונגעריג אונ האט
גרויס צער, אונ אין לשון הרע אונ רכילות וואס דאס איז פון דיא
הארבסטע עבירות אדער ליגין זאגין אדער שווערין פאלש אדער שילטין
אונ דאס גלייכין צענדליגע עבירות איז מען עובר גאר גרינג אפילו
גאר אן אגרויסע תאוה. אדער לאמיר באטראכטין אין געלט זאכין,
ווען דען חלילה ארוף גיין אפין זינען אקצב וואס פאר קויפט כשרה
פלייש ארויס מאכין זיך פון צוא פרעגין אשאלת חכם ווען ער גיפינט
עפעס אחשש טריפות אין דער בהמה, ווען אפילו דאס קען אים זיין
אגאנץ גרויסער שאדין (אונ קיינער ווייס פון דעם ניט נור ער אליין)
פון דעסט וועגין שפירט ער אין זיין נאטור גאטעס פארכט אונ ער
ווערט חלילה ניט מכשיל זיין קיין אידין אין טריפות אדער אליין עסין,
אין געגין טייל אין האנדיל זעהען מיר גראדע פאר קערט, אז דאס
רוב מענטשין בארעכענען זיך ניט פון זיך אליין טאמער איז דער רובל
ניט אזא כשרער אונ' גיין אליין צוא אחכם פרעגין, סיידין אז דער
חבר פאדערט אים צוא ב"ד, אונ אנדערע גיבט נאך אז ווען אפילו
יענער פאדערט אים שוין צוא ב"ד לייקינט ער אפ אדער ער ענטפערט
גאר ניט צוא ב"ד. איז דאך נייטיג צוא פאר שטיין ווארום פאסירט
דיזעס ביא איין מענטשין וואס גלויבט אין דער תורה אונ אין דיא
רייד פון דיא חז"ל, דאכט זיך אין דער תורה זיינען ביידע לאוין
גלייך (טרפה לא תאכלו) קיין טריפות זאלט איר ניט עסין אדער (לא
תעשוק את רעך ולא תגזול) דוא זאלסט ניט באטריגין דיין חבר אונ
ניט גזלענען (אונ וואס נאר ע"פ דין תורה גיהער עס צוא יענעם אונ

איך

איך פאר האלט דאס ביא זיך הייסט דאס גזלה אז אפילו יום כפור איז דאס ניט מכפר) אונ די תורה פאר זאגט דאס כמה וכמה מאל אויף אלע זארטין גזלות אונ עולות, אונ נאך אלעם זאגט זיא בדרך כלל כי תועבת ה׳ כל עושה אלה כל עושה עול (דער וואס טוט נאר עטוואס איין עולה איז אומווירדיג ביא השי״ת כל זמן ער טוט ניט קיין תשובה) אונ אין דעם ווערין נכשל דאס רוב מענטשין אפילו פרומע לייט אונ לומדים וויא די הייליגע חז״ל זאגין (רובם בגזל) דאס הייסט דאס רוב מענטשין ווערין גישטרויכילט אין גזל היינט איז דאס ניט אוואונדערבארע זאך? האט דאס דער חכם ערקלערט דורך אחקירה וואס דוד המע״ה לערינט אונז (ירך עשוני ויכוננוני הביני, ואלמדה מצותיך), דאס הייסט דוד המלך בעט זיך רבש״ע מאך מיר פאר שטאנדיג וויא אזו דיינע הענט האבין מיר באשאפין אונ צוא זאמע גישטעלט יעדער גליד יעדער ביינדעלע יעדער עדעריל איינער צום אנדערין אונ דעם נוץ פון יעדער גליד אונ יעדער עדעריל (אזו איין פראכטיגער מאשין וויא דעם מענטשינס קערפער איז) אונ וויא אזו ער דייסטעוועט אונ האט אקיום וויא דער עסין ווערט איבער גיארבעט אויף ברוט אין די אדערין אונ מארך אין די ביינער אונ אלע זיינע כוחות אונ גיפילין אונ וויא איז צוא זאמען גישלאסין אנשמה ארוחני מיט אקערפער אנשמי,(ואלמדה מצותיך) אז איך וועל דאס פאר שטיין גרונטליך וועל איך לערנען קענען דיינע מצות דאס הייסט ווען דער מענטש זאל פאר שטיין זיינע אלע גלידער אונ די אדערין וויא יעדער איז באשאפין אונ דעם נוטץ פון יעדערין אונ וויא זייא שליסין זיך איינע מיט די אנדערע וויא יעדערער איז נויטווענדיג צום אנדערין וואלט ער קענען פאר שטיין גרונטליך די מצות פון דער תורה ווייל די תורה איז אן גימאסטין פונקט אויף דעם מענטשין רמ״ח מ״ע (צווייא הונדערט אכט אונ פערציג מצות עשה) אנטקעגין די צווייא הונדערט אכט אונ פערציג גלידער פון מענטשין אונ שס״ה ל״ת (דרייא הונדערט פינף אונ זעכציג מצות לא תעשה) אנטקעגין די דרייא הונדערט פינף אונ זעכציג אדערין פון מענטשין אונ די נשמה מיט איהרע רמ״ח אברים ושס״ה גידים רוחנים איז פאר קליידעט אין די

דמ״ח

דמ"ח אברים ושס"ה גידים פון גוף — דורך דעם לערנען מיר אז חולי הנפש איז פונקט וויא חולי הגוף אזו וויא ביים גוף ווען דער אבר האט אין זיך זיין לעבהאפט (דער כח ההרגשה וואס פאר שפרייט זיך פון מוח אין אלע אברים וגידים) דאן שפירט ער דעם קלענסטין ווייטיג אפילו פון אשטאך פון אשפילקע אין קלייניעם פינגער פון פוס דער שפירט שוין דער מוח, ווען אבער חלילה אז דער אבר איז אפ גישטארבין וויא איינעם נעמט חלילה אפ אהאנט צו אפוס דענסט מאל שפירט ער ניט ווען אפילו ער גיט זיך אגרויסין קלאפ אין דעם גליד וייל דיא לעבהאפט איז אין אים ניטא, דאס גלייכין דיא אברי הנשמה אין זייער לעבהאפט תלוי אין דיא מצות וואס מיר זיינען מקיים וויא דיא תורה שרייבט (אלה המצות אשר יעשה אותם האדם וחי בהם) דאס הייסט יעדער מצוה איז דער חיות פון איר אבר אונ ווען דער מענטש היט דיא מצוה איז דער אבר וואס אנטקעגין איר אין דער נשמה גאנץ גיזונד אונ האט אכח ההרגשה, ווען מיא וויל עובר זיין אויף דיא מצוה דאן האפט איר אציטערניס אונ אשרעק פונקט וויא דעם קערפער האפט אשרעק ווען מען וויל אים טאן אשניט אין איין אבר, אונ דאס גלייכין ווען ער האט שוין עובר גיווען איין מאל גיט אים אשטאך אין הארצין אונ עס טוט אים באנק פונק וויא דער גוף האט שמערצין ווען מען האט אים גיגעבין אשניט אין איין אבר. ווען אבער דער מענטש איז חלילה עובר עטליכע מאל דיא זעלבע עבירה במזיד ווערט אפ גישוואכט דער אבר אין דיא נשמה אונ פאר לירט דעם כח ההרגשה דאן שפירט ער שוין גאר ניט קיין ווייטאג ווען מען שנייט אים אדער מען רייבט אים פונקט וויא מען שטעכט אין דיא אפ גינומענע האנד *).

יעצט

*) הגם אלע אבריםביים מענטשין זיינעם אים זייער נוציג פון דעסט וועגין זיינען זייא ניט גלייך איינער צוא דיא אנדערע אין זייער נוטץ וויא שלמה המלך ע"ה לערינט אונז (מכל משמר נצור לבך כי ממנו תוצאות חיים) דאס הייסט מער פון אלע זאכין וואס אמענטש דארף היטין, היט דיין הארץ, ווייל פון איר איז דיא קוועלע פון לעבין צוא אלע אברים, ווען אפילו עס פעלט דעם מענטשין דער טייערסטער אבר פון דעסט וועגין קען ער בלייבין לעבין, אבער ווען עס פעלט אים דיא הארץ דאן איז אויס מיט אים. (אין דיא גרויסע קליניקעס ווען מען דארף מאכין איינעם איין ראפעראציאן באטאפט מען אים פריער דיא הארץ אויב זיא איז

## יעצט אז מיר זיינען שון דער גאנגען דיא אורזאך פון דיא חולאת — הארך אויס מין פריינד דיא קוראציע פון דעם טייערין (רופא הנפש) — אזו וויא ביא דעם אפ נעמונג פון אקערפערליכין גליד גייט

גיזונד וועט ער קענען אריבער טראגין אלעס , אבער ווען דיא הארץ איז שטארק גירירט דא איז מיט אים אויס) , שלמה המלך ע״ה האט מקדים גיוועזן אין אנפאנג משלי (להבין משל ומליצה) אז אין דיא רייד פון משלי איז נייטיג צוא פאר שטיין דעם משל (דהיינו וויא ער לערינט אונז דא אז דיא הארץ איז דיא קוועלע פון לעבין) אונ ווידער איז דאס אמשל צוא אהעכערע זאך אז פון גוף וועלין מיר פאר שטיין אויף דיא נשמה אז אין דיא נשמה איז אויך נים גלייך איין אבר צום אנדערין , דאס הייסט איין מצוה צו דיא אנדערע. ווען בייא אמענטשין איז אפילו אפ גישטארבין אייניגע אברים אין דער נשמה נאר אז דיא הארץ איז גיזונד קען מען אים נאך אויס קורירין דורך שארפע מעדיצין אדער ראפעריאציאן אבער ווען חלילה אז דיא הארץ איז שטארק אן גירירט דא איז ערבאלד פאר לארין — אונ וואס ווערט גירופין דיא הארץ ביי דיא נשמה ? — דאס איז דיא מצוה פון אמונה (אנכי ה׳ אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים) מען מוז גלויבין אז עס איז פאראנען אבורא וואס האט באשאפין אין זעקס טעג דיא הימיל מיט דיא ערד מיט אלץ וואס אין זיי גיפינד זיך אונ ער איז משגיח אויף אלע ברואים פון קליין ביז גרויס (אונ קיינער קען נים אוועק נעמען וואס עס איז באשערט דעם צווייטין) אונ ער איז איחיד ומיוחד אונ ער האט אונז ארויס גיצויגין פון מצרים פון שקלאווין הויז דורך גרויס וואונדער , אונ האט אונז גיגעבין אתורה אויף דעם בארג סיני דורך משה רבינו ע״ה , אונ ער וויים אלע מעשים פון מענטשין אונ אלע מחשבות . אונ ער וועט באצאלין איין גוטין שכר צוא דיא וואס היטין זיינע מצות אונ וועט זיך שטארק רעכענען דורך גרויסע שטראף מיט דיא וואס זיינען עובר אויף זיינע מצות . אונ נאך זאכין וויא עס ווערט באשייד אין דיא דרייצעהען אני מאמינ׳ס וואס איין איד דארף זייא אפטער זאגין מיט גרוים כונה (דאס הייסט הארכין וואס דיא מויל רעט בכדי עס זאל איין גיזעצט ווערין אין הארצין) בייא דעם מענטשין וואס דיא אמונה איז פעסט , ווען אפילו ער איז פעלער האפטיג אין אמצוה אדער אמדה קען ער זיך גיך אויס קורירין . אבער ווען דער מענטש ברעכט חלילה אפ איינע פון דיא דרייצעהן צווייגין פון דעם פראכטיגין בוים וואס ער הייסט „אני מאמין” דאן איז מיט אים אויס אונ דער חיות פון זיין נשמה איז פונקט וויא אמענטש אן אהארץ (רשעים בחייהם קרויין מתים) דרום פאר זאגט אונז שלמה המלך ע״ה אז די הארץ (אונ אין דער מליצה מיינט ער די אמונה) מוז מען היטין מער וויא די אויגין אין קאפ , צו קרעפטיגין איר (דורך תורה אונ מוסר) אונ ערווייטערין זיך פון דיא זאכין וואס מאכין איר שוואך (דאס הייסט אוים ווייכין די מענטשין פון שוואכע אמונה אונ פשיטא די כופרים בתורה ובדברי חז״ל) ווארום אין איר הייגט אפ דער גאנצער לעבין וויא דער נביא זאגט (וצדיק באמונתו יחיה) דאס הייסט דער צדיק וועיל ביי אים איז די הארץ גיזונד (די אמונה איז שטארק) לעבין אלע אברים פון זיין נשמה .

נייט צוא דיא קוראציע איבער הויפט דורך דיא עלעקטריזיר מאשינע וואס זיא ערוועקט אונ מאכט ציטערין דיא נערפין פון דעם אפ געשטארבענעם גליד מיט דעם גאנצין קערפער צוא זאמען בכדי אויף צוא מינטערין אונ אריין פליסין איין לעבהאפט אין דעם אפ גינומענעם גליד, דאס גלייכין ווען עס שטארבט אפ חלילה איין אבר פון די נשמת (דורך עטליכע מאל טוענדיג איין עבירה במזיד) מוז מען איבער הויפט זעהען אריין צוא פליסין איין חיות (אלעבהאפט) אין דעם אבר דורך דעם לערנען (מיט גרוים באוועגונג אונ יגיעה) דיא אלע דינים אונ מוסרים וואס גיהערט צוא דער מצוה וואס ער איז אין איר פאר בראכין, צום ביישפיל ווען איינער איז פרוץ (אויף גיבראכין) אין דער מצוה אז יענעמס געלט אדער יענעמס כבוד איז ביי אים הפקר (אונ ער וויל זיך אויס קורירין פון דעם שרעקליכין פעלער) מוז ער לערנען אין גמרא אונ חשן משפט אונ ספרי מוסר דיא דינים אונ מוסרים פון גנבה וגזלה אונ כבוד הבריות עטליכע מאל מיט גרוים פלייסיגקייט אונ יגיעה אונ אזוי גלייך אין יעדער מצוה אונ יעדער מדת וואס ער איז אין איר פאר בראכין דהיינו כעס, גאוה, קנאה, שנאת מחלוקת, קללות, שקר, לשון הרע, רכילות, דברים בטלים און דאס גלייכין (ובטול תורה כנגד כולם), אין ווען ער קען ניט לשון הקודש זאל ער לערנען די ענינים איף עברי טייטש אין מנורת המאור, לב טוב, חיי אדם וחכמת אדם ווי ווייט די עבירה פון דעם איז גרוים, אבער ניט לייענען פאר שראפינערהייט אדער וו״לין יוצא זיין מיט איין מאל ביינערט כמה וכמה מאל יעדער שטיקיל שטייענדיג אדער זיצענדיג נאר מיט גרוים פלייסיגקייט אונ יגיעה ביז וואנען ער וועט אויף מינטערין דעם אפגעשטארבענעם אבר און וועט אן הויבין שפירין אחיות אין אליבטיגקייט אין נפש — און ווי ווייט ער איז פאר בראכין אין דער זאך אזוי ווייט מוז ער לערנען מיט גרוים יגיעה דער נאך וועט ער ערשט שפירין דיא גוטע פעולה, עס וועט אים מיט אמאל ליכטיג ווערין אין דער נשמה אונ וועט אן הויבין צוא זיין פארזיכטיג פון היינט אן אונ ווייטער. (דעם ענין ברויכט מען עטליכע מאל איבער צוא לייענען, דאן וועט מען ערשט קריגין אגיפיל אין אים).

יט) אַזוֹ וְוִיא אִין חוֹלִי הַגוּף גֶעפִינְט זִיךְ דְרַייא מִינֵי רְפוּאוֹת אַיינֶע הָעבֶּער פַאר דִיא אַנְדֶערֶע, דֶער עֶרְשְׁטֶער מִין אִיז אַיין דָאקְטָער וָואס זָעט צוּ פַאר שְׁטֵיין דִיא סִבָּה פוּן וַואנֶען דִיא מַכָּה אִיז גִיוָוארִין אוּנ בֶּעטְרַאכְט וְוִיא צוּא פַארִיבְטִין דָאס, אוּנ זָעט צוּא רֵיינִיגִין דִיא גִיבְלִיטִין דָא וֶוערְט דִיא מַכָּה מְמֵילָא פַאר הֵיילְט, דֶער אַנְדֶערֶער מִין רְפוּאָה אִיז וָואס עֶר צִיט אוֹיס נָאר בְּלוּט פוּן דֶער מַכָּה אַלֵיין דָא קָען זִיךְ דִיא מַכָּה נָאךְ אַמָאל אָפּ רוּפִין, דֶער דְרִיטֶער מִין אִיז וָואס עֶר זָעט נָאר וַוייךְ מַאכִין דִיא הוֹיט וָואס אוֹיף דֶער מַכָּה דִיא מַכָּה זָאל זִיךְ אַלֵיין קֶענֶען עֶפֶענֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן אִיר דִי פְּלוּס, אַזוֹ אִיז אִין חוֹלִי הַנֶפֶשׁ אוֹיךְ פַארַאן דִיא דְרַייא מִינֵי רְפוּאוֹת, פַארַאן אַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָעט צוּא רֵיינִיגִין זַיינֶע גִידַאנְקֶען בִּיז עֶר זָאל גָאר נִיט גִילוּסְטִין צוּא דֶער עֲבֵרָה, דֶער אַנְדֶערֶער מִין אִיז וָואס עֶר גִיוַוייְנְט זִיךְ אַיין עֶר זָאל וַוייט זַיין פוּן דֶער עֲבֵרָה דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר צַאמְט זִיךְ אַיין לְמָשָׁל דֶער וָואס אִיז אַיין גִיוַוייְנְט צוּא נַארִין לַייטִין אִין זַיין גִישֶׁעפְט אוּנ עֶר קָען זִיךְ נִיט אָפּ בְּרֶעכִין דֶער פוּן זָעט עֶר גָאר אַוֶועק וַוארְפִין דֶעם גַאנְצִין עֵסֶק, אוּנ הוֹיבְּט אָן עוֹסֵק זַיין אִין אַזוֹ אַיין עֵסֶק וָואס דֶערִיין אִיז נִיטָא קַיין פַאלְשְׁקַייט, בִּיז עֶס וֶוערְט בַּייא אִים אַיין גִיוָוארְצִילְט דִיא טֶבַע פוּן אֱמֶת, דֶער דְרִיטֶער מִין אִיז דֶער וָואס זָעט צוּא בְּרֶעכִין דֶעם כֹּחַ פוּן זַיין יצה״ר מִיט דֶעם וָואס עֶר דֶער מָאנְט זִיךְ תָּמִיד דֶעם יוֹם הַמִיתָה אוּנ דִיא גְרוֹיסֶע עוֹנְשִׁים רח״ל וָואס וֶועט קוּמֶען דֶער פַאר, אוּנ עֶר פַּיינִיגְט זִיךְ מִיט תַּעֲנִיתִים אוּנ דָאס גְלַייכִין.

כ) דֶער יצה״ר אִיז גִיגְלִיכִין צוּא אַפְּלִיג אַזוֹ וְוִיא אַיין פְּלִיג אַז זִיא שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶעם לַייבּ וואוּ עֶס אִיז דָא אַוואוּנְד וַויל זִיא נִיט אַוֶועק גֵיין אַזוֹא דֶער יצה״ר הָאט נִיט קַיין שְׁלִיטָה אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשִׁין נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין עֶפִינְט פַאר אִים אַפְּתַּח, אָבֶּער דִי צַדִיקִים שְׁטֶעלִין זִיךְ קֶעגִין אִים גָאר אִין אָן הֵייבּ אוּנ לָאזִין אִים נִיט צוּ צוּא זִיךְ, אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אִיבֶּער זֵיי קַיין שְׁלִיטָה נִיט *).

---

*) דִיא חַכְמֵי הַטֶבַע שְׁרַייבִּין וֶוענִין דִיא חַיָה בַּרְדְלָס (דֶעבֶּע) אַז אִיר מַאכָל תַּאֲוָה (אִיר בֶּעבְּטֶע אוּנ גִישְׁמַאקְסְטֶע שְׁפַּייז) אִיז מַארַת

פוּן

פון איין מענטשין, אונ וויא אזו האפט זיא איין מענטשין איז איר נאטירליכקייט אזו, זיא לויערט אויף דיא וועג וואו מענטשין פארי אונ אז זיא זעט פון ווייטין אמענטשין שטעלט זיא זיך אוועק לעבין וועג וואו ער דארף פאר בייא גיין אונ הויבט אן צוא מאכין אלע מיאוסע תנועות וואס עס ברייננט דעם זעהער צום לאכין (דהיינו זיא שטעלט זיך אויף דיא צווייא הינטערסטע פיס אונ מיט דיא צווייא פאדערסטע פיס פאצט זיא אויף איר בויך אזו וויא אבארעבאנסציק אונ נאך אזעלכע שפאס), אונ וויא דער מענטש הויבט אן צו לאכין אנטקעגין איר אזו פערגיפטעט זיא עם גלייך מיט איר בליק אז ער פארלירט זיין פאר שטאנד, אונ גלייך הויבט זיא אן צוא לויפין פאר אוים אונ דער מענטש לויפט איר נאך מיט אגילעכטער ביז וואנען זיא פארפירט אים אין איר הייל, אונ דארטין נעמט זיא ארוים ביי אים דעם מארח, אונ אזעלכע סבות ר"ל טרעפט אפט צו די וואס ווייסין ניט פון איר נאטור, זייא שרייבין אז אין צפת איז פאר לארין גיווארין איין בחור האט מען אים אין אצייט ארום גיפונען אין אהייל פון איין דעבע ארוים גינומען דעם מארח — דער איינציגער מיטיל צו ראטירין זיך פון איר איז נאר אז גלייך וויא מען דער זעט איר זאל מען ווייזין צוא איר אשטראגע מינע פון צארין דאן אנטלויפט זיא גלייך, אדער מען זאל איר ווייזין אפלאם פייער (דיא ביייזנדער פון יענעם גענענד ווייסין שוין פון איר אונ פירין שוין מיט פייער גיצייג) אונ ווען דער אונוויסענדער מענטש איז ארייז גיפאלין אין איר נעץ דורך זיין לאכין צוא איר איז נאר דא איין מיטיל אז ער זאל קומען צום זינען דורך בלוט לאזין (איינעם האט דאס אמאל גיטראפין וויא ער איז נאך גילאפין נאך איר איז ער אנידער גיפאלין אונ האט זיך צוא בלוטיגט איז אים אפ גיגאנגען דער האסט אונ איז גיקומען צום זינען אונ איז אנטלאפין צוריק אהיים), שרייבין דיא חכמי המוסר אז דיא חיה איז אשרעקליכער ביישפיל אנטקעגין דעם יצר הרע ער האט אויך קיין אנדער מיטיל ניט צוא פאנגען דעם מענטשין נור דורך זיינע שמייכעלענדע תנועות ביז וואנען דער מענטש הויבט אן צוא לאכין אנטקעגין אים אונ דאן ווארפט ער אריין אין מענטשין ארוח שטות (כמחז"ל

אין

אין אדם עובר עבירה אא"כ נכנס בו רוח שטות) אונ דער מענטש לויפט שוין נאך אים נאך ביז וואנען ער איז אים מאבד פון ביידע וועלטין וויא די חז"ל זאגין (הוא היצה"ר הוא השטן הוא המלאך המות) פריער רעט ער אן דעם מענטשין צוא זינדיגין דער נאך גייט ער ארוי אונ איז מקטרג אויפין מענטשין אונ נעמט רשות פון הקב"ה אונ גייט אראפ אונ ווערט איין מלאך המות אונ נעמט בייא אים צו די נשמה דרום האבין אונז דיא חז"ל גילערינט (לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצה"ר) דאס הייסט דער מענטש זאל מאכין צארינען דעם יצר טוב אויף דעם יצה"ר — וויא דער יצה"ר הויבט אן צוא ווייזין אפרייליכע מינע צום מענטשין אז דער מענטש זאל נעמען אשטייכיל טאן צו אים זאל דער יצר טוב גלייך ווייזין גענען אים איין צארינדיגע מינע דאן וועט ער אנטלויפין פון אים, (ואם לאו) אונ אויב זיין יצ"ט איז נאנץ שוואך אונ האט ניט בכח צו ווייזין איין רוגז גענין דעם יצה"ר (יעסוק בתורה) זאל ער עוסק זיין אין תורה וועט זיך בייא אים שטארקין די כוחות פון יצר טוב אונ וועט ברינין איין מוטה צוא צארינען אפין יצה"ד (ואם לאו) אונ אויב, ער האט אים מיט דעם אויך ניט מנצח גיוועזן וייל דער יצה"ר האט אים שוין עטוואס אן גיהויבין צו פאר גיפטין (יקרא ק"ש) זאל ער אויף פלאמען אין זיך דעם פונק פון אהבת השם מיט דעם וואס ער וועט לייענען דיא פרשה פון ק"ש וואס דארטין שטייט (ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך) דוא זאלסט אזוי וייט ליב האבין השי"ת אז דיא ליבשאפט זאל אריבער שטייגין דיינע אלע הנאות, דרום ווען אפילו דורך דער עבירה וועסטו האבין דיא גרעסטע הנאה פון דער וועלט דארף דיא אהבת השם אלץ אריבער שטייגין, אונ דאס איז אגוטער פייערדינער פלאם מיט וואס אפ צוא טרייבין דיא פארפלוכטע דעבע (דאס הייסט דעם יצר הרע) (לא נצחו) ווען דאס העלפט אויך ניט איז דאס איין ווארער סימן אז ער האט שוין אלאך גיטאן צום יצר הרע אונ דער יצה"ר האט אין אים שוין אריין גיווארפין ארוח שטות (יזכור לו יום המיתה) דא איז שוין קיין אנדער מיטיל גיטא נור דער מאנען זיך דעם טאג פון טויט — אין דעם ליגט זייער אשיינער בעיון, לאמיר

זעהען

זָעהָען דֶער וָואס הָאט אִין זִיךְ אַרוּחַ שְׁטוּת (דָאס הֵייסְט עֶר אִיז אַרָאפּ פוּן זִינֶען) הָאט עֶר דָאךְ פַאר זִיךְ נִיט קֵיין גְּבוּל (גְרֶענִיץ) וָואס זָאל אִים אָפּ הַאלְטִין פוּן צוּא טָאן דִיא זַאךְ, וָוארוּם וָואס אִין דֶר וָועלְט קֶען אַיין מְשׁוּגָענֶער ר"ל נִיט אָפּ טָאן, נוּר אֵיין גְּבוּל אִיז פַארְאַנְגֶען פַאר אִים דָאס הֵייסְט „זִיךְ זָעלְבְּסְט שְׁלָאגִין" וִויא דִי וָועלְט זָאגְט „קֵיין מְשׁוּגָענֶער שְׁלָאגְט זִיךְ זָעלְבְּסְט נִיט" הַיינְט וָוען דֶער יצה"ר הָאט אִין אִים אַרַיין גִיוָוארְפִין אַרוּחַ שְׁטוּת דוּרךְ זַיין שְׁמֵייכְלֶען צוּא אִים אִיז שׁוֹין נִיטָא קֵיין זַאךְ וָואס זָאל אִים אָפּ הַאלְטִין נוּר וָוען עֶר וָועט זִיךְ דֶר מָאנֶען דֶעם טָאג פוּן טוֹיט, וִויא פִינְצְטֶער אוּנ בִּיטֶער עֶס וָועט אִים זַיין בְּעֵת עֶר וָועט דַארְפִין אָפּ גֶעבִּין שְׁטְרֵיינְג דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ, אוּנ וָועט שׁוֹין נִיט קֶענֶען הֶעלְפִין וָועט עֶר פַאר שְׁטֵיין וִויא וַוייט עֶר שְׁלָאגְט זִיךְ זָעלְבְּסְט מִיטִין טָאן דִיא עֲבֵירָה, אוּנ נָאר דָאס אִיז אַיין גְרֶענֶעץ אָפּ צוּא הַאלְטִין דֶעם רוּחַ שְׁטוּת, אוּנ גֵיין אִין דֶרֶךְ הַחַיִּים.

**כא)** דֶער יצה"ר קוּמְט צוּם מֶענְטְשִׁין מִיט צְווייא טַעֲנוֹת, הַיינוּ עֶרְשְׁטִין רֶעט עֶר אִים אַיין אַז עֶס אִיז נִיט מִיגְלָאךְ צוּא בַּייא שְׁטֵיין אִין דִיא דִינְסְט פוּן הַשֵּׁי"ת, דָאס אַנְדֶערֶע אִיז וָואס עֶר גִיפִינְט עֶס תָּמִיד הַתְּיֵרִים (אוּנ אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט אָבֶּער גִילֶערִינְט וָואלְט עֶר פַאר שְׁטֵיין אַז דִיא בֵּיידֶע טַעֲנוֹת אִיז נִיט אֱמֶת *).

דאס

---

*) והראיה דיא תורה שְׁרֵייבְּט (כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ) דָאס הֵייסְט דֶער דֶרֶךְ הַתּוֹרָה אִיז נִיט צוּ הוֹיךְ אוּנ נִיט וַוייט פוּן דִיר וָואס דוּא זָאלְסְט דַארְפִין פְלִיעֶן אוֹיף אַלוּפְט בַּאלָאן אִין דֶער הוֹיךְ אָדֶער אוֹיף אַרָאפּ שִׁיף מֵעֵבֶר לַיָּם צוּא בַּאקוּמֶען אִיר, נֵייעֶרְט זִיא אִיז נָאהֶענְט צוּא יֶעדֶער מֶענְטְשִׁין וָואס וִויל אִיר נוּר בַּאקוּמֶען, (בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ) אִין מוֹיל אוּנ אִין הַארְצִין, דָאס הֵייסְט וָוען דוּא לֶערִינְסְט דִיא תוֹרָה מִיט אַרֵיינֶע מוֹיל אוּנ אַרֵיינֶעם הַארְצִין, אוּנ דוד המלך זָאגְט נָאךְ (ומתוקים מדבש ונופת צופים) דִיא תוֹרָה אִיז גִילוּסְטִיגֶער וִויא גִין גָאלְד אוּנ זִיסֶער וִויא פַאטִיגֶע הָאנִיג — וָועט מֶען דֶער פוּן אַז לֹא דַי וָואס דִיא תוֹרָה אִיז נִיט קֵיין לַאסְט אוֹיפִין מֶענְטְשִׁין נֵייעֶרְט נָאךְ אַגְרוֹיסֶער פַארְגִינִיגֶן אֲפִילוּ אוֹיף דִיזֶע וָועלְט —

נָאר אוּם צוּא פַּאר שְׁטַיין דִיא אוּרְזַאךְ דֶער פוּן וָוארוּם שְׁפִּיִין מִיר נִיט
אִירֶע זִיסְקַייט אוּנ זִיא וֶועט בַּייא אוּנְז אוּים וִויא אַזַא לַאסְט וֶועלִין מִיר
נֶעבִּין אַמָשָׁל, אַיין אָרִימַאן הָאט זִיךְ גִידִיכְט בַּייא זַיינֶעם אַיין רַייכִין
בְּרוּדֶער אוּיף אַמָאל צַייט, הָאט עֶר שׁוֹין מִיט צְוַויא טֶעג פְרִיעֶר גַאנְץ
וֵוינִיג גִינֶעסִין בִּכְדֵי עֶר זָאל קֶענֶען עֶסִין מִיט גְרוֹיס אַפֶּעטִיט פוּן אַלֶע
גוּטֶע מַאֲכָלִים, עֶר הָאט שׁוֹין קַאם דֶער לֶעבְּט דֶעם אָוִוינְד פוּן מָאלְצַייט
(דֶעם טָאג הָאט עֶר שׁוֹין נָאר נִיט גִיגֶעסִין) עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט אִין
דֶער נַאכְט אוּנ מֶען קוּמְט אִים נִיט בֶּעטִין (אַיין אָרִימַאן אִיז דָאךְ אַיין
שְׁלִים מַזָל) דֶער זֵייגֶער שְׁלָאגְט שׁוֹין עֶלְף אוּנ צְוֶועלְף גִיט עֶר אַזִיפְץ
אוּנ זָאגְט צוּא זִיךְ אַלֵיין „מִיט אַיין אָרִימֶען בְּרוּדֶער שֶׁעמְט מֶען זִיךְ"
אוּנ רוּפְט זִיךְ אָפּ צוּא זַיין וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּם זִיסְט גִיפְרֵייט מֶען
וֶועט מִיר שׁוֹין גִיוִויס נִיט בֶּעטִין וַוייל עֶס מוּז שׁוֹין זַיין נָאךְ דֶעם
מָאלְצַייט דֶער לַאנְג מִיר עֶפֶּעס צוּא עֶסִין, רוּפְט זִיךְ אָפּ דִיא וַוייבּ אִיךְ
הָאבּ דִיר מֶער נִיט צוּא גֶעבִּין וִויא רָאזִינֶע בְּרוֹיט מִיט רֶעטַאךְ, זִיא
הָאט אִים דֶער לַאנְגְט אוּנ עֶר הָאט אוּיף גִישְׁלוּנְגֶען דֶעם לֶעבִּיל בְּרוֹיט
מִיטִין רֶעטַאךְ פָּשׁוּט מִיט דִיא אוֹיגִין, עֶר הָאט גִיבֶּענְצְט אוּנ וִויל גַיין
שְׁלָאפִין, מִיט אַמָאל מִיא קְלַאפְּט אִין טִיר עֶר עֶפִינְט אוּיף, דֶער בֶּעטֶער
פַאלְט אַרַיין אָן אַיין אָטִים אוּנ בֶּעט אִים שְׁטַארְק אִיבֶּער אִין בְּרוּדֶערְס
נָאמֶען אַז פוּן גְרוֹיס טִרְדָה הָאט עֶר אִים פַאר גֶעסִין צוּא בֶּעטִין, נָאר
עֶס אִיז נָאךְ קֵיין בַּייז נִיט מִיא הָאט נָאךְ עֶרְשְׁט פִּיס אָפּ גִיגֶעסִין, דֶעם
אָרִימַאן וֶוערְט דָא זוֹיעֶר אַפִּין הַארְצִין אוּנ שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דֶער דֵעָה
יָע גֵיין צוּא נִיט גֵיין, עֶר בַּארֶעכִינְט זִיךְ אָבֶּער וָואס פַאר טַייעֶרֶע
גִירִיכְטִין דָארְטִין וֶועט זַיין, עֶר טוּט זִיךְ אָן אוּנ גֵייט עֶר אִיז גִיקוּמֶען
אוּיפִין מָאלְצַייט מֶען זֶעצְט אִים אוּיבִין אָן אוּנ מֶען דֶער לַאנְגְט אִים
אַשְׁטִיק פִיס אִיבֶּערִין גַאנְצִין טֶעלֶער, וִויא זָאט עֶר אִיז גִיוֶוען הָאט
אִים פַארְט אָן גִינוּמֶען אַיין חֵשֶׁק אוּנ הָאט זִיךְ אָן גִיטָאן אַכֹּחַ אוּנ
אוּף גִיגֶעסִין, דֶער נָאךְ דֶער לַאנְגְט מֶען יוֹךְ אוּנ אַגְרוֹיסֶע שְׁטִיק בְּרַאטִין
מִיט צוּנְג, אַז עֶס הָאט פַאר שְׁמֶעקְט דִיא גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אַלֶע גֶעסְט (דִי
רַייכְסְטֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זַיינֶען נִיט זֶעדְנֶע מִיט גוּטֶע שְׁפַּייז) עֶסִין מִיט
גְרוֹיס אַפֶּעטִיט אוּנ קֶענֶען זִיךְ נִיט בַּאסַאקֶעוֶוען מִיט אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע
גִירִיכְטִין

גיריכטין אונ דער אָרימאַן זיצט אונ חלומט איבערין טעלער פלייש ער פאַר זוכט קלוימערסט אַשטיקיל אונ גיט זיך אַקרים אונ רוקט אָפּ דעם טעלער פון זיך, אַלע געסט זיינען פאַר וואונדערט געוואָרין וואָס איז דאָ מיט עם, אַזאַ קבצין וואָס זעט קיין מאָל אין דיא אויגין ניט אָן אַזעלכע טייערע בראַטין צום סוף שמעקט דאָס אים ניט, זיי זיצין אונ קוועצין מיט דיא פלייצעס וואָס איז דאָ מיט אים געוואָרין — מיט אַמאָל גיט ער אַגרעבץ דער העריך זייא אַגרויך פון רעטיך, יעצט זאָגין זייא איז שוין רעכט בייא אונז, ער האָט זיך אין דער היים אָן געשטאָפּט מיט ראַזעווע ברויט מיט רעטאַך דרום שמעקט אים ניט דיא געשמאַקע גיריכטין — דער נמשל איז גאַנץ ריכטיג ווייל מיר זיינען אָן געשטאָפּט מיט עבירות אונ תאוות עוה"ז דרום שמעקט אונז ניט דיא זיסקייט פון דער תורה אונ זיא איז בייא אונז צום לאַסט, דרום זאָגט דוד המלך (שקר שנאתי ואתעבה תורתך אהבתי) איך האָב פיינט גיהאַט אונ פאַר אומווירדיגט אַלע פאַלשקייט דאָס הייסט דיא תאוות עוה"ז וואָס זייא נאַרין אָפּ דעם מענטשין נאָך ציהען זיך נאָך זיי, אונ דאַן האָב איך גיקראָגין איין ליבשאַפט צוא דיא תורה הקדושה.

**כב)** דאָס וואָס דער מענטש איז מדקדק אין זיין לערנען ער זאָל גוט פאַר שטיין, איז דאָס אַגרויסע פעולה צוא פאַר ריכטין זיינע מדות אונ מעשים טובים, אונ פשיטא וואָס דער מענטש פעדערט זיך צוא לערנען אין דער יוגינט איז דאָס אַגרויסע פעולה אַז דער נאָך זאָל דער יצה"ר איבער אים ניט האָבין קיין שליטה, אונ מען בעדאַרף איין גיוויינען קינדער אין דער יוגינט אַז זייא זאָלין לערנען אָן פניות נאָר פון גאָטס וועגין אַליין, אונ ניט וויא אַנדערע זאָגין אַז קינדער באַדאַרפין דאָס נאָך ניט, ח"ו אדרבה אַשאַלאַכץ פון אַנוס גרינגער הייט איז גרינגער צוא ברעכין.

**כג)** פיל מאָל טרעפט זיך תיכף וויא דער מענטש הויבט אָן גיין בדרך הישר ווערט ער שוין בייא זיך גרויס, ער מיינט אַז ער האָט שוין גיגרייכט צו די העכסטע מדרגה אונ דער יצה"ר האָט שוין איבער אים קיין שליטה ניט אַזוי מיינט ער, אונ דורך זיין גאוה קומט ער צו כעס אַז מען טוט ניט זיין ווילין, דר אמת איז אָבער אַז דיא תורה איז גיגליכין

צוּא אַמִקְוֶה וָואס זִיא מַאכְט נִיט רֵיין דֶעם מֶענְטְשִׁין נָאר אַז גָאר דֶער גוּף זָאל זִיךְ טוֹבֵל זַיין, אַזוֹ דִי תּוֹרָה מַאכְט נִיט רֵיין דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן יצה"ר נָאר אַז עֶר זָאל צוּ בְּרֶעכִין דוּרְךְ אִיר דֶעם גוּף גָאר אִין גַאנְצִין *).

כד) דֶער כּוֹלֵל פוּן אַלֶע מִדּוֹת רָעוֹת אִיז כַּעַס (דָאס אִיז קִנְאָה), אוּנ תַּאֲוָה, אוּנ גַאֲוָה (דָאס אִיז כָּבוֹד), דִיא דְרַייא זַאכִין צִיהֶעט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּנ דֶער וָואס הָאט אִין זִיךְ לֵיצָנוּת דֶער וַוארְפְט פוּן זִיךְ אַרָאפּ דֶעם יָאךְ פוּן דֶער תּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם דֶען עֶר לַאכְט פוּן יֶעדֶער זַאךְ.

כה) עֶס אִיז נִיט גִימָאלְט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת אוּנ זָאל אִין זִיךְ פִילִין זִיסְקַייט פוּן דֶער תּוֹרָה, נָאר אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶער וַוייטֶערִין פוּן תַּאֲווֹת עוה"ז (וויא פריערדיגער משל מיטן ארומאן).

כו) דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִיט אַיין רֵיידִין אִיךְ וֶועל נָאךְ גַיין אַבִּיסִיל נָאךְ תַּאֲווֹת הַגּוּף אוּנ דֶער נָאךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ אָפּ שֵׁיידִין דֶער פוּן, דֶען וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן נָאךְ גַיין נָאךְ תַּאֲווֹת אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אָפּ צוּא

---

*) אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ זָאגִין דִיא חז"ל אִין (ברכות ט"ז) למה נסמכו אוהלים לנחלים (מה טובו אוהליך יעקב כו' כנחלים נטיו) מה נחלים מעלין את האדם מטומאה לטהרה, אף אוהלים (בתי כנסיות ובתי מדרשות) מעלין את האדם מכף חובה לכף זכות, דָאס הַייסְט אַזוֹ וְויא מִקְוֶה אִיז מְטַהֵר דִיא טְמֵאִים וָואס זַיינֶען זִיךְ טוֹבֵל אִין אִים, אַזוֹ זַיינֶען דִיא שׁוּלִין אוּנ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים מְטַהֵר דִיא זִינְדִיגֶע, הַיינְט לָאמִיר בַּאטְרַאכְטִין וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אֲפִילוּ בִּיז דִיא אוֹיגִין אִין וַואסֶער נָאר דֶער מוֹחַ אִיז אַרוֹיס פוּן וַואסֶער וֶוערְט עֶר דָאךְ נִיט טָהוֹר, דָאס גְלַייכִין וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אֲפִילוּ אִין גַאנְצִין אִין שׁוּל נָאר דֶער מוֹחַ (דָאס הַייסְט דִיא מַחֲשָׁבוֹת) אִיז אִין דְרוֹיסִין אִיז דֶער בית המדרש אִים נִיט מְטַהֵר, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וְויל דֶער בית המדרש זָאל אִים רֵיינִיגִין פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, מוּז עֶר אִין אִים זַיין מִיטִין קֶערְפֶּער אוּנ גִידַאנְקֶען. נִיט רֵיידִין דָארְטִין קֵיין דברים בטלים אוּנ אַפְּשִׁיטָא אִין מִיטִין דַאוְונֶען אָדֶער קְרִיאַת הַתּוֹרָה, נוּר לֶערְנֶען אוּנ דַאוְונֶען מִיטִין מוֹיל אוּנ מִיט דִי גִידַאנְקֶען דַאן וֶועט עֶר גִירֵיינִיגְט וֶוערִין.

צוא שיידין זיך דער פון, אונ מען ווערט אן דעם אייביגין לעבין, אונ אפילו דער וואס האט אין זיך תורה אונ יראה אונ מצות, ווען ער צידט זיך נאך תאוות ווערט ער אן אלץ.

כז) דער סדר פון יצה"ר איז אזו, אין אן הויב רעט ער אן דעם מענטשין ער זאל לערנען אונ נאך נעבין זיך די תאוות אויך, דען ער האט מורא אז ער וועט אים אן ריידין גאר ניט לערנען וועט ער אים ניט פאלגין, אונ דער נאך אז ער איז שוין צוא גיוואוינט צוא הנאת הגוף קען ער שוין ממילא ניט לערנען, דען ער רעט זיך איין אז ער מוז תמיד ממלא זיין תאוות הגוף בכדי ער זאל ניט זיין קראנק אז ער וועט אוועק ווארפין זיין גיוואוינהייט, אונ דער נאך פוילט ער זיך מקיים זיין תורה ומצות אפילו אז עס טרעפט זיך אמאל אז דאס וועט אים ניט זיין קיין שטער צוא הנאת הגוף אונ ער קען דאס גאר מקיים זיין אן יגיעה, אונ ער וויל דאס פארט ניט טאן.

כח) דער מענטש זאל זיך ניט איין ריידין אז דאס וואס ער יאגט נאך תאוות עוה"ז איז דאס אלץ לשם שמים, דען השי"ת ווייסט ריכטיג די מחשבות וויא פיל זיין מיין איז לשם שמים, אונ וויא פיל ער מיינט פון זיין הנאה וועגין.

כט) אלע הנאות וואס דער מענטש האט הנאה אויף דער וועלט וועט אין קבר דאס אלץ איבער גיקערט ווערין אויף ביטערקייט, דארטין איז מען דן (מען משפט) יעדער אבר וואס האט גיהאט הנאה פון דער וועלט ניט פון קיין מצוה, אונ ער ווערט גיברענט אזו וויא מיט אגיפט פון אשלאנג, דאס ווערט גירופין (חיבוט הקבר) אונ אפילו אצדיק מוז אויך ליידין (חיבוט הקבר), נאר דער צדיק וואס איז מכוין מיט אלע זיינע הנאות נאר לשם שמים, דער וועט ניט האבין קיין עונש, אדרבה ער וועט נאך מקבל שכר זיין פאר זיינע הנאות וויא פאר אקרבן *).

*) איין מאל איז ארויין אין איין מענטשין איין רוח פון איין גלגול אונ האט גיזאגט וואונדערליכע זאכין, איז דארטין גיווארין איין גרויסער רעש וואס מען האט זיך גיקליבין זעהען דעם גרויסין וואונדר,

אונ

ל) דיא תאוה וואס דער בעל תאוה קריגט איר מיט גרוס יגיעה און אויף אשלעכטין אופן, איז דיא זעלבינע שיקט צוא השם יתברך צוא דעם וואס גייט אין אגאנצע וועג, זייער גרינג און אויף אגוטין אופן, גלייך וויא דיא גמרא זאגט אז דער וואס אנטלויפט פון כבוד יאגט עם נאך דער כבוד, אזו איז בייא אלע תאות.

דער

---

און דאס איז גיוועזן אויף דעם שול הויף לעבין דער קלויז פון דעם גאון, האט דער גאון אויף גיעפינט דיא פענצטער זעהען וואס דאס איז פאר אקאך, איז תיכף וויא דער גלגול האט דר זעהען דעם גאון האט ער אן גיהויבין צוא שרייען אויפין קול, רבי איר זייט דאס דער געשליבער מענטש וואס מען רופט אוים אויף אייך אויבין אין הימיל, (הודרו באליהו ובהורתו) דאס איז טייטש איר זאלט זיין געהיט אין דעם כבוד פון דעם הייליגין אליהו און אין זיין תורה, אויב איר וועט גוזר זיין אויף מיר אז איך זאל ארוים פון דעם מענטשין אפילו אז איר וועט מער ניט אוים ריידין נאר איין ווארט נאר אן קמיעות מוז איך באלד ארוים גיין פון אים, האט דער גאון גיענטפערט איך האב מיט אייך קיין מאל ניט גיהאט קיין עסקים און איך וויל מיט אייך היינט אויך גאר ניט ריידין, דיא ווערטער פון דעם הייליגין גאון איז נתפרסם גיווארין צוא וויסין דיא כוחות הסט"א ווארום אין איין צייט ארום איז אויך אריין איין גלגול אין איין בחור אין נאווהארדאק, און ער פלעגט זאגין שרעקליכע ענינים און ער איז גיוועזן אין אים אגאנצע צייט, איין מאל האבין אים מענטשין גיוואלט פרובין, האבין זייא צו אים גיזאגט מיר וועלין דיך פירין צום ווילנער גאון וועט ער דיך גיוויס ארוים טרייבין פון דעם בחור, האט דער גלגול גיענטפערט אמת מיר האבין זייער מורא פאר אים, נאר ער האט אונז מבטיח גיוועזן אז ער זאל מיט אונז קיין שום עסק ניט האבין, האט מען בייא אים ווידער גיפרעגט, פאר וואס האט איר פאר אים אזו מורא, ער פייניגט דאך זיך ניט מיט תעניתים, (ווארום מיט דעם וואס א מענטש פייניגט זיך פון נאטם וועגין, מאכט ער שלאף דיא כוחות הסט"א, און דאס איז נאר גיוועזן אויף דער עלטער פלעגט ער עסין אבער יונגער הייט

לא) דער מענטש בעדארף זיך פאר מיידין פון תאות הגוף נאר אין גאנצין, נאר פון חמדה דאס הייסט עניני פרנסה אונ געלט, דער פון בעדארף זיך דער מענטש ניט פאר מיידין גאר אין גאנצין, נאר ער מוז זעהען ער זאל זיך ניט אן רירען אן פרעמדע געלט, אונ זאל האנדלען באמונה.

לב) אין דער עבירה פון חמדה (דאס הייסט וואס דער מענטש יאגט נאך געלט, קליידער, הייזער, אונ דאס גלייכין) ווערין פיל מאל גישטערוויכילט אפילו דיא וואס האבין אין זיך תורה אונ יראת שמים, דען אין אן הויב רעט זיך דער מענטש איין אז ער מוז נאך יאגין נאך דעם ווייל מען קען ניט אוים קומען אן דעם, אונ אז ער ווערט שוין איין גיוויינט צוא נאך יאגין זיך נאך דיא זאכין, יאגט ער זיך נאך נאך וויא אפילו אז עס איז שוין ניט קיין נויט, אונ ער רעט זיך איין אז דאס איז אים אלץ נייטיג צוא עבודת השי"ת בכדי ער זאל קאנען לערנען מיט אקלארע קאפ אונ שפייזין זיין הויז גיזינד בשופי, אונ אז ער באקומט שוין דיזעס אויך, רעט ער זיך איין אז ער ברויכט אן צוא גרייטין זיך אויף דיא עלטערע יארין אונ אז ער וועט זיין קראנק, ער וויל פאר זארגין אויף אייביג פאר זיינע קינדער, אבער דיא מחשבות וואס דער מענטש טראכט איז באמת גאר ניכט, ער פאר ברענגט דיא ביסיל יארין זיינע אין הבל הבלים גאר אום זיסט, אונ צום סוף וועט ער מוזין אפ געבין דין וחשבון אויף דיא ביסיל יארין וואס ער האט ניט עוסק גיוועזין אין עבודת השי"ת, וויא מיר וועלין שרייבין וויטער.

לג) דיא עבירה פון חמדה איז דער שורש פון אלע עבירות, דאס הייסט

---

פלעגט ער זיך זייער פייניגען) האט דער גלגול גיענטפערט וויא איז צוא אונז ווארום אפילו וואס ער עסט פירט ער אונז אויך איבער ווארום וואס דער צדיק עסט איז גלייך אזו וויא קרבנות.

פון דעם זעהעט מען אז וואס דער מענטש עסט פון גאטס וועגין איז איין גרויסע זאך אונ עס קומט אים דער פאר איין גרויסין שכר

הייסט וואס דעם מענטשין איז תמיד ווייניג וויא פיל ער האט, אונ דער היפוך פון דעם, וואס דער מענטש לאזט זיך בענוגינען מיט דעם וואס ער האט, איז דאס דער שורש פון כל התורה *) אז דער

---

*) אווילנער גדול האט דער ציילט פון ר' שלום (דער ווילנער מורה הוראה נאכין גאון ז"ל) דיזער ר' שלום איז גיוועזן אגרויסער אביון ר"ל, אבער וויא וויט ער איז גיוועזן איין אביון אזו איז ער גיוועזן אפריילעכער מענטש אונ איין מסתפק במועט אונ האט ניט גיוואלט נהנה זיין פון אצוויטין, איין מאל איז גיקומען איין ווילנער אגרויסער בעל הבית (מיר דאכט ר' זלמן ר' אורעס) צוא הגאון ר' שאול אונ גיבראכט אים אפאר הונדערט רובל מעשר געלט אונ זאגט צוא אים, רבי איך האב ב"ה פאר דינט דיא צייט, וויל איך איר זאלט אזו גוט זיין צוא טיילין דיא געלט וועמען איר ווייסט, ענטפערט אים ר' שאול איך האב איין עני הגון נאר איך וויים ניט צוא ער וועט וועלין נעמען אנישאנק, אין דעם עפינט זיך דיא טיר אונ עס קומט אריין אמעקלער זייער אקלוגער מענטש אונ איין ארינטליכער, רופט זיך אפ הגאון ר' שאול צוא אים, הערט מיין פריינד, איך האב פאר אייך אשטיקיל גישעפט אויב איר נעמט זיך אונטער אוים צוא פירין (אז ר' שלום דער מורה הוראה זאל דא נעמען אהונדערטער) קריגט איר מעקלעריי 25 רו"כ, ער האט אקורצין טראכט גיטאן אונ גיענטפערט יע, איך נעם זיך אן, ער גייט אוועק צוא ר' שלום אונ זאגט אים רבי איך פאר לאנג פון אייך איר זאלט באוועבענען פיל איר דארפט זיין אבעל הוצאה אוואך, אונ פיל עס פעלט אייך, איך האב זייער אגוטען אונ אטייערין סוחר וואס וויל דאס אייך ערפילין — רופט זיך אפ ר' שלום, ניין מיר פעלט ב"ה גאר ניסט, נור איין זאך פעלט מיר אונ אויב איר וועט מיר דאס קענען ממלא זיין וועל איך אייך זיין דער בעסטער גוטע פריינד, דאס איז אביסעלע יראת שמים וואס איך וויים ביא זיך אז איך האב עס גאנץ ווייניג, דעם מעקלער איז דא זויער גיווארין אפין הארצין, האט זיך אום גיקערט צוא ר' שאולין אונ זאגט עס גייט עפעס צוא שווער דער עסק, נור איך האב נאך אפלאן —

סְעֶנְטְשׁ זָאל הָאבִּין אַבִּטָחוֹן אויף השי"ת בֶּאֱמֶת, אונ זָאל נִיט זָארגִין אויף דֶעם וָואס מָארְגִין וֶועט זַיין, אונ דֶער וָואס הָאט אִין זִיךְ מִדַת הַבִּטָחוֹן בֶּאֱמֶת, אֲפִילוּ אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל חָלִילָה אִין אַגְרויסֶע עֲבֵירָה, אִיז עֶר דָאךְ טַייעֶרֶער פַאר דֶעם וָואס הָאט נִיט קַיין בִּטָחוֹן, דֶען דֶער וָואס הָאט נִיט קַיין בִּטָחוֹן וֶוערְט עֶר נִכְשָׁל דורךְ דֶעם ר"ל אִין קִנְאָה אונ אִין שִׂנְאָה אונ אַנְדֶערֶע עֲבֵירוֹת, אונ אֲפִילוּ

אז

חֲנוּכָּה בְּעֵת עֶס אִיז אִין גְרויסֶע שׁוּל גַאנְץ אֵיינְג וֶוען דֶער חַזָן בֶּענְטְשׁ חנוּכָּה לִיכְט, הָאט דֶער מֶעקְלֶער אָפּ גִיהִיט ר' שָׁלוֹמֶען אונ הָאט אִים שְׁטִיל אַרַיין גִילֵייגְט אִין קֶעשֶׁענֶע 50 רו"כ, ר' שלום אִיז גִיקוּמֶען אַהֵיים אונ גִיפוּנֶען בַּייא זִיךְ 50 רו"ב אונ ווייס נִיט וֶוער עֶס הָאט אִים אַרַיין גִילֵייגְט הָאט עֶר דָאס בַּאהַאלְטִין, אִין אַמֶשֶׁךְ אַרוּם אִיז וַוייטֶער גִיוֶוען אַיין גְרויסֶער עוֹלָם אִין שׁוּל, הָאט דֶער מֶעקְלֶער וַוייטֶער אָפּ גִיהִיט ר' שָׁלוֹמֶען, וִויא עֶר הָאט אָן גִיהויבִּין צוּא קְרִיכִין צוּא זַיין קֶעשֶׁינֶע הָאט ר' שלום עֶס אָן גִיחַאפְּט אונ הָאט אִים נִיט אָפּ גִילָאזִין אונ אַוֶועק גִיפִירְט צוּא זִיךְ אַהֵיים אונ אָפּ גִיגֶעבִּין אִים דִיא אַמָאלִיגֶע 50 רו"ב — אונ דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּא אַזַא מִדַת הִסְתַּפְּקוּת דֶער קֶען אִימֶער פְרֵייליךְ זַיין ווייל אִים פֶעלְט קֵיין זַאךְ נִיט, וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (כִּי בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ) עֶס פְרֵייט אוּנְז אוּנְזֶער הַאַרְץ וַוייל אוּנְזֶער בִּטָחוֹן אִיז אִין זַיין הֵיילִיגִין נָאמֶען, אַזוֹ וִויא מֶען דֶער צֵיילְט אויף אַגַאנְץ פְרוּמֶען עֶר אִיז גִיוֶוען אַפְרֵייליכֶער אָרִימַאן, פְרֶעגְט אִים אַמָאל אֵיינֶער פוּן וַואנֶען לֶעבְּט אִיר? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים אִיךְ הָאבּ ב"ה צְוֵוייא כִּי, וָואס אִיךְ לֶעבּ זֵייעֶר פְרֵייליךְ פוּן זֵייא, יֶענֶער אִיז גִיוֶוען אַבַּעלִין פַאר פָאהְרִין צוּא אִים אונ זַיין בַּייא אִים אִין שְׁטוּב אַפָּאר טֶעג, עֶר זֶעט עֶס אִיז נִיטָא אַקַאפּ מִילְךְ אִין שְׁטוּב, טְרַאכְט עֶר בַּייא זִיךְ פוּן צְוֵוייא קִיה זָאל אַטְרָאפִּין מִילְךְ נִיט זַיין אִין שְׁטוּב, פְרֶעגְט עֶר בַּיי אִים וואו זַיינֶען אַייעֶרֶע קִיה? נֶעמְט עֶר אַרוֹיס אַיין תהלים אונ מִיכְט אויף דֶעם פָּסוּק „כִּי" בו ישמח לבנו „כִּי" בשם קדשו בטחנו, אִין דֶעם פָּסוּק שְׁטֵייעֶן מַיינֶע צְוֵוייא „כִּי", וָואס אִיךְ לֶעבּ פוּן זֵייא גַאנְץ פְרֵייליךְ.

אז ער טוט פיל מצות מיינט ער דאס אלץ פון גאוה װעגן , ער זאל האבן איין גוטין שם ․

לד) אין גיהנם גיפינט זיך צוויא ערטער , איין ארט איז זייער אטיפע גרוב , דאס קומט פאר דעם עונש פון חמדה , וואס דער מענטש לאזט זיך ניט בענוגינען מיט דעם וואס ער האט אונ וויל גיין תמיד העכער , דער אנדערער ארט איז איין איינגע גרוב , דאס איז פאר דעם עונש פון תאוה , וואס דער מענטש וויל זיך לעבין ברייט , אונ אין גן עדן איז פארפאנען אהיפוך פון דיא צווייא ערטער , אזו וויא אין פסוק שטייט גישריבין (והרכבתיך על במתי ארץ) דאס איז טייטש איך וועל דיר מאכין רייטין אויף דיא הויך פון דער וועלט , דאס איז פאר דעם שכר וואס דער מענטש האט ניט קיין חמדה אונ וויל ניט גיין אין דער הויך , אונ דער אנדערער ארט איז פאר דעם וואס האט ניט אין זיך קיין תאוה , ער זאל זיך נאך געבין דעם גוף צוא לעבין מיט ברייטקייט , אויף אים זאגט דער פסוק (והאכלתיך נחלת יעקב אביך) , דאס איז טייטש איך וועל דיר מאכין עסין דיא ארב פון דיין פאטער יעקב , וואס דאס איז גאר אן אגרעניץ ․

לה) עס איז גוט פאר דעם מענטשין ער זאל זיך באהעפטין מיט ארימע לייט אונ מיט דיא וואס פירין זיך בשפלות , דען דורך דעם וועט ער זיך איין גיוואוינען צוא פירין זיך בשפלות אונ צוא בענוגינען זיך מיט דעם וואס ער האט , אבער דער וואס באהעפט זיך מיט דיא עשירים , איז עס ווייניג תמיד וויא פיל ער האט , אונ זיינע אויגין איז קיין מאל ניט זאט פון נאך צוא יאגין נאך (הבלי עולם הזה) , אונ אין צדקה קען אויך דער גימיינער מענטש מער יוצא זיין פון דעם עשיר , דען דער עשיר אפילו ווען ער גיט פיל צדקה איז אויך ווייניג , נאך זיין סך נאך ׃

## פרק ב אין דעם פרק ווערט גירעט פון ענין (למוד התורה) , אונ פון (דברים בטלים) וואס דאס איז (אהיפוך) פון דער תורה ׃

א) אזו וויא אין (אנשי חיל) גיפינט זיך צווייא מינים פון (גבורה) , דהיינו

דהיינו איינער איז אגרויסער גבור דען ער האט באמת אשטארקן קערפער, אונ איינער גיפינט זיך וואס זיין גבורה באשטייט אין הארצין, ער גייט אין גרויסע סכנות אונ פאלט בייא זיך ניט אראפ, אזו אין עבודת השי"ת גיפינט זיך אויך דיא צווייא מינים, דהיינו איינער איז אגרויסער גבור איין צוא נעמען דעם יצה"ר אז דיא עבירה קומט אים צוא די הענט, אונ איינער גיפינט זיך וואס האט אשטארקע הארץ צוא לערנען טאג אונ נאכט, אונ איז זיך מפקיר מיט זיין הויז גיזינד, דען ער האט אגרויסין בטחון אז השי"ת וועט עם בוודאי ניט פאר לאזין, וואס טוט השי"ת ער איז מזמין פאר עם אמענטשין ער זאל עם געבין זיינע הצטרכות, אזו וויא זבולון האט מחזיק גיוועזן דעם שבט יששכר, (אדער אויב זיין פרויא איז עפעס איין עסקניות וועט איר השי"ת באגליקן זיא זאל קענען שפייזין דיא הויז גיזינד אז דער מאן זאל קענען עוסק זיין בתורה).

**ב**) עס גיפינט זיך צווייא מינים יצה"ר, דהיינו איין יצה"ר איז וואס דער מענטש האט פון זיך זעלבערט, דער אנדערער יצה"ר איז פון דעם וואס מען זעהעט אזעלכע מענטשין וואס טוען זיך פיל תאוות עוה"ז אונ זיינען מבטל פון התורה, לערינט מען זיך אפ פון זיי *), די

תרופה

*) דיא חז"ל זאגין אין מס' חולין (שכן עם טהורים טהור, עם טמאים טמא) דער וואס איז איין שכן מיט כשרה לייט איז ער אויך איין כשר, אונ ווען חלילה מיט אומריינע לייט איז ער אויך איין אומריינער, פון דעם זעהען מיר אז דיא נאטירליכקייט פון מענטשין איז נאך צו ציהען זיך מיט זיינע דעות אונ מדות נאך דיא מענטשין וואס ער איז שטענדיג צווישין זיי (וויא דער רמב"ם שרייבט אין הלכות דעות) דרום מוז דער מענטש זעהען זיך מתחבר זיין שטענדיג מיט גוטע לייט (בכדי אפ צוא לערנען זיך פון זייערע גוטע מעשים) אונ אויס מייכין פון שלעכטע, ווארום גאר ניט ווילינדיג ווערט מען פאר דארבין דורך זיי, עס איז גלייך צוא טייא וואס ליגט לעבין קארעסינע צייט זיא אין אשלעכטין גרוך אז מען מוז איר ארויס ווארפין, מעגט דיא טייא וואס האט מען צוא מיר וואס פאר אביזעס האב איך גיטאן?

תְּרוּפָה צום עֶרְשְׁטֶין יצה״ר אִיז, מֶען זָאל זִיךְ דֶער מָאנֶען דֶעם טָאג פון טויט, אונ צום אַנְדֶערִין מִין יצה״ר אִיז גוט מֶען זָאל זִיךְ מַרְחִיק זַיין פון דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס זַיינֶען מְבַטֵּל פון תּוֹרָה אונ זַיינֶען עוֹסֵק אִין תַּאֲווֹת עוה״ז.

ג) וָוען אֵיינֶער אִיז גִיוָוען אַרָשָׁע אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין גִלְגוּל, בַּאדַארְף עֶר נָאךְ דֶעם גִיבָּארִין וֶוערִין אִין אַשְׁלֶעכְטִין מַזָל עֶס זָאל עֶם כָּל יָמָיו זַיין שְׁלֶעכְט אויף דֶער וֶועלְט אֲפִילוּ וָוען עֶר אִיז יָעצְט אַגְרוֹיסֶער צַדִּיק, אונ דֶעם שְׂכַר פון זַיינֶע מִצְוֹת בַּאצָאלְט מֶען אִים אויף יֶענֶער וועלט

---

דֶער אַנְטְוָוארְט אִיז אָבֶּער וֶוער הָאט דִיר גִיהֵייסִין זַיין אַשָּׁכֵן לֶעבִּין קַארָעסִין דְרוּם מוּזְט דוא אויךְ לַיידִין „אוֹי לְרָשָׁע וְאוֹי לִשְׁכֵנוֹ" וַויי צוּ דֶעם רָשָׁע אונ וַויא צוּ זַיין שָׁכֵן, דְרוּם הָאבִּין אוּנְז דִיא חז״ל שְׁטְרֵיינְג פָּאר זָאגְט אִין מס׳ אָבוֹת (הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע) אַנְטְלוֹיף פון אַשְׁלֶעכְטִין חָבֵר אונ אַשְׁלֶעכְטִין שָׁכֵן. אונ דִי זַאךְ אִיז שׁוין אַזוֹ ווייט אוים גִיפְּרַאקְטִיקִירְט גִיוָוארִין פון אַלֶע חֲכָמִים אַז דִיער שְׁפְּרִיךְ וָוארְט זָאגְט „וָוען דוא ווילְסְט קֶענֶען אַמֶענְטְשִׁין בַּאקוּק זַיינֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען עֶר פַאר בְּרֵיינְגְט דוּרְךְ זַייא וֶועסְטוּ ווִיסִין וָוער עֶר אִיז", אונ ווייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַנִיפֶערְלִיכֶע זַאךְ אונ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר עָלוּל נִכְשַׁל צוּא וֶוערִין אִין דֶעם הָאבִּין אוּנְז דִיא חז״ל מְתַקֵּן גִיוָוען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶע טָאג מִתְפַּלֵּל זַיין (שתצילנו היום כו׳ מתבר רע ומשכן רע) אַז השי״ת זָאל עֶם אוים הִיטִין פון אַשְׁלֶעכְטִין חָבֵר אונ אַשְׁלֶעכְטִין שָׁכֵן — אִיבֶּער הוֹיפְּט דַארְף מֶען גִיוָוארְנְט זַיין נִיט צוּא פַאר גֶעסִין דָאס בְּעֵת עֶס קוּמְט פָאר לְמַעֲשֶׂה, אַז מֶען גֵייט דִינְגֶען אַיין דִירָה זָאל מֶען גוּט בַּאקוּקִין וֶוער דִי שְׁכֵנִים אַרוּם זַיינֶען, אַזוֹ וְויא עֶר בַּאקוּקְט גוּט דִיא שְׁכֵנִים זֵייא זָאלִין נִיט שְׁטֶערִין מִיט זֵייעֶרֶע גִישֶׁעפְטִין צוּא זַיין גִישֶׁעפְט, אונ אַמָאל לָאזְט מֶען פַאלִין הַאנְדְ גֶעלְט נָאר אוים צוּא וָוייכִין שֶׁעדְלִיכֶע שְׁכֵנִים צוּם גִישֶׁעפְט, הַיינְט פְּשִׁיטָא וְויא דַארְף מֶען שׁוֹין אוים וַוייכִין אַזֶעלְכֶע שְׁכֵנִים וָואס קֶענֶען חָלִילָה שַׁאטִין אִיהם אָדֶער זַיינֶע קִינְדֶער אִין עֲבוֹדַת השי״ת, וָואס דָאס אִיז דֶער הוֹיפְּט גִישֶׁעפְט פון מֶענְטְשִׁין אויף דִיזֶע וֶועלְט.

וועלט, אונ אז ער וועהעט מענטשן וואס איז זייא מצליח אויף דער וועלט, וואַרפט אים אריין דער יצה"ר אַדאגה אין האַרצין, אונ רעט אים אן ער זאל אַוועק וואַרפין לערנען תורה אונ זאל עוסק זיין במשא ומתן, אונ אז דער מענטש שטעלט זיך מלחמה האַלטין מיט דעם יצה"ר מיט דעם מאמר פון דיא היילינע חכמים וואס זאגין, אז עס איז פיל בעסער איין רגע פון (תענוגי עוה"ב) פון גאַנץ עוה"ז, געפינט אים דער יצה"ר אויך מאמרים פון דער היילינע גמרא וואס זאגין אז עס איז זייער גרויס דער וואס האט הנאה פון (יגיע כפו), [אונ] אז דער מענטש הויבט שוין אן צוא פאלגין דעם יצה"ר אונ אַוועק וואַרפין לערנען, אונ אפילו ווען דער מענטש איז מקיים אַלע עצות וואס דיא חכמים האבין גינעבין צוא מיקקי"ם, דהיינו מען זאל מערין האנדלען, אונ מען זאל האנדלען באמונה, אונ מען זאל פיל מתפלל זיין צוא השי"ת ער זאל אים געבין הצלחה, נאר דעם וואס איז גיבאָרין גיוואָרין אין איין שלעכטין מזל העלפט ניט קיין עצה, דרום באדארף מען ניט הערין דיא עצה פון יצה"ר אַוועק צוא וואַרפין חלילה לערנען.

**ד)** דיא וואס האבין אמונה באמת אין השי"ת, אונ זייא ווילין ניט אַוועק וואַרפין עבודת השי"ת צוא עוסק זיין אין פרנסה, מאכט השי"ת אז זייא זאלין זיין רוהיג אונ זייער פרנסה זאל גיין דורך אַנדערע לייט, אָבער דיא וואס האבין ניט אזו אַגרויסע אמונה, אפילו ווען ער איז אַצדיק, דעם גיט ניט השי"ת זיין פרנסה דורך אַנדערע לייט, דער מוז אַליין עוסק זיין אין פרנסה

**ה)** דער ענין וואס דער מענטש האט אין זיך גרויס תאוה צו ליידין (דברים בטלים. דאס הייסט אַזעלכע רייד וואס נוצין ניט צום גוף אונ ניט צוא דער נשמה) אדער ליצנות ר"ל, הנם עס איז דאך דערביין ניט פאראנען קיין הנאת הגוף, דער טעם דער פון איז אזוא, ווייל יעדער זאך וואס דער מענטש טוט ווערט אים גינעבין אַגרויסין חשק פון אויבין צוא טאן נאך אַזעלכע זאכין, הן ביא אמצוה אדער ביא איין עבירה ר"ל, אונ כל זמן ער טוט ניט נאך אַזעלכע זאכין האט ער ניט קיין מנוחה, אונ וואס דיא מצוה אדער דיא עבירה איז גרעסער איז אַלץ דער חשק גרעסער צוא טאן נאך אַזעלכע זאכ[ין]

דעריבער

דעריבער אין (למוד התורה) וואס דיא מצוה איז דאך גרעסער וויא אנדערע מצות איז דעריין דער חשק פון דער קדושה גרעסער, אבער (דברים בטלים) און ליצנות וואס דאס איז דער היפוך פון תורה, און דיא עבירה איז פיל גרעסער פון אנדערע עבירות איז דער פון אויך זייער גרויס דער חשק פון דער טומאה און די הנאה איז פיל גרעסער וויא פון אנדערע עבירות.

ו) דיא מויל פון איין מענטשין איז גיגליכין צוא אטיר פון אהויז, דער וואס וויל פאר היטין זיין הויז מוז ער תמיד היטין די טיר, און דר וואס היט ניט דיא טיר אפילו ווען ער היט דיא גאנצע הויז איז דאך דיא הויז ניט זיכער פון גנבים, אזו איז דער מענטש וואס וויל אפ היטין זיין גוף פון איין עבירה מוז ער אפ היטין זיין מויל צוא ריידין זייער ווייניג אבער דער וואס רעט פיל, אפילו ווען ער האט אגוטע טבע און טוט פיל מצות ווערין אלין מכולה דורך זיין מויל, און דר חשק וואס ער האט גיהאט צו טאן מצות ווערט אויך בטל דורך דעם *), און וואס דר מענטש האלט איין זיין מויל פון רייד און פון תאוות, איז דאס פיל בעסער פון אלע תעניתים און פון סיגופים פון דר וועלט, און דאס איז גאר דר עיקר פון תשובה און די פרוכט פון עוה"ב, און איטליכם רגע וואס דער מענטש פאר שליסט זיין מויל, איז ער זוכה דורך דעם

צוא

*) בזה נתישב לי פליאה עצומה, הלא אנחנו מודים להשי"ת בנוסח ברכות המצות אשר קדשנו במצותיו, וכן וקדשנו במצותיך עי' נפה"ח ש"א פ"ו בהג"ה וז"ל כי מעת שעולה על רעיון האדם לעשות מצוה, תיכף נעשה רשומו למעלה במקור שרשה העליון וממשיך משם על עצמו אור מקיף וקדושה עליונה חופפת עליו וסובבת אותו וכתוב מפורש והתקדשתם והייתם קדושים כו' דמשיך עליה רוח קדישא עילאה כמ"ש עד יערה עלינו רוח ממרום, וע"י זה הקדושה והאור המקיף הוא דבוק כביכול בו יתברך גם בחייו וזש"כ ואתם הדבקים בה' אלקיכם (גם בעוה"ז) חיים כולכם היום, וזה האור מקיף הוא לו לעזר לגמור המצוה וע"י הגמר האור מתחזק יותר וירים ראש עליון (ומסתלק לשרשו וזהו ענין שכר עוה"ב ע"ש בפי"ב) וע"ז אחז"ל הבא לטהר מסייעין אותו, גם מושכת וגוררת את לבו מזה לסגל עוד כמה מצות וז"ש שמצוה גוררת מצוה ע"ש. ומסתבר מזה שאע"פ שעיקר הקדושה והאור מסתלק אח"כ לשרשו מ"מ נשאר עליו איזה נצוץ קדושה ורוח טהרה ובהמשך הזמן כשאדם עושה מצות הרבה אזי שורה עליו רוח קדושה אף לאחר הסתלקות עיקר האור לשרשו (זכר לדבר ועשיתם את כל מצותי והייתם קדושים כו') ובפרט לעת הזקנה שקלט הרבה נצוצי קדושה מכל המצות שעשה בחייו ואפילו עמי הארץ מלאים מצות כרמון שמתפללים בכל יום ג"פ ומתעטפים בציצית ותפלין, ושבת ומועדים וכיוצ"ב הרבה מצות הלא היה צריך להיות כל אדם מלא רוח טהרה וקדושה ואנו בעינינו לא ראינו זאת, וגם חז"ל אמרו זקני ע"ה כ"ז שמזקינין כו' ואיה איפה כל נצוצי הקדושה? ולפי דברי הגר"א ז"ל ניחא שע"י הדברים בטלים שמדבר אחר עשיית המצוה או התפלה מפיג כל הקדושה שנשאר בו וכן בכל דבר תורה ומוסר מפיג אח"כ בהדב"ט וזש"א

צוא דיא ליכט וואס איז באהאלטין פאר צדיקים, וואס קיין מלאך אונ קיין בריה קען ניט משער זיין.

ז) השי"ת האט באשאפין די וועלט דורך צוויי זאכין, דהיינו דורך רייד אונ דורך מעשה, אזו וויא אין פסוק שטייט גישריבין ויאמר אלהים יהי רקיע, השי"ת האט פריער גיזאגט עס זאל זיין איין הימיל, אונ דר נאך שטייט ויעש אלהים ער האט גיטאן, אונ אין אלע זאכין איז אזו, אונ ביא דעם מענטשין איז אויך אזו, פון יעדער דבור פון מענטשין ווערט באשאפין איין בריאה, אונ פון יעדער מעשה, אונ דעריבער איז גיגעבין גיווארין די תורה צום מענטשין מתקן צו זיין מיט דבורים, אונ מצות איז גיגעבין גיווארין בכדי מתקן צוא זיין מיט מעשים.

ח) אזו וויא רעגין אונ אנדערע ענינים פון דער וועלט הייננט אן דעם לופט וואס גייט פון דר ערד, אזו איז די גאנצע הנהגה וואס השי"ת פירט דיא וועלט הייננט אלץ אן לופט פון דיא רייד פון דעם מענטשין.

ט) דער שטייגער פון דעם חכם איז ער זאל מקצר זיין אין רייד אונ אפילו די רייד וואס ער מוז ריידין רעט ער אויך זייער בקיצור נאר עס גיפינט זיך נאך אהעכערע מדרגה, דר וואס גיוועלטיגט אפילו אויף זיינע גידאנקען ניט צוא טראכטין קיין אומזיסטע מחשבות, דען אלע מעשים פון דעם מענטשין הייננט אן דיא גידאנקען זיינע.

י) דער שטייגער פון דעם חכם איז מען זאל פון עם ניט הערין קיין קול פון גילעכטער, אזו וויא דער בוים וואס עס וואקסט אויף עם פירות קען עס קיין ווינט ניט שאקלען פון ארט ווייל ער איז שווער פון

דיא

---

חז"ל סייג לחכמה (שלמדת כבר שלא תצא מלבך) שתיקה (שאחריה) וז"ש ודברת בם ולא בדב"ט, כי בדברו דב"ט הוא עובר על מ"ע של ודברת בם שקיים כבר, אוכלה לא נזהר בהם שלא להפסידם, הוא שאמר החכם ע"ה (משלי ה') בני לחכמתי הקשיבה כו' לשמור מזימות ודעת שפתיך ינצורו, כי כשהוא אין מדב"ט חכמתו שמורה, וכאשר יפתח השער הנה חכמתו לריק כמאמר אוצר אשר בעריו פתוחים (וכמ"ש לפתח לפתחי פיו חטאת רובץ) וז"ש ודעת שפתיך ינצורו רצה שיהיו השומרים עומדים על משמרתם לשמור הדעת ורוח הקדושה שבך וזש"א מתפללים קדשינו במצותיך (וא"ת הלא יפיג אח"כ בדברים בטלים לז"א) ותן חלקינו בתורתיך שהם היפך הדב"ט, ויפה כתבו בשם האריז"ל אם אדם שומר עצמו מדב"ט מ' יום רצופים בודאי ישיג רוה"ק (היינו ע"י התורה והמצות שעושה במשך הארבעים יום (כשיעור יצירת הולד וכזמן שהיה משה בהר לקבלת התורה) יזכה שישרה עליו בקביעות רוח טהרה וקדושה ויפה אחז"ל ע"פ האומנים אלא מה אומנתו של אדם בעוה"ז כו' שצריך להשתדל וללמוד ולחנך א"ע כמו באומנות כי הדבור צריך הרגל רב. וזכור מאמר החכם כאשר נעימות הכנור אור בגוף כן נעימות המדות ושמירת השפתים אור הנפש, (וע' בספר המדות פ"ז משער התפלה):

די פירות אזו דער חכם דורך דיא שווערקייט פון זיין חכמה קען עם קיין זאך פון דער וועלט ניט שאקלען דיא הארץ צוא גילעכטער, אבער דר נאר איז דורך אקליינע זאך קען ער זיך שוין ניט איין האלטין פון צו לאכין מיט אגרויסין קול, אזו וויא אליידיגער בוים וואס ער איז גרינג ווערט ער גישאקילט אפילו דורך אקליינעם ווינט, אזו וויא אין פסוק שטייט גישריבין, אזו וויא די דערנער אז זייא ברענען אונטערין טאפ הערט זיך פון זיי איין קול, אזו הערט זיך דער קול פון דעם נאר אז ער לאכט, אונ דער פייער פון גיהנם ברענט אין זיין מויל (אין דער הייליגער גמרא ברבות שטייט אויך גישריבין אז מען טאר ניט מאכין פול דעם מויל מיט גילעכטער).

יא) דורך דריי סיבות איז דער מענטש מבטל פון ת"ה, איין סיבה איז וואס ער וויל נאך גיין נאך תאוות הגוף, ער מיינט אז דאס איז דר רעכטער גליק אונ אויף איביג וועט דאס אקיום האבין ביי אים, דאס אנדערע איז, וואס ער איז איין גיוויינט אין דברים בטלים אונ עס איז אים שווער אפ צו ברעכין זיך פון דעם, דאס דריטע איז וואס דר מענטש וויל דר גיין די תורה אן יגיעה, אונ אז ער זעט אז די תורה קומט אים ניט אזו גרינג אונ ער פילט ניט קיין טעם אין איר, ווארפט ער איר אוועק, צוא דר ערשטער סיבה איז אתרופה, מען זאל זיך דר מאנען דעם טאג פון טויט אונ דאס גלייבין, זעלכע זאכין וואס דאס צו ברעכט דעם כח פון די תאוות, אונ צו דר אנדערע סיבה וואס דעריין איז גאר ניטא קיין הנאת הגוף נאר וויל אין דעם איז דא אגרויסר רוח הטומאה איבער דעם איז דר חשק אזו גרויס אזו וויא אויבין איז גישריבין (אין סימן ה'), היינט אז ער וועט זיך באהעפטין אין דער תורה וואס אין איר איז אגרויסע רוח הקדושה, וועט ער בודאי האבין אגרעסערע הנאה וויא פון רוח הטומאה וואס דיא הנאה איז גאר אפאלשע, אבער פון רוח הקדושה איז דאך איין הנאה באמת, אונ צוא דיא דריטע סיבה איז איין תרופה, מען זאל זיך מאטערין אין דער תורה וועט מען פילין איין טעם, אונ דורך דעם וועט מען באקומען חשק צוא דער תורה.

יב) אזו וויא דער מענטש בעדארף זיך לערנען איין אומנות וואס זיא זאל זיין ריין פון גניבה אונ אנדערע איסורים, אונ אויך זיא זאל

זיין איין גרינגע מלאכה, אזו אין תורה זאל מען זוכין איין גרינגען לימוד וואס זאל גיט זיין איבער זיין כח, ווען דורך דעם וואס ער וועט לערנען אשווערין לימוד וועט ער דער נאך גאר אוועק ווארפין, את אויך זאל זיין דיא תורה ריין אן פניות.

יג) דיא אגדות וואס שטייט גישריבין אין דער הייליגער גמרא וואס עס ווייזט אויס אז דאס איז דברים בטלים חלילה, איז אין זייא באהאלטין אלע סודות התורה.

יד) תורה איז גיגליכין צוא ברויט, וואס דאס לעהענט אונטער דאס הארץ, אונ אויך מען בעדארף דאס תמיד, אבער אנדערע מצות איז גיגליכין צוא דיא מינים וואס ווערט גיפרעגילט אונ דאס גלייכין. וואס יעדער מין איז גוט צוא עסין גאר אין זיין צייט, אזו איז יעדער מצוה האט איר צייט.

טו) יעדער ווארט פון דער תורה איז גיוואוינין קעגין אלע מצות, הייגט אז דר מענטש לערינט למשל איין דף אין דר תורה, איז ער שוין מקיים כמה מאות מצות וויא פיל ווערטער עס איז פאראן אין דעם דף וואס יעדער מצוה איז שקול קעגין אלע מצות (אונ אפילו דער מענטש וואס פאר שטייט ניט אויף לשון קודש אונ ער לייענט אויף טייטש ער זאל פאר שטיין וואס ער רעט אונ זאל דאס אלץ מקיים זיין איז דר שכר גרויס גלייך וויא ער וואלט גילערינט אויף לשון קודש. אונ אויך דאס גלייכין פאר קערט דער וואס לייענט די ביכלאך וואס שטייט אין זיי ליצנות אונ נארעשקייט וועט ער האבין בודאי איין גרויסין עונש פאר יעדער ווארט מער וויא פאר אנדערע עבירות).

## פרק ג אין דעם פרק ווערט גירעט פון עונשים רח"ל אונ שכר, וואס קומט אויף דעם מענטשין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט:

א) פיל מאל טרעפט וואס עס ווערט נגזר אויף דעם מענטשין יסורים, אונ השי"ת גיט אים געלט ער זאל זיך האבין מיט וואס צו לייזין פון דיא יסורים אונ אויך פיל מאל טרעפט זיך פאר קערט, וואס השי"ת מיט זיינע רחמנות שיקט אויף דעם מענטשין ארומקייט בכדי ער זאל

דורך

דורך דעם צער ניצול װערין פון יסורים אונ פון מיתה אויף יענער װעלט *), אָבער דער מענטש װאס מען גיט אים ניט קיין עניות אונ ער איז אָרום אין דער תורה, דאס איז פיל ערגער װיא אלץ, דער מענטש איז פאר זיין לעבין שוין גיגליכין װיא אטויטער, אונ זיין רפואה איז ער זאל עוסק זיין בתורה.

ב) דער שכר פון מצות איז גרוים גאר אָן אברעג, אבער צוא דעם עונש פון איין עבירה איז פאראן אברעג.

ג) אזו װיא דער מענטש װאס גייט פון איין אָרט אין אנדערין אָרט, איז דערביין פאראן דרייא ערטער דהיינו דער אָרט װאס ער גייט פון אים, אונ דער אָרט װאס ער גייט צו אים, אונ די װעג װאס ער גייט אין איר, אזו איז דר מענטש אויף דער װעלט, דיא עוה"ז דאס איז דער אָרט װאס ער גייט אװעק פון איר, אונ זיין תכלית איז דער ג"ע, אונ דאס דריטע איז דיא װעג, װאס ער גייט פון דער װעלט אויף יענער װעלט, דען דער מענטש קען אנדערש ניט קומען אין ג"ע אפילו אז ער האט אין זיך פיל מצות, װאו ער זאל ניט אראפ װארפין פון זיך אלע עניני הגוף:

ד) אין דער צייט פון דער מיתה פון דעם מענטשין מוז ער זעהען די שכינה נאר פון דעם רשע טוט זיך דיא שכינה תיכף אָפ, אונ דא איז אים דר מלאך המות זייער שטארק מצער, אבער בייא דעם צדיק װערט די שכינה פון אים ניט אפ גיטאן ביז זיא פירט אים אװעק אויף זיין אָרט, אונ דיא אבות גייען אים אנטקעגין, אונ די נשמה גייט ארוים זייער גרינג װיא אהאר פון מילך:



---

*) בכדי צוא מאכין דעם שװאכין מענטשין עטװאס איין באגריף אין דיא גירעכטיגקייט פון די הנהגה (גאטעם װעלט פירונג) אום צוא בארוהיגין זיין הארץ װאס זיא שטורימט אויף די גרויסע פראגע װאס מען זעט אסך צדיקים לעבין אומרוהיג אונ אין גרוים שמערצין אונ אסך רשעים לעבין בשלוה, רוהיג אונ גליקליך װעלין מיר דא פארשטעלין אפראבטיגין משל פון ספר ארצות השלום (להגאון מלבי"ם זצ"ל) װאס אין אים װעט ארוים שיינען דער ענין װיא דורך

אַלִיכְטִינְן שְׁפִּינֶעל אוּנ מִיר וֶועלִין זֶעהֶען אוּנ פַאר שְׁטֵיין אַז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטִינְס הַנְהָגָה אִיז נוּר חֶסֶד, גְלֵייכְלִיךְ צוּא מַאכִין דֶעם פְרוּמֶען אָרִינְטְלִיכִין מֶענְטְשִׁין אוֹיף אֵייבִּיג.

אַגְרוֹיסֶער קִינִיג הָאט גִיהַאט צְוֵוייא דִינֶער, אֵיינֶעם אַטְרַייֶען דִינֶער וָואס עֶר הָאט אִים גְלִיבְּט אַהֲבַת נֶפֶשׁ אוּנ דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גִיוֶוען אַשְׁלֶעכְטֶער נֶפֶשׁ, וָואס דֶער קֶענִיג הָאט אִים נִיט גֶעלִיבְּט. — וַיְהִי הַיּוֹם הָאט דֶער קִינִיג זֵייא פַאר רוּפִין אוּנ פַאר זָאגְט זֵייא בֵּיידֶען צוּא טָאן פוּן זֵיינְט וֶועגִין אַגְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּנ הָאט בֶּעשְׁטִימְט זֵייעֶר לוֹין, וֶועלְכֶער עֶס וֶועט זִיךְ פְלַייסִין עֶרְפִילֶען זַיין רָצוֹן וֶועט מֶען אִים אָן קְלֵיידִין בִּגְדֵי מַלְכוּת אוּנ זֶעצִין רַייטִין אוֹיף דֶעם קֵייזֶערְס פֶערְד אוּנ אוֹיס שְׁרַייעֶן פַאר אִים „אַבְרֵךְ" וִויא פַאר יוֹסֵפִין אִין מִצְרַיִם, וִוידֶער הָאט עֶר זֵייא שְׁטְרֵיינְג פַאר זָאגְט זֵייא זָאלִין זִיךְ אָפּ הִיטִין נִיט צוּא טָאן יֶענֶע אוּנ יֶענֶע זַאךְ, אוּנ דֶער וָואס וֶועט אַרִיבֶּער טְרֶעטִין זַיין בַּאפֶעל אוּנ וֶועט טָאן דִיא זַאךְ וָואס עֶר הָאט פַארְבָּאטִין וֶועט מֶען אִים אַרוּם פִירִין אִין אַלֶע גַאסִין אָן גִיקְלֵיידֶעט אִין צוּא פוּילְטֶע שְׁמַאטֶעס אוּנ אוֹיס שְׁרַייעֶן „דָאס אִיז דֶער אוּנפַאר שֶׁעמְטֶער מֶענְשׁ וָואס הָאט וִוידֶער גִישְׁפֶּענִיגְט דֶעם רְצוֹן הַמֶּלֶךְ". — זֵייא זַיינֶען בֵּיידֶע אַוֶועק פוּן קִינִיג אוּנ הָאבִּין זִיךְ בֶּעמִיהֶעט טָאן זַיין רָצוֹן, אָבֶּער נֶגֶד זֶה הָאבִּין זֵיי עוֹבֵר גִיוֶוען אוּנ גִיטָאן דִי פַארְבָּאטֶענֶע זַאךְ אוֹיךְ. — נָאר עֶס אִיז פֶערְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז דֶער גוּטֶער דִינֶער הָאט דָאס מֶערְסְטֶע גִיטָאן דֶעם רְצוֹן הַמֶּלֶךְ, אוּנ דֶר שְׁלֶעכְטֶער הָאט דָאס מֶערְסְטֶע עוֹבֵר גִיוֶוען. — וַיְהִי הַיּוֹם אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיוֶוען מִיט בֵּיידֶע דִינֶער אִין וַואלְד אוֹיף גִיעָג. הָאט עֶר גִיגֶעבִּין אַבַּאפֶעל צוּא זַיינֶע בַּאדִינְטֶע, מֶען זָאל נֶעמֶען זַיין גִילִיבְּטִין קְנֶעכְט אוֹיס טָאן נַאקֶעט אוּנ אָן טָאן אִין צוּפוּילְטֶע שְׁמַאטֶעס אוּנ אִים אָן מַאכִין גְרוֹיסֶע שְׁמֶערְצִין אוּנ בִּזְיוֹנוֹת, אוּנ דֶעם שְׁלֶעכְטֶען קְנֶעכְט זָאל מֶען אָן קְלֵיידִין בִּגְדֵי מַלְכוּת אוּנ זֶעצִין רַייטִין אַפִּין קֵייזֶערְס פֶערְד אוּנ אִים אָן טָאן גְרוֹיס כָּבוֹד, הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרֵי הַמֶּלֶךְ שְׁטַארְק פַאר וואוּנְדֶערְט אוֹיף אַזַא מִשְׁפָּט, אוּנ דֶער גֶעלִיבְּטֶער קְנֶעכְט הָאט אוֹיךְ גִיהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע פַאר דְרוּס, אוּנ הָאט נָעבַאךְ בִּיטֶער גִישְׁרִייעֶן אֲדוֹנִי הַמֶּלֶךְ, אִיז דָאס דֶען מַיין לוֹין פַאר מַיין אָפְּפֶּערִין זִיךְ נוּר צוּ

טאן

# קיצור: אבן שלמה

טָאן דַיין רָצוֹן אונ צום סוֹף בַּאלוֹינֶסְטוּ מִיר מִיט אַזֶעלְכֶע בִּזְיוֹנוֹת אונ שְׁמֶערְצִין״? — אין אַצַייט אַרוּם אִיז גִיוֶועֶן דֶער יָארְמַארְק אִין קְרוֹין שְׁטָאט, זַיינֶען צוא זַאמֶען גִיפָארִין זֵייעֶר פִיל קוֹפְּצֶעס אונ מַאגְנַאטִין אונ פְרִינְצִין פוּן אַסַך מְדִינוֹת, הָאט דֶער קֶינִיג גִיגֶעבִּין אַבַּאפֶעל מֶען זָאל נֶעמֶען דֶעם שְׁלֶעכְטִין קֶנֶעכְט אונ אָן טָאן קְרוּעֶ וּבְלוּעֶ אונ פִירִין אָפִין שַׁאנְד וָואגִין אָפִין פְּלַאץ פַּארַאד פַארִין גְרוֹיסִין פּוּבְּלִיק, אונ דֶעם גִילִיבְּטִין קְנֶעכְט זָאל מֶען אָן קְלֵיידִין בִּגְדֵי מַלְכוּת מִיט דֶעם קֵייזֶער־לִיכִין קְרוֹין אונ זֶעצִין רַייטִין אוֹיפִין קֵייזֶערְס פֶערְד, אונ דֶר גְרֶעסְטֶער שַׂר זָאל פַאר אִים אוֹיס שְׁרַייעֶן „כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ אֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ חָפֵץ בִּיקָרוֹ״ אַזוֹי וֶוערְט גִיטָאן צוּ דֶעם מַאן וָואס דֶער קֶינִיג בַּאגֶערְט אִים כָּבוֹד צוא טָאן, אונ אַזוֹי טָאג טֶעגְלִיךְ דִיא גַאנְצֶע צַייט פוּן יָרִיד. — דַאן הָאבִּין אַלֶע שָׂרִים פַאר שְׁטַאנֶען וִויא קְלוּג דִיא גִירִיכְט פוּן קֶינִיג אִיז, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גִיוֶועֶן אַמוּכְרַח צוא גֶעבִּין זַיין שְׂכַר אונ זַיין עוֹנֶש וִויא עֶר הָאט זַייא פַאר שְׁפְּרָאכִין, נָאר עֶס אִיז אִים שְׁלֶעכְט גִיוֶועֶן צוּ טָאן אַזַא גְרוֹיסִין בִּזָיוֹן זַיין גִילִיבְּטִין דִינֶער, אונ אַזַא גְרוֹיסִין כָּבוֹד דֶעם שְׁלֶעכְטֶען קְנֶעכְט, דְרוּם הָאט עֶר זִיךְ מַקְדִים גִיוֶועֶן אונ אָפּ גִיצָאלְט דֶעם גוּטִין לוֹין צוּם שְׁלֶעכְטֶען קְנֶעכְט אונ דֶעם שְׁטְרָאף אונ בִּזְיוֹנוֹת זַיין גוּטִין פְרַיינְד אִין מִיטִין וַואלְד, וָואס דֶר כָּבוֹד הָאט דַארְטִין אַקְנַאפֶּע צוּרָה, עֶרְשְׁטִינְס וַוייל עֶס הָאבִּין אִים גַאנְץ וֵוינִיג מֶענְשֶׁען גִיזֶעהֶען נוּר דִיא דֶערְנֶער פוּן וַואלְד, אונ צְוֵוייטִינְס אִיז גָאר נִיט גִיוֶועֶן דוֹיעֶרְהַאפְטִיג, עֶס הָאט נוּר גִיוֶוערְט דְרַייא שְׁטוּנְד, אָבֶער דֶער נָאךְ הָאט עֶר גִיטְרוּנְקֶען דֶעם כּוֹס פוּן פוּרְעָנִיּוֹת אונ בִּזְיוֹנוֹת צוּ זַאט, פַאר אַזַא גְרוֹיסֶען פּוּבְּלִיקוּם אונ אַזַא לַאנְגֶער צַייט, אונ דָאס גְלַייכִין דֶעם שַׁאנְד וָואס עֶר הָאט גִיטָאן זַיין גוּטִין פְרַיינְד אִיז אוֹיךְ נִיט אַזוֹי גְרוֹיס וַוייל עֶס הָאבִּין אִים גַאנְץ וֵוינִיג מֶענְשֶׁען גִיזֶעהֶן, אונ עֶס הָאט וֵוינִיג גִיוֶוערְט, אָבֶער דֶער נָאךְ אִין קְרוֹין שְׁטָאט, דֶעם שְׁלֶעכְטִינְס גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת אונ דֶעם גוּטִינְס גְרוֹיס כָּבוֹד אִיז דָאס בַּאשְׁרִיבִּין גִיוָוארִין צוּם אֵייבִּיגֶען אָנְדֵיינְקוּנְג. — יֶעצְט דֶער וָואס פַאר שְׁטֵייט דֶעם קֶינִיגְס גִידַאנְקֶען פוּן זַיין מִשְׁפָּט פוּן וַואלְד, וָואס עֶר הָאט אוֹיס נֶעמֶען זַיין צָארִין אוֹיף זַיין גֶעלִיבְּטִין דִינֶער, אונ זַיין

פיינד

פיינד האט ער גיעדרט מיט איין כבוד מדומה, זאגט ער צוא זיך אליין, „טוב אחרית דבר מראשיתו“ פון דיא אפפירונג פון אנפאנג איז צוא פארשטיין דעם סוף אז דעם כבוד וואס ווערט גיטאן דעם שלעכטין, איז דאס דער העכסטער בזיון אונ איין ווארער צייכין וויא ווייט דער קיניג פאר האסט אים אונ דיינקט אויף אים שלעכטעס, אונ דער כעס וואס ער צארינט אויף דעם גוטין פריינד, צו שטראפירין אים פאר דיא בויזער פון וואלד איז דאס דיא העכסטע מדרגה פון ליבשאפט אונ אצייכין פון כבוד, אז ער ווערט אן קליידען קינינגליכע קליידער מיט גרוים צירונג אין קרוין שטאט פארין גרויסין פובליק. —

אין דעם ארט פירט זיך דער בורא ב"ה דער גרויסער קיניג וואס צו אים איז דיא קיניגרייך, צו זיינע קנעכט וואס זיצין אין דער נידער (דאס הייסט אויף דיזע וועלט), וואס ער האט פאר שפראכין פיל שכר פאר דיא וואס וועלין היטין זיינע מצות אונ גרוים שטראף אונ שאנד פאר דיא וואס וועלין עובר זיין זיינע מצות, אונ עס איז דאך לא ימלט אז אפילו דער גרעסטער צדיק זאל ניט דורך פאלין אמאל אין איין הטא, אמאל באונס אונ אמאל בשוגג, וואס צוא ליב דעם באשולדיגין זיי זיך צוא שטראפירין זייא, אונ דאס גלייכין דיא רשעים טוען אויך אפט מאל אמצוה וואס קומט זייא דער פאר איין גוטין שכר, אונ דיא ביידע זאכין איז ניט לרצון פאר דעם בורא ב"ה, צו געבין עהרע זיינע פיינדע אונ פר שעמען זיינע ליב האבער אין עולם הרוחני אין קרוין שטאט וואס דארטין איז דער כבוד איין אייביגער כבוד אונ די שאנד איז איין אייבינער שאנדע, דרום האט השי"ת צו טיילט דעם שכר אונ דעם עונש אין דיא ביידע ערטער, אונ האט מקדים גיוועז צו צאלין דעם רשע זיין לוין דא אויף דעם עולם החומרי, דא קרוינט מען אים אן מיט הצלחת הזמן, רייכטום אונ פאלשין כבוד, וואס בעצם האט דאס קיין ממשות ניט, אונ ניט דויער האפטיג, ווארום אין מיטין גיט מען גאר אקלאפ אונ מיא הייסט פארין אהיים, אין פינצטערין קבר, אויף טויזינדער יאר, אונ אויף דין געליבטין קנעכט קליידט ער אן גילאטעטע קליידער מיט שאנד, — אבער ווער עס האט נור קלוגע אויגין אונ פאר שטייט

# קיצור אבן שלמה

אז דער כָּבוֹד אונ דיא הַצְלָחַת הַזְּמַן איז אָפּוֹסְטֶע זַאךְ, אונ דיא פֿאָטְשׁעֶרנֶעס אונ שַׁאנְד וָואס עֶס גְרֵייכְט דָא דֶעם מֶענְשֶׁין איז אַלֶעס גָאר נִיט, אִיז עֶר פַּאר קֶערְט אוּנְמוּטְהִיג אוֹיף דִיא גְלִיקִין פוּן דִיזֶע וָועלְט, וָואס הָאט אַהַאפְּט וִויא שִׁפִין וֶועבְּס, אונ דֶער שַׁיינוּנְג פוּן דִיא וָועלְט אִיז גְלַייךְ וִויא פוֹילֶע הָאלְץ וָואס שַׁיינְט נוּר פוּן וַוייטִין, אוּנ גְרָאדֶע פַּאר קֶערְט עֶר פְרֵייט זִיךְ אוֹיף דִיא גִילַאטֶעטֶע קְלֵיידֶער וָואס דִיא צֵייט קְלֵיידֶעט אִים אָן, דֶער פַאר אָבֶער וֶועט עֶר הָאבִּין גְרוֹיס כָּבוֹד אִין דִיא אֵייבִּיגֶע קְרוֹין שְׁטָאט פַּאר אַזוֹי פִיל נְשָׁמוֹת פוּן דִיא צַדִיקִים אונ דִיא אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, דִיא שְׁבָטִים, דִיא זְקֵנִים, דִיא תַּנָאִים וַאֲמוֹרָאִים, גְאוֹנִים צַדִיקִים וַחֲסִידִים, מַלְאָכִים שְׂרָפִים וְאוֹפַנִים וְחַיוֹת הַקוֹדֶשׁ, עֶס אִיז גָאר נִיט פָאר צוּ שְׁטֶעלִין זִיךְ דֶער כָּבוֹד וִויא גְרוֹיס עֶר אִיז אונ דוּיעֶרְהַאפְטִיג. — אונ דָאס גְלַייכִין דֶער בִּזָיוֹן פוּן דֶעם רָשָׁע חוּץ דִי יִסוּרִים פוּן גֵיהִנָם אִיז זִיךְ גָאר נִיט פַארצוּשְׁטֶעלִין. — מִיט דֶעם פַּאר שְׁטֵייט מֶען דִיא קוּרְצֶע וֶוערְטֶער פוּן דֶעם וֶועלְט חָכָם (קהלת ט') (טוב כעם משחוק) עֶס אִיז בֶּעסֶער דֶער כַּעַס וָואס הקב"ה צָארִינְט אוֹיף דִיא צַדִיקִים אוֹיף דֶער וֶועלְט אֵיידֶער דֶעם לַאכִין וָואס עֶר שְׁמֵייכֶעלְט צוּ דִי רְשָׁעִים אוֹיף דֶר וֶועלְט (כי ברוע פנים ייטב לב) וַוייל דוּרְךְ דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִינֶע וָואס עֶר וַוייזְט צוּא דִיא צַדִיקִים בעוה"ז וֶועט עֶר זֵייא בַּאגִיטִיגִין זַיין רָצוֹן בעוה"ב, אִיז דֶער כַּעַס אוֹיף דִי צֵייטְלִיכֶע וֶועלְט אַוואָרֶער צֵייכִין אוֹיף דִי שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט אונ דֶער שְׁמֵייכִיל צוּא דִיא רְשָׁעִים אִיז בֶּאֱמֶת נוּר אֵיין פוּסְטֶער גִילֶעכְטֶער אונ אַוואָרֶער צֵייכִין וִויא וַוייט עֶר אִיז פַּאר הַאסְט אִין דִי אוֹיגִין פוּן הַשֵׁי"ת, — דְרוּם בֶּעטִין מִיר אַז הַשֵׁי"ת זָאל אוּנְז דֶר לַייכְטִין דִיא אוֹיגִין מִיט זַיין תּוֹרָה אַז מִיר זָאלִין דֶער זֶעהֶען דֶעם אֱמֶת „ולא נבוש לעולם ועד" בִּכְדֵי מִיר זָאלִין נִיט פַאר שֶׁעמְט וֶוערִין אוֹיף אֵייבִּיג (אִין דִיא אֵייבִּיגֶע וֶועלְט).

ה) חָאטְשֶׁע דִיא גמרא זָאגְט אַז בית דין פוּן הִימִיל שְׁטְרָאפִין נִיט דֶעם מֶענְטְשִׁין בִּיז נָאךְ צְוַואנְצִיג יָאר, אָבֶער דֶער נָאךְ שְׁטְרָאפְט מֶען אִים אֲפִילוּ אוֹיף דִיא פְרִיגֶע עֲבֵירוֹת וָואס פַאר צְוַואנְצִיג יָאר. אוֹיבּ עֶר הָאט נִיט גִיטָאן קֵיין תְּשׁוּבָה אוֹיף זֵיי:

דיא

ו) די רשעים אפילו אין דר צייט פון זייער מיתה, ווילן זיי אויך ניט טאן דעם רצון פון השי"ת אין דעם וואס ער שיקט דעם מלאך המות צוא נעמען זיין נשמה, אבער דיא צדיקים זיינען אויף זיך מקבל ברצון דעם גזר דין פון השי"ת:

ז) אין די אויגן פון מענטשן איז ניצייכינט גאר די וועלט אונ יעדער זאך וואס גיפינט זיך אין דער וועלט. אונ יעדער זאך וואס דער מענטש טוט הן גוטץ אדער ח"ו שלעכץ, ווערט דאס באלד פאר צייכינט אין אויג, פונקט מיט דיא גישטאלט פון דער זאך אונ דעם טאג, אונ דיא אלע זאכין וואס איז גיצייכינט גיווארין אין די אויגן, פון דיא מעשים וואס דער מענטש האט גיטאן אין גאנצין לעבין, ווייזט מען דאס אלץ דעם מענטשין פאר זיין טויט (א"ה, איך האב אויך גיהערט דאס גלייכין אז איינער ווערט רח"ל גיהארגעט ווערט דיא גישטאלט פון דעם גזלן פאר צייכינט אין דיא אויגין פון דעם גיהארגעטין מענטשין, אונ אז מען וויל וויסין ווער דער גזלן איז קען מען אים אראפ נעמען זיין בילד פון דיא אויגין פון דעם מענטשין וואס איז גיהארגעט גיווארין דורך פאטעגראפיע):

ח) האטשע דיא גמרא זאגט. אז נאך דעם אז עס איז שוין נגזר גיווארין אויף דעם מענטשין צוא שטארבין. העלפט שוין קיין תשובה ניט אז ער זאל ניצול ווערין דורך איר פון טויט. דאך טוט זיא אפעולה ער זאל דורך איר קאנען ארויס גיין פון דעם גיהנם. נאך דעם אז ער האט שוין מקבל גיוועזן זיין עונש:

ט) זיבין דינים מוזין איבער פארין אויף דעם מענטשין. דר ערשטער דין איז דיא רגע וואס פארין טויט קומען צו אים דרייא מלאכים. איין מלאך רעכינט אוים ווי פיל מינוטין ער איז גיוועזן אויף דר וועלט. אונ ער נעמט אפ חשבון ביא דעם מענטשין וואס ער האט גיטאן אין יעדער מינוט. דער אנדערער מלאך רעכינט אוים אלע עבירות וואס דער מענטש האט גיטאן אין גאנצין לעבין. דר דריטער מלאך וואס האט גילערינט מיטין מענטשין תורה אז ער איז גיוועזן ביי דער מוטער אין בויך. אונ אז דער מענטש וואלט גילערינט אויף דער וועלט ווי מען באדארף. וואלט ער דאס גיקענט משיג זיין אין גאנצין, ער

זאל

זאָל דאָס קאָנען נעמען מיט זיך אויף יענער וועלט . און היינט אַז ער באַדאַרף גיין אויף יענער וועלט . קומט דער מלאך זעהען אויב ער האָט מיט זיך די גאַנצע תורה וואָס ער האָט מיט איהם געלערנט :

י) דער אַנדערער דין איז נאָך דער מיתה אַז מען פירט איהם צום קבר . גייען פאַר איהם מלאכי חבלה . און שרייען אויס וויא איז צוא דעם דאָזיגען מענטשין וואָס ער האָט מורד געווען אָן דעם מלכות פון דעם הימיל . און דאַמאָלס איז איהם מען דן מיט גרויסע עונשים זייער ביטער :

יא) דער דריטער דין איז . אַז מען לייגט איהם אַריין אין קבר . איז מען איהם דאָן אויף דעם הימיל :

יב) דער פערטער דין איז חיבוט הקבר . דאָרטין איז מען דן יעדער אבר וואָס האָט גיהאַט הנאה פון דער וועלט ניט לשם שמים . וויא אויבין איז געשריבין אין (פרק א' סימן כ"ט) :

יג) דער פינפטער דין איז . וואָס דיא ווערים עסין זיין פלייש . און זיין נפש קלאָגט זייער דאַרויף :

יד) דער זעקסטער דין איז כף הקלע . וואָס מען וואַרפט איהם פון איין עק וועלט צום אַנדערין . דאָס קומט פאַר יעדער וואָרט וואָס איין מענטש רעדט זעלכע רייד וואָס ניט נוצלאַך פאַרין גוף און ניט פר דר נשמה . אָבער פר די דיבורים אסורים דהיינו רכילות ליצנות אָדער לשון הרע און דאָס גלייך . קומט נאָך פיל גרעסערע עונשים וויא כף הקלע :

טו) דער זיבעטער דין איז דער גיהנם :

טז) חאַטשע דער סדר פון הש"ת איז . אַז ער איז דן דעם מענטשין טוט ער לפנים משורת הדין . דאָס הייסט ער זעט צוא פאַר גרינגערין דעם עונש וויא מעגליך איז . אָבער דער מענטש וואָס איז שלעכט צו לייטין . אָדער דער מענטש וואָס איז איין בעל גאוה . דיא לייט פאַר גרינגערט מען ניט . דען מען איז זייא דן פונקט וויא זייא האָבין פאַר דינט .

יז) עלף ערטער מוז דער מענטש איבער גיין ביז ער קומט צו דער רעכטער מנוחה . דער ערשטער אָרט איז פון זיין הויז צום קבר .

דֶער אַנְדֶערְער אִיז פוּן קֶבֶר צוּם גֵיהִנָם. דֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז גֵיין אִין גֵיהִנָם אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר אִיז אַיין צַדִיק גָמוּר. נָאר דֶער צַדִיק הָאט נִיט קֵיין יְסוּרִים אִין גֵיהִנָם. דֶר דְרִיטֶר אִיז פוּן גֵיהִנָם צוּם גַן עֵדֶן. אוּנ דֶער נָאךְ מוּז עֶר גֵיין אִיז זִיבְּן עֶרְטֶער דָאס אִיז אִין זִיבְּן הִימְלִין. אוּנ פוּן דֶעם זִיבֶּעטִין הִימִיל מוּז עֶר גֵיין אִין ג״ע הָעֶלְיוֹן. אוּנ אִין יֶעדֶער אָרְט פוּן דִיא עֶלְף עֶרְטֶער מוּז עֶר אָפּ גֶעבִּין דִין וְחֶשְׁבּוֹן:

**יח)** דִיא צַדִיקִים וָואס אִין ג״ע: וַוארְטִין זַייא אוֹיף דֶעם גְרוֹיסִין חָכָם וָואס אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶר זָאל קוּמֶען אוּנ זָאל מִיט זַייא לֶערְנֶען חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. אוּנ אַז עֶר קוּמְט אִין גַן עֵדֶן אַרֵיין. גִיט מֶען אִים הוּנְדֶערְט מִיט אַכְצִיג טָאג עֶר זָאל דַרְשִׁינֶען בְּרַבִּים דִיא תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גִילֶערִינְט אוֹיף דֶער וֶועלְט:

**יט)** אִין אָן פַאנְג עֶנְפֶערְט מֶען אִיבֶּער דֶעם רָשָׁע צוּם מַלְאָךְ דוּמָה וָואס עֶר אִיז אַמְמוּנָה אוֹיף דִיא מֵתִים אִין קֶבֶר. אוּנ נָאךְ דְרַייא טֶעג עֶנְפֶערְט עֶר אִים אִיבֶּער צוּם גֵיהִנָם. וָואס דָאס אִיז אִין דִי טִיפֶענֶעשׁ פוּן דֶער עֶרְד. מֶען זָאל דָארְטִין אוֹים לַייטֶערִין אוּנ קְלָאר מַאכִין דִיא נְשָׁמָה פוּן דִי פְלֶעקִין פוּן דִי עֲבֵירוֹת. אוּנ דָארְטִין אִין גֵיהִנָם אַרְבֶּעטִין מִיט אִים דִיא מַלְאֲכֵי חֲבָּלָה וָואס זַייא זַיינֶען בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת. אוּנ יֶעדֶער פוּן דִיא מַלְאֲכֵי חֲבָּלָה מָאנְט אוֹיף פוּן אִים זַיין חֵלֶק. וִויא פִיל עוֹנֶשׁ עֶס קוּמְט פַר יֶעדֶער עֲבֵירָה. אוּנ יֶעדֶער צַעַר וָואס דִיא נְשָׁמָה אִיז זִיךְ מְצַעֵר אִין גֵיהִנָם אִיז דֶער גוּף אוֹיךְ זִיךְ מְצַעֵר אוּנ עֶר וַויינְט מִיט אִיר אִין קֶבֶר. אוּנ דִיא מַזָלוֹת אוּנ דִי מַלְאֲכֵי הַשָׁרֵת דִיא אַלֶע הָאבִּין אוֹיךְ צַעַר מִיט דֶער נְשָׁמָה. אוּנ זַייא וַויינֶען אוֹיךְ מִיט אִיר. וַוייל דִיא נְשָׁמָה הָאט אִין זִיךְ אַיין חֵלֶק פוּן דִיא אַלֶע בְּרוּאִים. אוּנ אַז זִיא זִינְדִיגְט וֶוערִין זַייא אַלֶע מְחוּלָה דוּרְךְ אִיר. אוּנ זַיי מוּזִין גִישְׁלָאגִין וֶוערִין דוּרְךְ אִיר. אוּנ דָארְטִין אִין גֵיהִנָם אִיז עֶר זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף אַלֶע זַיינֶע זִינְד. אוּנ עֶר מַאכְט גִירֶעכְט דֶעם מִשְׁפָּט פוּן הַשִׁי״ת אוּנ עֶר אִיז מִתְפַּלֵל צוּ הַשִׁי״ת עֶר זָאל אִים אוֹיף בְּרֵיינְגֶען פוּן גֵיהִנָם בִּזְכוּת דִיא צְדָקוֹת וָואס עֶר הָאט גִיטָאן פַאר זַיין טוֹיט, אוּנ אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין מְקַבֵּל גִיוֶועזְן גָאר זַיין עוֹנֶשׁ. פִירְט מֶען אִים אִין ג״ע אַרֵיין. אוּנ דֶער נָאךְ שִׁיקְט מֶען אִים נָאךְ אַמָאל אוֹיף דֶער וֶועלְט בְּגִלְגוּל. עֶר

זאל

זָאל פַאר רִיכְטִין וָואס עֶר הָאט פַאר קְרִיכְט:

ג) לעתיד לבא וָועט דֶער גיהנם וָוערִין רֵיין פוּן זַיין טוּמְאָה. אוּנ עֶר וָועט וָוערִין אִין כְּלַל פוּן דֶעם ג"ע צוּא זַאמֶען. אוּנ זֵייא בֵּיידֶע וָועלִין אַבִּיין גִיזֶעצְט וָוערִין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל:

**פרק ד** אִין דֶעם פֶּרֶק וָוערְט גִירֶעט פוּן חֶבְלֵי מָשִׁיחַ אוּנ אוֹיךְ פוּן דִיא גְאוּלָה וָואס וָועט זַיין בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

א) דִיא הַיינְטִיגֶע גְאוּלָה. קֶען נִיט זַיין נָאר בִּזְכוּת הַתּוֹרָה. אוּנ דֶער עִיקָר גְאוּלָה הַיינְט נָאר אָן דָאס מֶען זָאל לֶערְנֶען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה דִיא וָואס זַיינֶען רָאוּי דֶער צוּא. (דְהַיְינוּ דֶער וָואס אִיז אָנְגִילֶערִינְט אִין אַסַךְ גְמָרָא מִיט פּוֹסְקִים אוּנ אִיז אַגְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם אוּנ אַיין בַּעַל מִדוֹת טוֹבוֹת):

ב) אִין אָן פַאנְג וָועלִין אוֹיס גִילֵייזְט וָוערִין דִיא עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים. אוּנ דֶער נָאךְ דֶער שֵׁבֶט יְהוּדָה. אוּנ דֶער נָאךְ וָועלִין לֶעבֶּעדִיג וָוערִין דֶער דוֹר הַמִדְבָּר:

ג) דִיא גְאוּלָה אִיז גִיגְלִיכִין צוּ אַיין אִשָׁה וָואס זִיא גִיוֵוינְט אַיין קִינְד אִיז דָאךְ אַגְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. אָבֶּער דָאךְ אַז עֶס קוּמְט דִיא צַייט נָאהֶענְט צוּם גִיוֵוינֶען. הָאט זִיא דָאךְ יְסוּרִים מֶער פוּן דִיא גַאנְצֶע צַייט וָואס זִיא הָאט גִיטְרָאגִין. אַזוֹי אוֹיךְ פַאר דֶער גְאוּלָה וֶועט זַיין מֶער צָרוֹת וִוי פוּן גַאנְצִין גָלוּת. אוּנ דָאס וָוערְט אָנְגִירוּפִין חֶבְלֵי מָשִׁיחַ:

ד) דִיא יִשְׂרָאֵל זַיין גִיגְלִיכִין צוּא תְּבוּאָה, אַזוֹי וִויא קְלֵייעֶן אִיז שְׁטַארְק בַּאהֶעפְט אָן דִיא תְּבוּאָה. אוּנ אַז מֶען וִויל אִיר אָפּ שֵׁיידִין מוּז מֶען זִיא צוּא מָאלִין צוּא וִוישִׁין דִיא שְׁטֵיינֶער. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דִי עֵרֶב רַב (דָאס הֵייסְט דִיא וָואס הָאבִּין זִיךְ נִיט מְגַיֵּיר גִיוֶוען לְשֵׁם שָׁמַיִם) זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאהֶעפְט אָן דִיא יִשְׂרָאֵל. אוּנ דִי יִשְׂרָאֵל לֶערְנֶען זִיךְ אָפּ פוּן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. אוּנ דָאס זַיינֶען דִי עֲשִׁירִים וָואס זַיי פִירִין זִיךְ בְּגַאֲוָה. אוּנ מֶען קֶען זֵייא נִיט אָפּ שֵׁיידִין פוּן דִי יִשְׂרָאֵל נָאר דוּרְךְ דִיא גְרוֹישֶׁע צָרוֹת וָואס וֶוערְט גִירוּפִין חֶבְלֵי מָשִׁיחַ:

ה) פִינְף מִינִים פוּן עֵרֶב רַב גִיפִינְט זִיךְ צוּא וִוישִׁין דִיא יִשְׂרָאֵל. אֵיינְס אִיז דִיא וָואס מַאכִין תָּמִיד קְרִיג מִיט לַייטִין אוּנ רֵיידִין לָשׁוֹן הָרַע. דָאס אַנְדֶערֶע אִיז דִיא וָואס יָאגִין נָאךְ תָּמִיד נָאךְ תַּאֲווֹת הַגוּף. דָאס

דריטע

דריטע איז די פאלשע מענשין וואס זיין ניט פרום באמת. דאס פירטי איז דיא וואס יאגין נאך כבוד. אונ וואס זייא טוען גוטץ איז נאר בכדי מען זאל זייא לויבין. דאס פינפטע איז די וואס יאגין נאך דעם גאנצין לעבין נאך געלט. אונ איבער דעם האבין זייא קיין מאל קיין צייט ניט צו עבודת השי"ת. אונ די ערשטע וואס מיר האבין גירעכינט דהיינו וואס קריגין זיך תמיד דיא זיינען פיל ערגער וויא דיא אנדערע פיר מינים. אונ משיח קען ניט קומען סיידין מען זאל זיי אפ מעקין פון דער וועלט. דען זייא ווערין גירופין עמלקים:

ך) דיא הנהגה וואס הקב"ה פירט דיא וועלט איז ניט גלייך פון איין דור צום אנדערין. דען עס גיפינט זיך תמיד שינויים. אונ דורך דעם ווערט תמיד שינויים אין דיא טבע פון דיא ברואים. אונ אין דיא עבודה פון השי"י גיפינט זיך אויך דעריבער שינויים תמיד הן צו גוטץ הן צו שלעכץ. דען די בחירה איז גיגעבין תמיד צום מענשין. אונ אויך גיפינט זיך אין יעדער דור איין קץ וואס משיח זאל קומען. אונ דאס היינט אלץ נאך דיא תשובה אונ מעשים טובים וואס איז צוא גימאסטין צוא דיא טבע פון דעם דור. אבער צום לעצטין קען מוז משיח קומען. אפילו אז דר דור וועט חלילה ניט זוכה זיין מיט זייערע מעשים. וועט השי"י טאן מיט זיין חסד אונ אויך בזכות אונזערע אבות אזוי וויא מיר זאגין אין שמונה עשרה וזוכר חסדי אבות ומביא גואל לבני בניהם למען שמו. דאס איז טייטש ער גידיינקט די גינאד פון דיא אבות. אונ ער וועט ברייגגען דעם אויס לייזער פון וועגן זיין נאמען. השי"י זאל אונז ריינינגין דיא הערצער מיר זאלין זוכה זיין צוא דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן:

מ"ב בס' עליות אליהו שנתחדש על מה שסלק על קבר אמו ביום היא"ט אפשר שמפני כן נלמעד אותו לדיק מפני שבהיותו בבית הקברות נודע לנפשות המתים את גודל מעלתו בשמים ממעל. ועי"כ מאז התחילו לשקוד על דלתותיו להתחנן על נפשם לתקנם. ועי"כ היה לו מזה נער גדול ככ"ל כי היה קשה בעיניו לאטרותי קמי שמיא לתקנם בלא עת כדרכו. וכמו ששמעתי סיפור נפלא כי אשה אחת ממשפחתו יצאה מדעתה והיתה הולכת ערומה ברחובות קריה. והיו בני משפחתו סולכים ככקש תמיד אל הגאון להושיע לה ולא נענה לבקשתם. ופעם א' הגיע עש"ק לפנות ערב כאשר הכל הולכין לביהכ"נ והלכה אז ערומה בחצר ביהכ"נ לעין כל ואז קמו בהיהם מגודל הבושה ונכנסו במר נפשם לפני הגאון וספרו בו עד בוש. ואז פתח הגאון את חלון בית מדרשו כנגדה ואמר די לך לילך ערומה. ואז תיכף נכנסה להתחבאות תחת דלתות אחת מן החליות ובקשה להביא לה בגדים:

---

יעצט וועלין מיר דא שרייבין אייניגע וואונדערליכע ערציילונגען פון דעם הייליגין גאון ז"ל אונ פון זיינע תלמידים.

הגאון ר' צבי הירש ברלין (ער וואר רב אין דיא גרויסע שטאט ברלין אין גאנס צייטין) האט דר ציילט דיזע וואונדערליכע גישיכטע: איין סוחר פון ווילנא איז גיפארין דורך ברלין קיין לייפציג צום יריד, האט ער מיט גענומען א בריף וואס איין יודישער דייטש האט אים גיבעטין (אין ווילנא) אפ צוא געבין (אין ברלין) להחכם ר' משה מדעסוי (רמבמ"ן) איז דורך איין צופאל פאר גיקומען דער בריף פאר דעם רב ר' צבי הירש הנ"ל, דער בריף איז גיוועזן גישריבין אויף ריינע לשון קודש מיט זייער א שיינעם לשון אונ מליצה אונ דאס איז דער אינהאלט פון דעם בריף בקיצור:

שוין צייט דרייא יאר וויא איך בין בייא דיר אין ברלין גיוועזן (אזוי שרייבט דער יודישער דייטש מיט דעם נאמען „זלמן מיימון", צוא דעם חכם ר' משה מדעסוי), פאר מיין אפ רייזין האבין מיר גישמועסט וועגין דיא יודישע רבנים וואס צווישין זייא איז נישטא איינער, דאס ער זאל האבין א אידייע אין חכמות מושכלות (קענטשאפט, דהיינו געאגראפיע, נאטור וויסענשאפט, אסטראנאמיע, אונ דאס גלייכין), זייא קענען נישט מער נאר גמרא מיט תוספות אונ פוסקים מיט פלפול, אויף שטייענדיג אונ לייגענדיג האבין זייא נישט מער צו טאן נאר מיט דעם תלמוד, דער נאך האבין מיר זיך גיזעגינט אונ איך בין גיפארין מיין וועג, אויפין וועג האב איך גיהערט פון פאר שידינע מענשין דאס אין ווילנא איז דא איינער ער הייסט מיטין נאמן ר' אליהו ער איז זייער איין גרויסער גאון אין תלמוד, חוץ דעם איז ער איין שרעקליכער חכם אין אלע וויסענשאפטען אפילו מעטאפיזיק פיזיק, מוזיק*) האט ער גילערינט, אונ דקדוק וואס קיין שום רב ווייסט

דער

---

*) דער גאון פלעגט זאגין אז מען קען אנדערש ניט פארשטיין דיא טראפ פון תנ"ך אונ דיא שירים וואס דיא לוים פלעגין שפילין אויף דעם דוכן אין בית המקדש אונ דיא סודות פון תקוני הזהר וואו מען זאל ניט לערנען דיא חכמת המוזיק. — דער מעתיק פון „ספר אקלידס" שרייבט אין זיין הקדמה בזה הלשון: בעת איך בין גיוועזן אין ווילנא בייא הגאון החסיד מו"ה אליהו נ"י בשנת תקל"ח, האב איך גיהערט מפיו הקדוש ווען עס פעלט דעם למדן ידיעות פון אנדערע חכמות פעלט אים לעומת זה הונדערט חלקים אין חכמת התורה הקדושה, ווארום דיא תורה מיט דיא חכמות זיינען גישלאסין צו זאמען, אונ ער האט אויף דעם גיזאגט איין שיינעם משל, אונ ער האט מיר, פאר זאגט איך זאל איבער זעצין וואס מיגליך איז חכמות אויף לשון

דער פון גאר נישט צוא זאגין קאן ער גאנץ גוט, נאר ווייל איך בין גוט באקאנט אין די בייזינדערסע שמועסין דאס זייער טבע איז מגזם צוא זיין איין זאך מיט וויפיל פראצענט מער וויא דער אמת פון דער זאך איז האב איך דאס גאר נישט גיוואלט איין הערין. וויא איך בין אבער אלס נעהענטער צוא ווילנא גיקומען האב איך דעם זעלבין שמועס גיהערט נאך שטארקער מיט מער גוזמות, נאר איך האב דאס שוין גיהערט פון קלוגע מענשין, האב איך מיך באמת זייער דער פרייט, אונ האב ביא מיר אין הארצין גיטראכט טאמער איז דאס דער מענש וואס איך זוך, אז עס זאל זיך גיפינען צווישין יודין אזוי אמענש דאס ער זאל זיין איין גדול בתורה אונ אלע וועלט וויסענשאפטין זאלין אים אויך באקאנט זיין, אזוי וויא עס איז גיוועזין פאריגע צייטין אין דיא דורות פון דיא תנאים. אונ חאטשע איך בין שוין נישט קיין יונגער מאן איך בין שיין אגרייז גראער מאן פון דעסט וועגין בין איך פון מיין זינען נישט צוא ריק גיפאלין אונ בין גיפארין ביז קיין ווילנא איך זאל זעהען דעם געטליכין מאן וואס די וועלט לויבט אים אזו, איך וויל אויך הערין אונ זעהען פון זיינע חכמות אפשר וועט ער מיר קאנען פאר ענפערין דיא שאלות אין דיא וויסענשאפטין וואס איך בין אין זיי מסופק, אויף דעם וועג האב איך אלס איין גיקערט אין אזו איין גאסט הויז פון פיל אורחים כדי איך זאל קאנען קומען אויף דעם אמת אויב עס איז כדאי מיין הוצאת וואס איך מאך פאר דער האנד גאר אומזיסט אונ דיא טירחא פון דעם וועג איז ביא מיר נאך מער גיוועזין וויא דיא הוצאה, ווייל די עלטער האט מיך גאר פון דיא פיס גיווארפין, וויא איך בין גיוועזין ווייט פון ווילנא נאך איין ערך פון פופצין מייל בין איך פארפארין אין איין גאסט הויז וואס דארטין האבין גינעכטיגט פיל סוחרים גרויסע לומדי תורה. וויא זייא האבין אבענד ברויט גיגעסין האבין זייא אין

מיטין

הקודש בבדי זייא זאלין פאר מערט ווערין צו וויסין ישראל מ״ן זאל קענען דורך זייא פאר שטיין דיא תורה הקדושה״ ע״ש. דרום האט דער גאון ז״ל אלע חכמות גילערינט אפילו הכמת הרפואה אונ נתוח אונ וואס עס איז שייך צו דעם האט ער אלץ גילערינט, אויך האט ער זיך גיוואלט לערנען פון דיא רופאי הזמן דיא צוא ריכטונג פון מעדיצין האט אויף אים זיין פאטער הצדיק גוזר גיווען ער זאל דאס ניט לערנען, כדי ער זאל ניט מבטל זיין פון תורה בעת ער וועט דארפין גיין צו קראנקע ראטעווען נפשות ווען ער וועט דאס וויסין צום גרונד.

מיטן עסן אן גיהויבן צו שמועסין דברי תורה אונ צווישן די תורות
האבין זייא גיזאגט חידושי תורה פון דעם ווילנער גאון וואס זיינען
באמת נאר אחידוש צו הערין . האב איך מיך נישט גיקאנט אויף
האלטין אונ בין צו גיגאנגען צום טיש אונ האב זייא דער ציילט
אז מיין איינציגע נסיעה איז גלייך קיין ווילנא ניט פון וועגן קיין שום
אנדער גישעפט נאר איך זאל זעהען דעם ווילנער גאון אונ זאל מיט
אים שמועסין אין לערנען אונ אין וועלט וויסענשאפטין , האבין דיא
אלע מענשין אן גיהויבן פון מיר צוא לאכין אונ שפעטין אונ האבין
מיר אזו גיזאגט . וויא קאנסטו דיך אונטער שטעלין צוא קומען צו
דעם היילינין גאון ווען דו גייסט ניט בדרך התורה . דיין בארד איז פר
פוצט , קיין פאות האסט נישט . דיין קליידונג איז דייטש , ווער וועט דיך
דען אריין לאזין צום גאון, וויא איך האב דיא רייד דער הערט איז
מיר פאר עגמת נפש גיווארין פינצטער אין דיא אויגין אונ די אויערין
האט מיר גיקלונגען, אונ האב פאר צרות דיא גאנצע נאכט נישט
גיקאנט שלאפין . אונ האב נאר גיקלערט עצות אונ תחבולות וויא
אזו איך זאל קאנען קומען צום גאון . איז מיר איינגיפאלין דאס איך
זאל גאר אין גאנצין פאר לייקענען ווער איך בין אונ זאל מיך אויס
נעבין פר דעם גאון דאס איך בין איין איטאליענער, איין רב פון פאדווי
אונ אלע רבנים פון איטאליע האבין מיר אויס ערוויילט פארין קיין ווילנא
צום גאון , וועגין אגרויסע דבר מצוה פקוח נפש דרבים אונ דעמאלט
וועט שוין דער גאון בוודאי מיט מיר שמועסין וועגין דעם ענין פון
דיא גרויסע מצוה . אונ האב מיך באלד אנידער גיזעצט אונ האב
אפ גישריבין פופצין פר שיידענע מליצה בריף פון די איטאליענישע
רבנים, אין יעדען בריף האב איך גיענדערט דאס לשון מיט דעם כתב
מיט דעם נאמען פון דער אונטער שריפט פון דעם רב . אונ מיך
אליין דעם אויס ערוויילטען פון אלע רבנים האב איך גירופין מיט
דעם טיטול, רב פון פאדווי „בעל מחבר ספר על שמות נרדפים“ . אונ
דעם אינהאלט פון דיא אלע בריף האב איך אזו גישריבין :

היות וויא עס איז יעדען גוט באקאנט וואס דיא קעניגרייך פון
איטאליע האט ארויס גיגעבין אגזירה דאס דיא יודין וואס ווערין נאר

מיט

מיט דעם נאמען יוד גירופין זאלין אוים וואנדערין פון גאנץ איטאליע מער ניט דער וואס וועט אן נעמען איטאליענישען גלויבין איז איס פרייא צוא פאר בלייבין אין איטאליע. האבין מיר אלע רבנים פון איטאליע איין עצה גיהאלטין מיר זאלין זוכין איין תחבולה מיר זאלין קאנען באווענין דיא מלוכה זיי זאלין די גזירה מבטל זיין. האבין מיר זיך בעשלאסין דאס מיר זאלין מאכין איין ביטע צום מלכות היות וויא דיא גאנצע שנאה וואקסט דאך נאר פון עניני הדת, בכן ווילין מיר אף האלטין איין וויכוח דהיינו מיר זאלין שטעלין איין גדול אונ דאס קעניגרייך איטאליע זאל אויך שטעלין איין גדול אונ דיא צווייא גרויסע חכמים זאלין איין וויכוח האבין אונ וועלכער פון דיא צווייא חכמים עס וועט מנצח זיין אזו זאל בלייבין, עס האט אונז זייער פיל געלט גיקאסט ביז מען האט דיא ביטע אן גינומען אונ מען האט זיא באשטעטיגט נאך אונזער וואונש, האבין מיר אן גיהויבין נאך צוא זוכין אין איטאליע מיר זאלין גיפינען אזו איין גדול איין חכם עתיק, ער זאל קאנען דעם וויכוח אפ האלטען לויט מיר האבין פערלאנגט, אונ מיר קאנען אזו איין מענש נישט גיפינען, — כהיום האבין מיר גיהערט דאס עס גיפינט זיך אין ווילנא דער גאון איין איש קדוש וטהור וואס דיא גאנצע וועלט קלינגט מיט זיין תורה אונ מיט זיינע וויסענשאפטין. האבין מיר אויף אים געווארפין אונזער אויס קוק, ער זאל זיין אונזער מלאך מושיע, נור וייל עס איז שווער אויף צוא געבין זייערע אלע אפיקורשיסע פראגין אפין פאפיר, האבין מיר אלע מסכים גיוועזן אוים ריכטין קיין ווילנא דעם רב פון פאדווי, ער איז אגרויסער משכיל וואס ווייס וויא ארוים צו געבין גרונטליך דיא זאך, אונ מיר אלע פאר לאנגען פון דעם ווילנער גאון דאס ער זאל מיט זיין גרוים חסד זיין אונזער העלפער, אונזער אוים לייזער, דאס מיר זאלין אונזערע שונאים קאנען מנצח זיין מיט דעם וויכוח, אונ מיר זאלין זייא קאנען בעווייזין אז נאר אונזער דת איז אמת, וכדומה וכדומה נאך זעלבע מליצות האב איך אין דיא בריף גישריבין. נאך דעם האב איך מיר דיא אלע בריף צוא זאמען גיפאקט אונ בין שון גיפארין גליך קיין ווילנא, וויא איך בין גיקומען

קיין

קין ווילנא האב איך מיך באלד גילאזט גיין צום גאון, וויא איך האב גיעפינט דיא טיר פון דעם פאר הויז אונ האב דער זעהין דאס ריינקייט אונ שיינקייט האב איך מיך פון דאס אליין משער גיוועזן אז ער איז נישט אזו וויא איינער פון דיא פולישע רבנים. דארט אין דעם פאר הויז האב איך גיטראפין איין מאן דער איז אלס וועכטער (אויפזעהער) גיוועזין, דאס דער איינגאנג צום גאון זאל ניט אזו פריי זיין, בין איך צו דעם מאן צוא גיגאנגען אונ האב אים גיזאגט איך דארף עפעס ריידין מיט דעם גאון. האט מיר דער מאן גיענטפערט בלייב דא זיצען אונ איך וועל אריין גיין צום גאון פרעגין אויב דוא זאלסט אריין גיין, האט זיך דער מאן איין היפשע ווילע פאר זאמט אונ איז ארויס געקומען אונ פרעגט מיך אין נאמען פון גאון וואס פר איין ענין איך האב מיט אים צו שמועסען, האב איך מיר געקלערט וואס האב איך מיט דעם שמש פיל צו ריידען אונ האב ארויס גענומען אויס מיין בוזעם דיא אלע כתבים אונ האב זייא געגעבין דעם שמש ער זאל זייא אריין טראגען צום גאון, אין ערך פון אפערטיל שעה האט זיך פלוצלונג גיעפינט דיא טיר פון דאס חדר פון דעם גאון האב איך גיזעהען דאס אנטקעגין מיר גייט איין פארכטיגער מאן אין טלית ותפילין אונ מיינע כתבים האלט ער אין זיין האנד אונ האט זיך געשטעלט ביי דער שוועל אונ אין דעם חדר וואו איך בין גיוועזין איז ער נישט אריין געקומען, שלום האט ער מיר נישט גיגעבען, זיינע אויגען האט ער נישט אויף געהויבען מיר צוא קוקען אין פנים אריין, אונ פרעגט מיר אויף לשון הקודש וואס זיינען זייערע שאלות? האב איך אים פאר געלייגט דיא ערשטע אפיקורשעסע שאלה אונ האב גוט אויף געשטעלט מיינע אויערין צוא הערין וואס ער וועט מיר ענטפערין, ער האט אקליין ווילע אטראכט גיטאן אונ מיר ניסט מער געזאגט נאר דאס ווארט „נוא" ? האב איך פאר שטאנען דאס ער הייסט ווייטער פרעגין האב איך אים אפ גיפרעגט אויף לשון הקודש דיא אלע שאלות (וואס זייער צאל וואר דרייא אונ זיבציג) אונ האב אים גיזאגט דאס איך האב שוין גיענדיגט אלע שאלות. וויא בין איך אבער אויסר זיך גיבליבין אז ער האט גיעפינט זיין פה

קדוש

קָדוֹשׁ מִיט חכמה אונ הָאט מִיר גִיזָאגְט אויף לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ זַיינֶע
שַׁאֲלוֹת וָואס דוּא הָאסְט אָפּ גִיצֵיילְט אִין דֶער צָאל פוּן דְרַייא אונ
זִיבְּעצִיג זַיינֶען נָאר פוּפְצֶעהֶען שַׁאלוֹת ווארום דיא עֶרְשְׁטֶע שַׁאֲלָה מִיט
דֶער זִיבֶּעטֶע אונ דְיָא פִינְף אונ צְוַואנְצִיגְסְטֶע מִיט דֶער זִיבְּין אונ
פֶערְצִיגְסְטֶע זַיינֶען נָאר אֵיין שַׁאֲלָה פוּן אֵיין עִנְיָן, אונ דֶעסְט גְלַייכִין
דִיא אונ דִיא מִיט דֶער שַׁאֲלָה זַיינֶען אויךְ פוּן אֵיין עִנְיָן, אונ אַזוֹ
הָאט עֶר מִיר צוּא זַאמֶען גִישְׁטֶעלְט דִי אַלֶע דְרַייא אונ זִיבְּעצִיג שַׁאֲלוֹת
אֵיין עִנְיָן צוּם אַנְדֶערִין אונ הָאט פוּן זַייא גִימַאכְט נָאר פוּפְצִין, אִיךְ
בִּין בְּעֵת מַעֲשֶׂה שְׁרֶעקְלִיךְ אִיבֶּר רַאשְׁט גִיוָוארִין פוּן זַיין גְרוֹיסֶע תְּפִיסָה
מִיט אַזַא הֵייכִין מוֹחַ אַז עֶר הָאט אִין אַזַא קְלֵיינֶע וַוייִלֶע דְרַייא אונ
זִיבְּעצִיג טִיפֶע עִנְיָנִים תּוֹפֵס גִיוֶועֶן אונ הָאט זַייא אָפּ גִיזָארְטִירְט יֶעדֶער
עִנְיָן צוּ זַיין גְלַייכִין אונ גִימַאכְט פוּן זַייא נוּר פוּפְצִין שַׁאֲלוֹת, עֶס אִיז
מַמָשׁ גָאר נִיט קֵיין מֶענְשְׁלִיכֶער שֵׂכֶל־קְרַאפְט נוּר אֵיין מַלְאָךְ, דֶער
נָאךְ הָאט עֶר מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט אִין קוּרְצֶע וֶוערְטֶער אֵיין תֵּירוּץ מַסְפִּיק
אויף אַלֶע שַׁאֲלוֹת, אִיךְ הָאבּ גִיהַאט אִין אָנְפַאנְגֶס וָואס צוּא פְרֶעגֶען
אויף זַיינֶע רֵייד, זָאג אִיךְ צוּם גָאוֹן, פִילַייכְט וֶועלִין אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים
פְּרֶעגֶען אויף דֶעם אַזוֹי אונ אַזוֹי? הָאט עֶר מִיר גִיעֶנְטְפֶערְט דוּא פַּר
שְׁטֵייסְט נִיט גוּט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גִיעֶנְטְפֶערְט, לֵייג גוּט צוּא דַיין
אוֹיעֶר אונ הָארְךְ אֵיין נָאךְ אַמָאל. — זָאלְסְט מִיר טְרוֹיעֶן מַיין פְרַיינְד
(אַזוֹי שְׁרַייבְּט דֶער דַייטְשׁ לְהחכם ר' משה מדעסוי) אַז עֶר הָאט נִיט
מוֹסִיף גִיוֶועֶן דֶעם צְוֵייטִין מָאל מֶער וִויא פְרִיעֶר, נוּר פְרִיעֶר הָאט עֶר
דָאס כּוֹלֵל גִיוֶועֶן גַאנְץ קוּרְץ אונ יֶעצְט הָאט עֶר מִיר בְּרֵייטֶער פַאר־
נַאנְדֶער גִירֶעט אָבֶּער נוּר דֶעם זֶעלְבִּיגֶען רַעְיוֹן וָואס פְרִיעֶר, יֶעצְט הָאבּ
אִיךְ פַאר שְׁטַאנֶען וִויא דוּרְךְ זַיינֶע קְלוּגֶע רֵייד בְּלַייבְּט נִיט אִיבֶּער
קֵיין הָאר פוּן דִיא אַלֶע שַׁאֲלוֹת, אִיךְ הָאבּ מִיר גִינוּמֶען זַיינֶע גִילְדֶערְנֶע
וֶוערְטֶער גוּט אִין זִין אַרֵיין זַייא זַיינֶען בַּייא מִיר גִיוֶועֶן גִישֶׁעצְט וִויא
דִיא טַייעֶרְסְטֶע בּוּרְלַאנְטִין. — וִויא עֶר הָאט גִיעֶנְדִיגְט זַיין תְּשׁוּבַת
אִיז עֶר צוּרִיק גִיגַאנְגֶען אִין זַיין חֶדֶר אונ הָאט צוּא גִימַאכְט דִיא טִיר
אונ זַיין פָּנִים הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גִיזֶעהֶען, מַיין הַארְץ הָאט זִיךְ אִין מִיר
נֶעוָוארְפֶען אַלֶע מַיינֶע אֵיבְרִים הָאבִּין גֶעצִיטֶערְט וָוארוּם עֶס אִיז אויף

מִיר

מיר געפאלען איין גרויסער פחד אז איך האב קוים גיקענט שטיין
אויף דיא פים. וויא איך האב מיך גילאזט אוועק גיין הער איך דאס
דער גאון אליין מיט זיין קול רופט מיך ווידער אויף לשון הקודש
אונ פרעגט מיר, „דוא האסט מחבר גיוועזן איין ספר אויף שמות
הנרדפים"? האב איך מיך זייער דער פרייט אונ האב ביא זיך
געקלערט איצונד וועל איך שוין קאנען זעהען זיין ליכטיגע צורה אז
ער וויל מיט מיר אביסיל ריידין, האב איך אים גיענטפערט יוא, איך
האב דאס ספר מחבר גיוועזן. זאגט דער גאון צוא מיר אז עס איז
יוא אזו, פאר לאנג איך פון דיר זאלסט מיר זאגין דעם חילוק פון
דיא לשונות. ששון. שמחה. גילה. רנה. דיצה. חדוה. וואס מיר
גיפינען אין תנ"ך. ערקלער מיר וואס פאר איין ענין פרייד איז דאס
לשון שמחה. אונ וואס פאר איין ענין פרייד איז דאס לשון ששון.
אונ אזו דעקט גלייכין דיא אלע לשונות, האב איך אים גיזאגט
יעדעס ענין פרייד פון דיא אלע לשונות, וויא נאך מיין מיינונג נאך,
זאגט דער גאון צוא מיר דאס ענין פון לשון „דיצה" האסטו מיר פאר
געסין צוא זאגין, האב איך אים גיענטפערט „דיצה" איז ניט טייטש
פרייד אין לשון קודש, האט ער מיר גיזאגט וויא פאלקסטו אוים מיר
געפינען דאך איין פסוק אין איוב (לפניו תדוץ דאבה) האב איך
גיענטפערט דיא בעלי הפשט טייטשין דעם ווארט „תדוץ" ארויין שטעקין
וויא דער לשון חכמים „דץ בי' מידי". — זאגט ער צוא מיר שטייט
רש"י ז"ל טייטשט דאך דאס ווארט „תדוץ" פרייד, האב איך אים
גיענטפערט רש"י האט אויך נישט גיטייטשט מיט דעם אמתען פשט,
וויא איך האב דאס אוים גירעט האב איך באמערקט אז ער איז פאר
ציטערט געווארען הערענדיג מיינע רייד, האט ער מיר ווידער גיזאגט
מיט אשטורימדיגע מינע, אונזערע היילינע חכמים בעלי המדרש האבין
געזאגט צעהען לשונות פון פרייד געפינען מיר, אונ רעכענען דאס
לשון דיצה אויך צווישען דיא צעהען? האב איך אים גיענטפערט
דאס איז יעדען בעקאנט אז דיא בעלי המדרש גייען אויך נישט מיט
דעם אמעתן פשט, הערענדיג מיינע רייד איז ער פערציטערט געווארען
אונ האט זיך אפ גיקערט פון מיר אונ איז אריין צוא זיך אין חדר

אונ

אונ איך האב מיך אויך געלאזט גיין אויף מיין קוואטיר איך זאל מיך אביסיל אפ רוען פון די פחדים אונ שרעקען וואס איך בין דא אויס געשטאנען , וויא איך גייא אזוי מיט דעם וועג זיינען געקומען צווייא מלאכי חבלה (ב"ד שמשים) אונ זאגין צוא מיר קום דוא מיט אונז צום בית דין דארטען זיצען די מנהיגים פון שטאט, מען דארף דיך עפעס דארטען האבין , האב איך צוא זייא געזאגט וואס האב איך דא אין שטאט וועסען געטאן , וואס איז מיין זינד וואס איר רופט מיר צום בית דין אונ צוא די ראשי הקהל, האבין מיר די מלאכי חבלה געזאגט קום נאר מיט אונז וועסטו שוין וויסען פון דיינע זינד , איך האב מיך גוט בעטראכט איך בין אין איין פרעמד ארט איך קאן ניט באשטיין אנטקעגין די צווייא גרויסע אונ געזונטע מלאכי חבלה זייא מוזין בודאי זיין פון די בני ענק בין איך גיצוואונגען גיוועזן מיט זיי צו גיין, איינער איז גיגאנגען אין מיין רעכטע האנד אונ דער צווייטער אין מיין לינקער האנד ביז זיי האבין מיך גיבראכט פאר די זקנים. וויא איך בין אריין געקומען האב איך גיזעהען דאס עס זיינען גיזעסען זיבין זקנים אלע אין טלית ותפילין האט זיך באלד איין זקן פון זייא אויף געשטעלט אונ זאגט צוא מיר , דוא ביסט דאס דער וואס האט אויס געלאכט די חכמי המדרש אונ די רייד פון רש"י ז"ל? האב איך אים גיענטפערט חלילה איך האב נישט געלאכט אונ גישפעט פון קיינעם, האט דער זקן ווידער צו מיר געזאגט, וואס האסטו געזאגט בייא דעם גאון אין הויז? האב איך גיענטפערט איך האב געזאגט וויא דער אמת איז , אז די חכמי המדרש טייטשין נישט די פסוקים מיט דעם אמתען ריכטיגין פשט, האט דער זקן איין וואונק געטאן מיט זיין פינגער צוא די צווייא מחבלים האבין זייא מיך אריין געפירט אין איין אנדער חדר אונ האבין זיך מיט מיר פאר זאמט איין ערך פון אהאלבע שעה , דער נאך האבין זייא מיך ווידער צריין געפירט פאר די זקנים האט זיך דער זעלבער זקן ווידער אויף געשטעלט אונ האט מיר פאר גילעזען מיין פסק בית דין , דאס מען זאל מיך שלאגען פערציג מלקות אזוי וויא דער דין איז פון דעם וואס איז מבזה איין תלמיד חכם.

האבין

האבין מיך דיא צוויא מלאכי חבלה ווידער גענומען אין איין חדר אריין אונ האבין מיר אפ געציילט ניין אונ דרייסיג קאנטשיקעס, די מלקות זיינען אבער נאך ווייניג גיוועזן האבין זייא מיך צוא געפירט ביז דער גרויסער שול אין ווילנא. אונ האבין מיך אריין גישטעלט אין דער וואנד וואס איז דא אין איר איין חלל לויט דיא גרויס פון איין מענש אונ אונטער מיין בארד אויף דעם האלז האבין זייא מיך דארטין פר שלאסין מיט איין אייזערנעם קייטיל, דאס אָרט רופט זיך „קונע", העכער פון מיין קאפ האבין זייא אויף געקלעפט איין צעטיל וואס אויף אים איז גיוועזן געשריבען „דר מענטש ווערט בעשטראפט ווייל ער האט געשפעט אוים דיא רייד פון דיא חכמים". אונ יעדער וואס איז געקומען אין שול אריין מנחה דאווענען האט זיך אנטקעגן מיר געשטעלט אונ האט מיר גיזאגט דיא צוויא טייערע ווערטער „פושע ישראל" דער נאך האט ער מיר אן געשפייגען אין פנים אריין אונ איז אריין אין שול דאווענען, איך בין שיר אין דעם שפייעכץ פאר טרונקען געווארען, ווארום ווילנא איז ניט אזו וויא ברלין, אין ווילנא איז זייער פיל יודען דא אונ היטין אפ דאס דאוונען ניין, פון קליין ביז גרוים, נאך מנחה האבין מיר דיא זעלבע צוויא שמשים פרייא געלאזען פון דער קונע אונ האבין מיר באגלייט ביז אונטער דער שטאט, דער נאך זיינען זייא זיך געגאנגען זייער וועג. אונ איך בין מיר געגאנגען מיין וועג, איצונד מיין ליבער פריינד בעטראכט נאר גוט דעם בריף חאטשע איך האב דיר דא ענדעקט פון מיינע בזיונות וואס איך האב געהאט פון דעסט וועגען דער צייל איך דיר דעם אמת אונ זאג דיר אז וויא דיא וועלט איז גרויס פון איין עק ביז צום אנדערען געפינט זיך בודאי נישט אזו אגרויסער מאן אונ אזו איין חכם וויא דער ווילנער גאון איז:

דאס ענוות פון דעם גאון איז גיוועזן חוץ לדרך הטבע, ער האט זיך געלאזט לערנען אפילו פון אקלענערין פון זיך, ווען הרב ר' מנחם אליעזר האט מהבר גיוועזן זיין ספר „עיר קינו" איין פירוש אויף משניות מסכת קנים. איז ער דעמאלט נאך גאר איין יונגער מאן גיוועזן, איז ער מיט דעם חיבור געקומען צום גאון עד זאל אים מסכים זיין

אויב

איבּ עס איז גוט געמאַכט געוואָרען מיט אֶמֶתֶע פְּשָׁטִים . האָט אים דער גאָון געזאָגט ער זאָל דעם חיבּור לאָזין בּייא אים איבּער נאַכט וועט ער אין אים אַריין קוקען , אונ וויא דער גאָון האָט דער זעהען אַז דאס איז זייער איין גוט פּירוש מיט אמתע פּשׁטים האָט ער דאס חיבּור זייער מְחַבֵּב גיוועזען אונ האָט אים די גאַנצע נאַכט גילערינט,נאָך פריא איז ר' חיים וואלאזענער געקומען צום גאון ה'את אים דר גאון געזאָגט עפּעס האָט מיר גיטרעמט אויף דער נאַכט איין יונגער מאַן געבּראַכט איין חיבּור אויף מסכת קנים איז דאס חיבּור נאָר איין חידוש נפלא מען האָט אים מן השמים מזכה גיוועזען דאס חיבּור צוא מאַכען אויף אַזוי איין שׁווערע מסכת , וואס דיא קדמונים האָבּין ניט געקאָנט קומען אויף דעם אֶמֶתֶן פּשט, וואָרום דאס איז בּאמת זייער איין שׁווערע מסכת . איז ר' חיים געשׁווינד געגאַנגען אונ האָט דער ציילט צוא ר' מנחם אליעזר וואס דער גאָון האָט אויף זיין חיבּור געזאָגט . וויא ר' מנחם אליעזר איז געקומען אָפּ נעמען דאס חיבּור האָט אים דער גאון גיגעבּען דאס חיבּור אונ האָט קיין וואָרט גיזאָגט גוט אָבּער שׁלעכט, כּדי ער זאָל ניט בּאַקומען קיין גדלות מיט זיין חיבּור :

בּאלד נאָך דעם גאונים חתונה איז ער אַמאל געפאָרען צו זיין שׁווער קיין קידאַן אונ האָט זיך דאָרטען פאַר האַלטען עטליכע וואָכין, האָט זיין שׁווער גענומען איין ספר תורה פון דער שׁול אונ האָט בּייא זיך גימאַכט אַמנין לכבוד דעם טייערין איידעם , דעם אַנדערין פרייטאג איז דער גאון געגאַנגען פון בית המדרש מיט צווייא יונגע לייט איז אים אויף איין.אָרט עפּעס דער עירוב ניט גיפעלען געוואָרען האָט איין יונגער מאַן אונטער געשׁפּרונגען אונ האָט דעם עירוב אָפּ גערי‍סען . וויא דער רב פון קידאַן האָט פון דער זאַך גיוואר גיוואָרין האָט ער געשׁיקט דעם שׁמשׁ ער זאל אָפּ נעמען דאס ספר פון דעם גאונס שׁווער,ער זאל בּייא זיך ניט מאַכען קיין מנין אונ דער גאון האָט זיך גאָר ניט ווי‍סענדיג געמאַכט אונ האָט קיין וואָרט גירעט, אַדרבּא זיין שׁווער האָט געוואָלט בּעוויי‍זען זיין גבורה האָט אים דער גאון ניט געלאָזט אונ איז געגאַנגען דאַווענען אין דעם בּית המדרשׁ וואו דער רב האָט געדאַווינט, נאר גליך וויא עס וואָלט קיין זאך

ניט

ניט געווען . — וויא דער רב האט אבער געזעהען זיין דאוונען זיינע מעלות אונ זיינע מדות האט ער זונטאג גאנץ פריא מיט דעם שמש צוא ריק געשיקט דאס ספר אונ האט אים רשות געגעבען ער זאל ביא זיך אמנין מאכען אזו וויא פריער :

דער גאון האט געהאט איין תלמיד פון זיינע תלמידים דר האט געהייסען ר' שלמה (אב"ד דוולקאמיר) דיזער ר' שלמה איז געוועזען איין גאון עולם בנגלה ובנסתר אונ ער איז נפטר געווארען נאך ביא דעם לעבין פון דעם גאון . אין עטליכע יאר ארום נאך זיין פטירה האט אים זיין זון געזעהען אין חלום . האט זיך אים געדאכט דאס ער פרעגט אים זאג מיר מיין ליבער פאטער וויפיל יאר עס איז שוין וויא דוא ביסט נפטר געווארען האב איך דיך ניט געזעהען אין חלום ביז איצונד , האט אים ר' שלמה זיין פאטער געענטפערט ווייסטו מיין קינד פאר וואס דאס איז, ווייל דער אויר פון דיזער וועלט איז זייער ניט ריין פון דיא עונות פון דור . איז זייער שווער פאר דער נשמה דורך צוא גיין דעם אונריינעם אויר עס זאל זיך אין איר עפעס נישט מתדבק זיין אונריינינקייט , דו וואלסט מיר איצונד אויך נישט געזעהען נאר איך בין געשיקט געווארען אין שליחות פון דער ישיבה של מעלה צוא מיין רבי צום הייליגען גאון, ער מאטערט זיך צו פאר שטיין איין מאמר אין סתרי תורה האט מיר דיא ישיבה של מעלה מוסר געוועזען דעם סוד פון דעם מאמר אונ האבין מיר געשיקט איך זאל גיין צום גאון אונ זאל אים מגלה זיין דעם סוד, אונ מען האט מיט מיר מיט געשיקט מלאכים זאלין מיך אפ היטען איך זאל חלילה נישט פאר אונריינגט ווערין פון דעם אויר . בין איך אין איין וועג צוא דיר געקומען געוואר ווערין וואס דוא טוסט . אין דער פריא איז דער יונגער מאן אויף געשטאנען אונ איז געפארען קיין ווילנא צום גאון ער זאל אים דר ציילין דעם חלום . וויא ער האט אוים דר ציילט דעם גאון דעם גאנצין חלום האט אים דער גאון געזאגט אז דו וועסט שוין מעהר דיין פאטער ניט זעהען אין חלום . (וויא עס ווייזט אוים האט דער גאון מקפיד געוועזען וואס דער ר' שלמה האט מגלה געוועזען דעם ענין פון זיין שליחות , ווייל מחמת זיין גרוים ענוה

האט

האט ער אלס געוואלט זיין בצניעות עס זאל ניט נתגלה ווערען זיין גרויסקייט) :

אווילנער גדול ז"ל האט דער ציילט דאס דער גאון ז"ל פלעגט אין זומער צייט אפט ארויס פארין אונטערין שטאט אויף איינצע וואכין . אונ געוויינליך פלעגט ער פארען צו אזוי איינעם וואס ער האט איהם געקאנט פיר איין פרומען אידען . איז ער אמאל פאר פארען צו איין ישובניק וואס ער האט געהאלטין איין קרעצמע אויף דעם גאשצעניץ (פאצטאווען טראקט). אין דיא צייט וואס דער גאון ז"ל האט דארט סטאנציע געהאלטין איז זיך פאר פארין אהין אין קרעצמע אגרויסער סוחר מיט אסך פורען סחורה . מיט מענשין פריקאזציקעס , פורמאנעס . דען דאנמאלס איז נאך קיין באן ניט גיוועהן . דיא אורזאך וואס דער סוחר איז אהין פאר פארין איז ניט וויל דארטען איז גיוועהן אקרעצמע . נור וויל גראדע אין דיא צייט איז גיוועהן אשלעכטע וועג, דיא וועגין מיט דיא סחורה האט מען געמוזט במעט אליין פירען . דער סוחר זעלבסט איז גינאנגען פיל מייל צו פוס , אין אזוי אשלעכטען וועטער אז ער איז קאם גיקומען צו דיא קרעצמע וואס דער גאון ז"ל האט דארט געלאזירט . ווייא דער סוחר איז אריין אין קרעצמע האט ער מיט קיינעם ניט גירעט אונ איז גליך אריין אין דיא סטאנציע וואו דער גאון ז"ל האט דארט גילערענט אונ האט געפונען איין בעטיל , האט ער זיך געלייגט שלאפין אונ האט שטארק איין געשלאפען אונ דער גאון ז"ל איז גראדע ניט גיוועהן אין סטאנציע אויף דיא וויילע . דיא מענשין פון דעם סוחר האבין בעמערקט אז דער סוחר איז ניטא האבען זייא אנגעפאנגען צו זוכען אים . זייא האבען אים געזוכט אין אלע סטאנציעס זייא האבען אים ניט געפונען , זייא האבין געוואלט זוכען אין דיא סטאנציע פון גאון ז"ל האט דער קרעצמער ניט גילאזין . אונ דער קרעצמער זעלבסט האט אויך ניט געוואוסט אז דער סוחר שלאפט דארטין . דער קרעצמער האט אבער גערארפט זעלבסט אריין גיין אין דיא סטאנציע פון גאון ז"ל . ער בעמערקט דאס דער סוחר שלאפט אויף דיא בעטיל פון גאון ז"ל . דער קרעצמער איז

ווארין

וואַרין זייער דער שרעקען (ווייל דער קרעצמער איז אויך געוועזען איין גרויסער מאַן האָט ער פאַר שטאַנען דיא גרויסקייט פון גאון ז"ל. אַז אַפילו דיא בעטיל איז אויך טהור אַז איין אַנדערער טאָר ניט שלאָפען אויף איר. אַזוי וויא דיא גמרא (ברכות דף י"ד) דרשת אויף דעם פסוק כי איש אלקים קדוש הוא (בייא אלישע הנביא) אַז זיין בעטיל איז אויך געוועזען היילינ) האָט ער אָן געהויבען מיט שרעק צו וועקען דעם סוחר. דער סוחר האָט זיך אויפגעוואַכט ער בעמערקט דער גאון זיצט אונ לערינט. דער סוחר איז געפאַלען צו דער ערד פון גרויס שרעק, עס האָט זיך פאַר געשטעלט דאס ער איז אין יענעם עולם (דען דאָס איז דאָך זעלבסט פערשטענדליך דאס בעת דער גאון האָט געלערענט איז אין דעם אָרט געוועזען מעין עולם הבא). דער גאון האָט דאס דער זעהן האָט ער מיט זיינע גרויסע ענויות עם געשטאַרקט אונ זאָגט צו אים, שרעקט אייך ניט וואָס האָט איר פיר דען געטאָן וואָס איר שרעקט אייך. דער סוחר איז עט וואָס מיט דיא צימליכע רייד צו זיך געקאָמען. נאָך דעם וויא דער סוחר האָט בעמערקט דיא ענויות פון גאון. איז בעת דער גאון איז געוועזען עט וואָס רוהיג פון לערנען, צו בעת ער האָט געגעסין, צוא בעת ער האָט אָן געהויבען אַרוים צו גיין אַוויילע פון דער סטאַנציע. איז דער סוחר מיט פחד צוא געגאַנגען צום גאון אונ פרעגט מיט דיא ווערטער, „רבי ומורי, איך וועל האָבען עוה"ב“? זאָגט דער גאון צו אים, אונ עוה"ז האָסטו? זאָגט ער ניין. זאָגט דער גאון וויא אַזוי ניין? דו ביסט דאָך אַגרויסער סוחר אַגרויסער גביר, דוא האָסט אַזו פיל געשעפטין האָסטו דוא דאָך געוויס עולם הזה. זאָגט דער סוחר ניין רבי ומורי, גראַדע פאַרקערט איך האָב גאָר קיין עולם הזה, דען איך בין שטענדיג אין דער היים ניטאָ. נאָר אין דער וועגינם צוא עס שטייט דאָך ענה בדרך כוחי, אין אַזעלכע וועטערין וויא איצטער אַז מען דאַרף פאָרין אין פעלדער אין וועלדער. אונ נאָך צו כום אויך פיל מייל איז גאָר קיין עולם הזה. נוא זאָגט דער גאון ז"ל צום סוחר וויא פאַר לאַנגסטו עולם הבא, אַז אויף עולם הזה וואָס דוא האָרעוועסט אַזוי פיל אום צו האָבין עולם הזה

דָאס הֵייסְט דוא הָארֶעוֶועסְט דַיין גַאנְצִין לֶעבִּין צוּ זַיין אַגְבִיר בִּכְדֵי דוא זָאלְסְט הָאבִּין עוֹלָם הַזֶה אוּנ דוא הָאסְט נִיט . בֶּעמֶערְק זֶע אַז אוֹיף עוֹלָם הַבָּא וָואס דוא הָארֶעוֶועסְט גָאר נִיט וִויא אַזוֹ וֶועסְטוּ הָאבִּין עוֹלָם הַבָּא . אַז מֶען הָארֶעוֶועט נִיט הָאט מֶען אַוַדַאי נִיט , וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין מסכת מְגִילָה (לא יגעת ומצאת אל תאמין) דָאס הֵייסְט נִיט גֶעהָארֶעוֶועט אוּנ צוּ הָאבִּין אִיז נִיט צוּ גְלוֹיבִּין נָאר (יגעת ומצאת תאמין) וֶוען דוא וֶועסְט הָארֶעוֶוען אוֹיף עוֹלָם הַבָּא וֶועסְטוּ הָאבֶּען גֶעוִוים .

**יעצט וֶועלין מיר שרייבען איינגע סיפורים פון דיא תלמידים פון גאון ז"ל .**

הרב ר' הירש חסיד אַיין תַּלְמִיד מוּבְהָק פוּן דֶעם גָאוֹן אִיז אַמָאל גִיקוּמֶען צוּם גאון הָאט עֶר אִים גִיטְרָאפֶען דָאס עֶר אִיז גִיזֶעסֶען בַּיין טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנ הָאבֶּען גִיגֶעסִין אַיין סְעוּדַת מִצְוָה , נָאר דֶער ר' הירש הָאט גִיזֶעהֶן אַז דָאס אִיז עֶפִּיס אַיין אָרִימֶע סעודה אוֹף דֶעם טִישׁ אִיז גָאר וֵוייניג דָא וָואס צוּא עֶסִין . וִויא ר' הירש חסיד אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען הָאבֶּען זַיינֶע חֲבֵרִים אִים גִיבֶּעטֶען מִיט שְׁפַּייזִין מִיט זַייא . זָאגְט ר' הירש גַיין אִיךְ טָאר נִיט עֶסִין וַוייל דֶער דָאקְטֶער הָאט מִיר אַזוֹי פַאר זָאגְט . זָאגְט דֶער גָאוֹן צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים וֵוייסְט אִיר וֶועלְכֶער דָאקְטֶער עֶס הָאט אִים פַאר זָאגְט . זַייעֶר אַיין גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער דֶער הֵיילִיגֶער רמב"ם ז"ל (וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַיין דָאקְטֶער בַּייא דֶעם מֶלֶךְ מִצְרַיִם) דוּרְךְ דֶעם טַעַם וָואס דִיא גמרא זָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסִין פוּן אַיין סְעוּדָה וָואס אִיז נִיט מַסְפִּיק צוּ דִיא וָואס זִיצִין פְרִיעֶר בַּיי דֶעם טִישׁ . אוּנ דֶער רמב"ם בְּרֵיינְגְט דֶעם דִין אִין זַיין סֵפֶר לְהַלָכָה אוּנ פַּסְקִינְט טַאקֶע אַזוֹי אַז עֶס אִיז אַיין אִיסוּר גָמוּר . ר' הירש הָאט רֶעכְט אוּנ הָאט זֵייעֶר גוּט גִיטָאן וָואס עֶר הָאט דִיא זַאךְ גִיזָאגְט פַאר שְׁטֶעלְט , אַזוֹי גִיהֶער יֶעדֶער מֶענְשׁ צוּ טָאן מְקַיֵים צוּ זַיין דברי חכמים מִיט צְנִיעוּת כְּדֵי עֶס זָאל נִיט אוֹים ווייזֶען וִויא גַדְלוּת :

אוֹיךְ הָאט דֶער גָאוֹן גִיהַאט אַיין תַּלְמִיד מוּבְהָק פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים עֶר הָאט גִיהֵייסֶען ר' שלמה מָאהלִיוֶוער דֶער אִיז גִיוֶוען אַגָאוֹן עוֹלָם, זַיין יראת שמים בַּייא זַיין לֶערְנֶען אוּנ דַאווֶנֶען אִיז גָאר

נישט

נישט צום בעשרייבן. ער פלעגט לערנען תורה לשמה מיט ארימע אונ רייכע קינדער גלייך אונ האט פון קיינעם ניט פאר לאנגט קיין שכר לימוד. אים האט אוים געהאלטען מיט זיין גאנצע פרנסה איין מאהליווער גביר ר' אהרן לוריא ער וואר אמופלג בתורה אונ אנדיב. אמאל האט דער ר' אהרן פערלאנגט פון דעם ר' שלמה ער זאל מיט זיין זון באזונדער לערנען אלע טאג איין שיעור קבוע. האט אים ר' שלמה געענטפערט מיט איין גרויסען ברען, צו דען וויל דיין קינד גייט אן גיטאן אין אפוקסען פוטעריל זאל איך דורך דעם מבטל זיין דעם שיעור פון דיא ארעמע קינדער. ביא מיר איז ארעם אונ רייך אלעם גלייך, אונ האט גאר נישט נושא פנים געוועזין דעם ר' אהרן וואס ער האט פון אים ממש דיא גאנצע פרנסה געהאט.—אמאל איז דער ר' שלמה קראנק געווארין אונ האט בעקומען איין גרויסען מיחוש האט ער גימוזט פארין קיין ווילנא צו דיא גרויסע דאקטורים זיך היילען, איז מיט אים איינער פון זיינע תלמידים מיט גיפארען ער זאל אים אויף דעם וועג באדינען, אויף דעם וועג האט דער ר' שלמה מקבל געווען נדבות פון דיא ראנדארעס, ווארום ער האט דאך באמת גידארפט האבין אויף הוצאות אונ אויף רפואות.— אמאל זיינען זייא גיקומען אין איין קרעטשמע ארין דער ראנדאר איז ניט געוועזין אין דער היים, האבין זייא דארט גענעכטיגט, אין דער פריא האט דיא ראנדארקע געגעבין זיין תלמיד איין שיינע נדבה אונ זייא זיינען פון דארט אוועק גיפארען, ווייא זייא זיינען שוין אפאר מייל איין גיפארין האט זיך דער ר' שלמה דער מאנט אונ פרעגט צו זיין תלמיד וואס איז דיא מעשה וואס מיר האבין ניט גיזעהן דעם בעל הבית פון דער קרעטשמע וואו מיר האבין גינעכטיגט? זאגט דער תלמיד איך האב דיא ראנדארקע גיפרעגט אויף איר מאן האט זיא מיר גיזאגט דאס ער איז ערגעץ אויף איין יריד אוועק גיפארין, האט אים באלד ר' שלמה גיפרעגט האט דיר אפשר דיא ראנדארקע עפעס איין נדבה גיגעבין, זאגט דער תלמיד יע, זיא האט מיר אפילו זייער איין שיינע נדבה גיגעבין לויט איין יודענע אליין, האט דעם ר' שלמה ממש איין ציטערניש אן גיהאפט אונ זאגט צו דעם

תלמיד

תלמיד נעם גיך איין [illegible]ד און לויף צוריק צו דער ראנדארקע און גיב איר אפ דיא נדבה וואס זיא האט דיר גיגעבין . דוא האסט פאר געסין וואס דיא גמרא זאגט אין סוף מסכת בבא קמא אז מען מעג נעמען א נדבה פון דיא ווייבער (אן דעם מאנס ידיעה) נאר איין קליינעקייט, אבער ניט א גרויסע זאך, האט דער תלמיד אין מיטען וועג זיך געשטעלט מיט דער פוהר און האט אויס גישפאנט איין פערד און איז גילאפען צו ריק ביז אין דעם דארף אריין און האט דער ראנדארקע אומגיקערט דיא נדבה וואס זיא האט אים גיגעבין :

איין שיינע וואונדערליכע מעשה וועגין ענטפערין אמן (איבער זעצט פון ספר „מוסר ודעת" פון דעם אלטין שטאט מגיד הרב ר' זאב וואלף ז"ל) .

אין גאונס צייט וואר איין געטליכער מאן מו"ה ר' ליב חסיד (פון שטאט טעלז) וואס ער איז גיוועזן מפורסם מיט זיינע הייליגקייט און פרישות והחסידות אז עס איז גאר ניט אויס צו שרייבען . דער גאון ז"ל פלעגט זאגין אז דער ר' ליב איז איין נשמה אן אגוף (אנדערע זאגין אז ער וואר איין תלמיד מובהק פון דעם גאון ז"ל) דיזער ר' ליב איז גיוועזן א גרויסער אביון און א גרויסער בעל מטופל . און מחמת זיין גרויס צדקות האט ער ניט גיוואלט זיין צוא לאסט קיינעם און האט ביי קיינעם גאר נישט גינומען און איז זיך אויס גיקומען קאם בצמצום . נור בעת ער האט בדארפט אויס געבין איין טאכטער איז ביי אים שוין גיוועזן א גישטעלטער פרייז פיר הונדערט גילדין אויף נדן מיט הוצאות און מער ניט . פלעגט ער ארויס פארין צוא זיינע רייכע קרובים און וויא דיא פאמיליע פלעגין נאר דער הערין אז ער פארט פלעגין עס שוין די גבירים ארויס פארין אנטקעגין און יעדער האט זיך גיהיילט וואס פריער אויס חאפין דיא מצוה מהנה זיין אים מיט דיא פיר הונדערט גילדין און וועער עס האט זיך מקדים גיוועזן דער האט זוכה גיוועזן דיא מצוה, און וויא ער האט שוין גיקראגין דיא פיר הונדערט גילדין האט ער שוין בשום אופין ניט מקבל גיוועזן מער פאר קיין פאל אויף דער וועלט ניט . איין מאל זאגט ער צוא זיין ווייב ער בדארף מאכין א רייזע . האט זיא אים גיבראכט זיין שטענדיגין בעל עגלה וואס ער פלעגט ע"פ רוב

מיט

מיט אים פארין אונ איז אוועק גיפארין . פרייטיג פאר האלבין טאג איז ער גיקומען אין וואלקאמיר זאגט דער ר' ליב צום בעל עגלה מיר וועלין דא שבת האלטין . (דאס איז גיוועזן דער ערשטער שבת נאך שבועות וואס דענסט מאל זיינען די טעג גרויס) זאגט דער בעל עגלה מיר קענען נאך היינט היפשע איין פארין אונ מיר וועלין נאך קומען ציטליך אין אשטאט אויף שבת . זאגט ר' ליב צום בעל עגלה לויט די חכמים ז"ל שרייבען אין דער גמרא איז שוין ניט רעכט צו פארין מער . קורץ זייא זיינען אין ווילקאמיר שבת גיבליבין ער איז גיקומען פון מרחץ אונ האט אן גיטאן זיינע בגדי לבן לכבוד שבת אונ איז גיגאנגען אין שול נאך האלבין טאג . דענסט מאל איז אין וואלקאמיר גיוועזן רב דער גרויסער גאון וצדיק ר' רפאל המבורגער אונ האט דארטין גיהאלטין אישיבה אויך . אישיבה בחור זעט אז אמענש אן גיטאן אין בגדי לבן גייט אין שול אזוי פריא (זומער זייער איינס) איז אים אגרויסער חדוש גיוועזן איז ער אים נאך גיגאנגען ביז אין שול דער חסיד ר' ליב האט אן גיהייבין צוא זאגין לאנגזאם שיר השירים מיט קדושה וטהרה אונ גרויס התלהבות אז דער בחור איז אויסער זיך גיווארין פון זיסקייט אונ גישמאקייט אונ עס איז אויף אים איין גיטליכע פארכט גיפאלין . ער האט זיך קיין עצה ניט גיקענט געבין . גיין אן זאגין דעם רבין אונ די חברים זאלעוועט ער אוועק צוא ווארפין אויף אוויילע אזא הימלשין פאר-גינינגען . ניט גיין איז דאס ניט קיין דרך ארץ צוא פאר מיידין אזא פארגניגען פון רבין אונ פון די חברים . גישווינד וויא אפויגיל איז ער אריין גיפלויגין אין דער ישיבה אונ זאגט „ליבע ברידער איר ווילט זעהן אגליקליכע לעבין אונ פארזוכין עט וואס דעם גישמאק פון עולם הבא קומט מיט מיר . וועט איר זעהן". זייא זיינען מיט אים מיט גיגאנגען אין שול אונ אוועק גישטעלט זיך פון ווייטין עס איז זייא ממש ארויס די נשמה פון גישמאקייט, פון זיסקייט אונ פון דעם צדיקס הייליגקייט .

נאך דעם רופין זייא זיך אב איינע צוא די אנדערע מיר טוען אום רעכט מיט דעם וואס מיר גיבין ניט קיין ידיעה אונזער

רבין

רַבִּין . זַייא הָאבִּין גִיוָוארְפִין גוֹרָל צוּ ווִישֶׁען זִיךְ אִיז אַרוֹיס דֶער גוֹרָל אוֹיף אֵיינֶעם עֶר זָאל גֵיין אַיְדִיעָה גֶעבִּין דֶעם רֶבִּין . דֶער ר׳ רפאל הַמְּבוֹרָגֶער הָאט פַאר שְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז נִיט קֵיין פְּשׁוּטֶע זַאךְ . זַיינֶע תַּלְמִידִים וָועלִין אִים נִיט מַטְרִיחַ זַיין אוּמְזִיסְט . אִיז עֶר מִיט זַייא מִיט גִיגַאנְגֶען אִין שׁוּל . ווִיא עֶר הָאט דֶער הֶערְט זַיין שִׁיר הַשִּׁירִים , זָאגְט עֶר צוּא דִיא תלמידים „קִינְדֶער אַשְׁרֶעקְלִיכֶעס שְׁטִים קְלִינְגְט אִין מַיינֶע אוֹיעֶרִין, דָאס אִיז נִיט קֵיין מֶענְשִׁין גִיזַאנְג נוּר עֶנְגֶעל גֶעזַאנְג . דָא שְׁטֵייט פַאר אוּנְז אַיין מַלְאָךְ אִין דִיא גִישְׁטַאלְט פוּן אַמֶענְשִׁין“ . קוּרְץ דֶער פוּן דֶער צַדִּיק זָאגְט זִיךְ שִׁיר הַשִּׁירִים אוּנ זַייא שְׁטֵייעֶן אַלֶע פוּן ווַייטִין פַארְטִיפְט אִין דִיא גִישְׁמַאקִייט בִּיז ווַאנֶען דֶער עוֹלָם אִיז צוּ זַאמֶען גִיקוּמֶען מִנְחָה דַאווְנֶען . הָאט אִים אֵיינֶער דֶער קָאנְט אַז דָאס אִיז החסיד ר׳ ליב , זָאגְט עֶר רַבּוֹתַי אִיר ווַייסְט וָוער דָאס אִיז , דָאס אִיז דֶער גְרוֹיסֶער ר׳ ליב חסיד פוּן טֶעלְז . מִן הַסְּתָם פָארְט עֶר וֶועגִין אַטָאכְטֶער חֲתוּנָה מַאכִין . אוּנ הָאט דֶעם רַב ר׳ רפאל דֶער צֵיילְט דֶעם מִנְהָג פוּן דֶעם ר׳ ליב חסיד .

במוצש״ק) שַׁבָּת צוּ נַאכְט אִיז צוּא אִים אַרַיין גִיקוּמֶען הַגָּאוֹן ר׳ רפאל אוּנ זָאגְט צוּ אִים „רַבֵּינוּ אַייעֶר פֶערְלַאנְג אִיז שׁוֹין עֶרְפִילְט“. רוּפְט זִיךְ אָב החסיד ר׳ ליב פוּן ווַאנֶען ווַייסְט אִיר וָואס מַיין פֶּערְלַאנְג אִיז ? עֶנְטְפֶערְט אִים הרב ר׳ רפאל מִיר רֶעכֶענֶען אַז מֵהַסְּתָם אִיז אַייעֶר רַייזֶע וֶועגִין אַטָאכְטֶער אוֹיס גֶעבִּין . רוּפְט זִיךְ אָב החסיד ר׳ ליב נֵיין מַיין הֶער . דִיזֶע רַייזֶע מַיינֶע אִיז נִיט וֶועגִין גֶעלְט זַאמְלִין . זַייא הָאבִּין זִיךְ גִיזֶעגִינְט אוּנ החסיד ר׳ ליב אִיז אָפּ גִיפָארִין פוּן ווַאלְקָאמִיר אוּנ הָאט זִיךְ גִיזַאמְט אִין דִיא רַייזֶע לֶערֶךְ דְרַייא וָואכִין , סוֹף דְרַייא וָואכִין אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים לְשָׁלוֹם . ווִיא עֶר אִיז אַרַיין צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב זָאגְט עֶר זַייא אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ (וָוארוּם זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען צוּ רֵיידֶען אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ) בָּרוּךְ הַמָּקוֹם ב״ה (גִילוֹיבְּט אִיז הַשֵּׁ״י) אִיךְ הָאבּ אַייךְ גִיבְּרַאכְט אַטַייעֶרֶע מַתָּנָה, נוּר יֶעצְט אִיז נִיטָא קֵיין צַייט צוּ רֵיידֶען מֶען דַארְף גֵיין אִין שׁוּל דַאווְנֶען מִנְחָה . עֶר אִיז אַוֶועק אִין שׁוּל מִנְחָה דַאווְנֶען . דֶער ווַייל הָאט זַיין ווַייבּ גִיפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה וואוּ הִין הָאט אִיר מַאן גִימַאכְט דִיא

רייזע

דַייזֶע הָאט אִיר דֶער בעל עגלה גֶיזָאגְט עֶר אִיז גִיפָארֶען בִּיז אִים צוּא הָרַב הַגָאוֹן הַמְפוּרְסָם ר׳ ישעי׳ זעכוויצער ז״ל. (מְהַסְתָּם אִיז דָאס גִיוֶועזֶען נָאךְ דֶעם ווִילְנֶער גָאוֹנְס טוֹיט) זִיא הָאט דֶער ווַייל צוּ רֶעכְט גִימַאכְט ווֶעצֶערֶע. נָאךְ מעריב אִיז עֶר גִיקוּמֶען אַהַיים אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט אַרוּם טִישׁ מִיט אַלֶע קְלַיינִינְקֶע קִינְדֶערְלִיךְ. נָאךְ דֶעם עֶסִין הָאבִּין זַייא אַלֶע גִיבֶּענְשְׁט אִין אַסִידוּר ווִיא עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִיא עֶנְדֶע בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב הָאט עֶר אַרוֹיף גִילֵייגְט דִיא הַאנְט אַפִּין סִידוּר אוּנ זָאגְט, מַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער אִיהר זָאלְט ווִיסֶען אַז צוּ „לְעוֹלָם אַל יְחַסְּרֵנוּ“ קָאנְצֶעט זִיךְ דִיא בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אוּנ דָא דַארְף מֶען עֶנְטְפֶערִין אָמֵן. אוּנ צוּא לִיבּ דֶעם הָאבּ אִיךְ גִימַאכְט דִיא רַייזֶע יֶעצְט. ווָארוּם מִיר אִיז אַסְפֵק גִיוֶועזֶען וואוּ קָאנְצֶעט זִיךְ דִיא בְּרָכָה בִּין אִיךְ ווֶעגִין דֶעם גִיפָארֶען להגאון החסיד ר׳ ישעי׳ אוּנ דָאס אִיז דִיא טַייעֶרֶע מַתָּנָה ווָאס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גִיבְּרַאכְט מַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער.

לִיבֶּע בְּרִידֶער הַגַם דָאס אִיז דָאךְ אַמַעֲשֶׂה אָבֶּער ווִיא ווַייט דְרִינְגְט דָאס דוּרְךְ דֶעם פַארְשְׁטַאנְדִיגֶען מֶענְשִׁין. צוּ מַאכִין אַנְסִיעָה פוּן אֵיינִיגֶע ווָאכֶען מִיט אַזוֹי פִיל הוֹצָאוֹת אִיבֶּער אַסְפֵק אִין אֵיין אָמֵן, דָאס קוּמְט בַּייא אוּנְז אוֹיס זֵייעֶר קָאמִישׁ. נוּר אוֹיבּ דוּא מַיין לִיבֶּער פְרַיינְד וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ אוֹיף דֶעם. הָארְךְ מִיר אַוַויילֶע אַיין, אִיךְ ווֶעל דִיר פְרֶעגִין, דוּא ווָאלְסְט מַאכִין אַרַייזֶע פוּן דְרַייא ווָאכִין אַז עֶס זָאל דִיר בְּלַייבֶּען רֶווַח נָאךְ אַלֶע הוֹצָאוֹת כַּךְ פוּפְצִיג רוּבִּיל? אוּנ אֶפְשֶׁר נָאךְ אִיבֶּער דְרַייסִיג רוּבִּיל אוּנ אֶפְשֶׁר ווֵיינִיגֶער אוּנ דֶער ווָאס ווָאלְט נִיט ווֶעלִין פָארִין נָאר זִיצֶען אִין דֶער הַיים ווָאלְסְט דוּא אַלֵיין עֶם רוּפִין לֵיידִיג גֵייעֶר, פוּסְצַאק, שְׁטַייטְץ ווִיא ווִיל דָאס אַמֶענְשׁ זִיךְ נִיט מִשְׁתַּדֵּל זַיין ווֶען עֶס אִיז אַסְבָרָא צוּא פֶערְדִינֶען עֶטְלִיכֶע צֶענְדְלִיג רוּבִּיל. — יֶעצְט לִיבֶּער פְרַיינְד ווֶעל אִיךְ דִיר פְרֶעגִין נָאךְ אַזַאךְ. דוּא גְלוֹיבְּסְט אִין דֶעם ווָאס דִיא חז״ל זָאגִין (אִין דִיא הֵיילִיגֶע גְמָרָא) אַז דֶער ווָאס עֶנְטְפֶערְט אָמֵן בְּכַוָּנָה עֶפִינְט מֶען פַאר אִים אוֹיף דִיא „שַׁעֲרֵי גַן עֵדֶן“ (שנאמר פתחו שערים כו׳). — הַיינְט אוֹיף אַזַא טַייעֶרִין שַׁאץ ווֶער עֶס אִיז נָאר אַמֵבִין אִיז בְּוַדַּאי כְּדַאי צוּ מַאכִין אַרַייזֶע ווֶעגִין דֶעם. — נוּר ווָאס זָאלִין מִיר אָבֶּער

מאן אז דאס איז ניט אונזער מסחור אויף דיזע וועלט, מיר מיינען אז דיזע וועלט איז נור באשאפן איין צו האנדלען גאלד אונ זילבער*) אין דעם לייגען מיר אריין אלע אונזערע כחות מיט אונזערע ניפילין אבער דיא הימלישע מסחרים (וואס אין דער ווארהייט איז דיזע וועלט נור בעשאפין צוא דעם, אונ דיא געלטינע מסחרים איז נור איין פאר מיטלונג בכדי צוא קענען נאך דעם האנדלען דיא גייסטליכע גישעפטען וואס נור זייא זיינען דער עיקר ציל פון בריאת האדם) צוא דעם לייגען מיר גאר דעם מוח ניט צוא, אזוי ווייט אז מיר האבין כמעט פארלארען דעם באגריף פון זייא, עס איז נאך אסברא אז אטויזענדער ספק פון ארוביל פר דינען איז דוחה ביי אונז כמה צענדליגע אמן'ס אונ יהא שמיה רבא — נור דאס איז אלץ מחמת אונזער קליינע פערשטאנד, מיר זיינען גלייך צוא אקליין קינד וואס האט קיין געפיל ניט וואס איז דאס אהונדערטער בילעט אונ ווען ער געפינט זיא גיט ער איר אוועק פיר אצוקערקע אדער אשפיל צאצקע אונ ער פרייט זיך נאך אויף זיין גליקליכען הלוף אז פר אפאפירענע צאצקע האט ער גיקראגען צוקערקעס מיט פייפאלאך, אונ ווען מיר זאלין זיך גוט איין קוקין, זעהען מיר אין זיך זעלבסט אויך ארדים דיזען בילד, מיר קענען זיך אויך רופין מיט דעם נאמען „אינגלאך" — דער יצר הרע נארט ביי אונז אוים דיא טייערסטע בורלאנטין (דאס הייסט דיא מצות) פאר דיא קלענסטע נארעשקייט, צום ביישפיל

פארין

*) וואס מען קען זיך ניט רימען אונ זאגין אויף זייא דעם ווארט „מיינע" אויף איין טאג ניט, וויא דוד המלך זאגט (ואדם ביקר בל ילין) דאס הייסט דער מענש איז ניט בעזיכערט אויף איין נאכט מיט זיין רייכטהום אונ וויא עס איז באשריבען אויף אגרויסין עושר אונ אבעל צדקה האט איין שר ביא אים אמאל גיפרעגט זאג מיר וויפיל האסטו אייגינס? ענטפערט ער דעם שר איך וועל גיין אהיים אונ איבער זעהען מיין בוך, אויף מארגין ענטפערט ער דעם שר אז ער האט אייגינס אהאלבין מיליאן, רופט זיך אב דער שר מיט אצארינדיגע מינע שטייך וויא קענסטו מיר דאס זאגין אזא שקר, דיינע מזיערין אליין איז ווערט עטליכע מיליאן הינט וואו איז דיא איבעריגע רייכטהום, נאך מיין מיינונג מוסטו פאר מעגין פינף מיליאן — ענטפערט דער עושר ארוני השר דוא פרעגסט דאך מיר וויפיל האב „איך" אייגינס, דאס הייסט וואס איך קען זאגין-אז עס איז „מיינע", אונ דאס איז נור אהאלבין מליאן, וואס ביא מיר אפין בוך איז פאר שריבין צדקות, דאס איז „מיינע" וואס קיינער קען עס ניט אפ נעמען פון מיר, אבער אויף דיא איבעריגע פינף מיליאן קען איך גאר ניט זאגין דעם ווארט „מיינע" ווארום מען קען ניט וויסען וואס ביז מארגין פאסירט.

פארין הערען יעדער פוסטע ניים *) נארט ער ביא אונז אוים צוא הערען „חזרת הש"ץ" אונ קריאת התורה אונ נאך אזעלכע טייערע פארלאנטען, אבער ביא אגרויסן מענטשען מיט פולין פארשטאנד וואס פאר שטייט דיא ווערדע פון אהונדערטער בילעט ביא אים וועט מען שוין ניט אוים נארין פאר קיינע פאל, ער ווענדעט שוין אן אלע קרעפטען אונ גיפילין זיינע נאר צוא באקומען זיא:

אין דעם ארט איז גיוועזן דער גרויסער מבין דער גרויסער הימעלשער סוחר ר' ליב חסיד, ער האט געוואוסט דעם שאץ פון אמן, פאר אים פאסט צו מאכין אריינע וועגין דעם, ער האט זיך בעמיהט אונ ערגרייכט דעם ציל וואס ער האט זיך געוואונשין, אונ וואס זיין ריינע הערץ האט גילוסט:

פון דעם מיינע ליבע טייערע ברידער אונ שוועסטער, נעמט זיך אמוסר וויא פארזיכטיג צוא זיין אין ענטפערין „אמן" — אונ בפרט דיא דרייא אמן'ס וואס פון האסטיגקייט ווערין זייא פארלארען, דהיינו ווען דער חזן לאזט אוים „מחי' המתים", האפט דער עולם גלייך זאגען „נקדש" — אונ צוא המחזיר שכינתו לציון האפט מען גלייך זאגען „מודים דרבנן" — אונ פרייטיג צוא נאכט צו ופרוס כו' ועל ירושלים האפט מען גלייך זאגען „ושמרו" דער וועיל פאר לירט מען דיא אמן'ס — דרום זאל מען זייער געהיט זיין ענטפערין פריער אמן בכונה אונ דער נאך זאגין נקדש, מודים, ושמרו כו':

אמאל איז דורך דער שטאט טעלז דורך געגאנגען אגרויס חיל פון זעלנער מיט אגרויסען גענעראל (וואס ער וואר אגרויסער פיליזאף) האבין זיך אלע שטאט לייט בעהאלטען וועיל זיי האבין מורא געהאט אז דער גענעראל פון דעם חיל זאל וועלכען פון זייא ניט נעמען פיר איין וועג ווייזער. דער ר' ליב חסיד איז אבער גיזעסין אין זיין חדר אין

טלית

*) אגרויסער ליבהאבער אויף ניים האט אמאל גיפרעגט בייא איין חכם וואס הערט זיך עפעס ניים? ענטפערט דער חכם, איך האב וויכטיגע ניים, הקב"ה האט גינידערט אויפין בארג סיני פיר דיא אויגין פון זעקס מאל הונדערט טויזינד מאן חוץ נשים וטף אונ האט גיגעבין אתורה בקולות וברקים וקול שופר אז דיא גאנצע וועלט איז פאר ציטערט גיווארין, זעהט דער חכם אז יענער קוקט אים אן וואס זאגט ער אים דא, זאגט דער חכם צוא אים, ווייסטו דען ניט וואס רש"י מאכט אויף דעם פסוק ביום הזה באו מדבר סיני" האט דאך באדארפט שטיין ביום „ההוא" (יענעם טאג), אונ עס שטייט „הזה" (דיזין טאג), לערינט אונז דיא תורה אז ביי אונז זאל זיין חביב דיא תורה אלע צייט פונקט וויא היינטיגין טאג איז זיא גיגעבין גיווארין אונ אניים איז זייער חביב, היינט וואס דארפסטו בעסערע ניים. —

טַלִית וּתְפִלִין אונ הָאט גִילֶערִינְט, וִויא דֶער גֶענֶעראַל איז גִינַאנְגֶען פוּן אַיין הויז צוּם אַנְדֶערֶען אונ הָאט אַלְס קֵיינֶעם נִיט גֶעטְרָאפִין אונ טָעלְז אִיז דַאמָאלְס אַיין קְלֵיין שְׁטֶעטִיל גִיוֶועזִין, בִּיז דֶער גֶענֶעראַל איז גִיקוּמֶען צוּ ר׳ לֵיבּ חסיד אונ הָאט אִים גִינוּמֶען עֶר זָאל אִים דֶעם וֶועג ווייזִין, אִיז דֶער ר׳ לֵיבּ טַאקֶע גִינַאנְגֶען פָאר אוים דֶעם חַיִל אִין טַלִית וּתְפִלִין מִיט דֶעם סֵפֶר אִין דֶער הַאנְד, אונ הָאט גִילֶערִינְט, וִויא עֶס אִיז גִיקוּמֶען מִנְחָה צַייט אִיז דֶער חָסִיד אַבִּיסִיל אַרָאפּ גִינַאנְגֶען פוּן וֶועג אונ הָאט זִיךְ גִילָאזְט גֵיין אִין וַואלְד אַרַיין עֶר זָאל דַארְטִין קָאנֶען מִנְחָה דַאוֶונֶען. הָאט דָאס חַיִל אוֹיף אִים אָן גִיהוֹיבִּין צוּא שְׁרַייֶען. נָאר דֶער גֶענֶעראַל וַוייל עֶר הָאט פַאר שְׁטַאנֶען דָאס תְּמִימוּת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ הָאט עֶר אָן גִישְׁרִיעֶן אוֹיף זַיין חַיִל זָאלִין אַנְטְקֶעגִין אִים קֵיין וָוארְט רֵיידִין. אונ הָאט בַּייא זִיךְ גִיקְלֶערְט אֶפְשֶׁר ווייסְט עֶר עֶפֶּעס פוּן אַיין ווִיכְטִיגֶע זַאךְ אִין וַואלְד ווִיל עֶר מִיר ווַייזִין, וָוארוּם דֶער מֶענְשׁ וָואס לֶערִינְט אַזוֹ פְלֵייסִיג טוּט נִיט קֵיין שׁוּם זַאךְ אָן אִיבֶּער לֵייגוּנְג מִיט זַיין שֵׂכֶל אונ חָכְמָה. הָאט דֶער גענעראל אַיין בַּאפֶעל גִיגֶעבִּין צוּ זַיין חַיִל זָאלִין בְּלַייבִּין שְׁטֵיין אונ עֶר אִיז אוֹיף זַיין פֶערְד גַאנְץ לַאנְגְזַאם דֶעם חסיד נָאךְ גִירִיטִין אונ קְלֶערְט בַּיי זִיךְ אִיךְ ווִיל שׁוֹין זֶעהֶען דֶעם סוֹף, אִיז דֶער חסיד צוּא גִיגַאנְגֶען צוּא אַיין וַואסֶער אונ הָאט זִיךְ גִיוַואשִׁין דִי הֶענְד אונ אִיז צוּא גִינַאנְגֶען צוּא אַיין בּוֹים אונ הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט מִנְחָה דַאוֶונֶען מִיט אַיין גְרוֹיסִין בְּרֶען אַזוֹ ווִיא זַיין סֵדֶר אִיז תָּמִיד גִיוֶועזִין וּבִפְרַט אִיצוּנְד אַז עֶר הָאט זִיךְ בַּארֶעכִינְט דָאס אַיין גְרוֹיס חַיִל שְׁטֵייעֶן אונ ווַארְטִין אוֹיף אִים בִּיז עֶר וֶועט מִנְחָה אָפּ דַאוֶונֶען הָאט עֶר מַמָשׁ גִיפְלַאמְט בַּייא דֶעם דַאוֶונֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אונ דֶער גענעראל שְׁטֵייט לֶעבִּין אִים מִיט זַיין פֶערְד פַאר וואוּנְדֶערְט אוֹיף זַיין דַאוֶונֶען אונ הָאט אָפּ גִיוַוארְט לֶעבִּין אִים בִּיז עֶר הָאט מִנְחָה אָפּ גִידַאוְוינְט אִיז עֶר צוּא רִיק אַרוֹיס גִינַאנְגֶען אוֹיף דֶעם וֶועג אונ תָּאט דָאס חַיִל ווייטֶער גִיפִירְט בִּיז אוֹיף דֶעם אָרְט וָואס זַייא הָאבִּין פוּן אִים פַאר לַאנְגְט, וִויא דִיא שְׁטָאט לַייט הָאבִּין דֶער זֶעהֶען אַיין גְרוֹיס חַיִל קוּמְט אָן הָאבִּין זַייא אַנְטְקֶעגִין גִיטְרָאגִין בְּרוֹיט מִיט ווַיין. וִויא זַייא הָאבִּין דֶער זֶעהֶען ר׳ לֵיבּ חסיד גֵייט אוֹיךְ מִיט דֶעם חַיִל הָאבִּין זַיי אִים גְרוֹיס כָּבוֹד אָן גִיטָאן, הָאט דֶער גענעראל גִיזָאגְט צוּ דִיא שְׁטָאט לַייט

דָא הָאט אִיר פַאר אַיךְ דֶעם הַיילִיגִן מַאן וָואס אִיךְ בִּין אִים מְקַנֵא. מִילָא זַיין גַן עֵדֶן בְּעוֹלָם הַבָּא קָאן אִיךְ נִיט פַאר לַאנְגֶען וַוייל עֶר אִיז זַייעֶר קָדוֹשׁ וְטָהוֹר טוּא וָוער קָען זַיין גְלַייךְ צוּא אִים, נָאר זַיין תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַזֶה וָואס עֶר הָאט בִּין אִיךְ מְקַנֵא. וְויא אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶען דִיא שִׂמְחָה וָואס עֶר הָאט גִיהַאט בִּשְׁעַת מִנְחָה דַאוְונֶען אוּנ מִן הַסְתָּם הָאט עֶר אַזוֹ אַיין תַּעֲנוּג מִיט שִׂמְחָה דְרַייא מָאל יֶעדֶען טָאג. וְויא קָאן אִיךְ צוּא אַזוֹ אַיין שִׂמְחָה קוּמֶען אִיךְ וַויים נִיט צַייט אִיךְ לֶעבּ אוּנ וֶועל נָאךְ לֶעבִּין אוֹיבּ אִיךְ וֶועל הָאבִּין חָאטְשֶׁע אַיין מָאל אַזוֹי אַיין שִׂמְחָה וְויא עֶר הָאט דְרַייא מָאל אִין טָאג. **אוּנ** דֶער **גענעראל** הָאט אִים גִיוָואלְט גֶעבִּין זֵייעֶר פִיל מַתָּנוֹת הָאט ר' לִיבּ נִיט גִיוָואלְט נֶעמֶען בַּייא אִים אוּנ הָאט אִים אִיבֶּער גִיבֶּעטִין אוּנ גִידַאנְקְט אוּנ הָאט זִיךְ מִיט דֶעם גענעראל גַאנְץ פַיין גִיזֶעגֶענְט אוּנ אִיז גֶעגַאנְגֶען זַיין וֶועג לְשָׁלוֹם:

פוּן דִיזֶע עֶרְצֵיילוּנְגֶען קֶענְט אִיר מַיינֶע לִיבֶּע בְּרִידֶר אוּנ שְׁוֶועסְטֶר אַרוֹיס זֶעהֶן וִוי גְלִיקְלִיךְ זַיינֶען דִי צַדִּיקִים וָואס לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוּנ דִינֶען הַשֵּׁי"ת מִיט אֱמֶת, זֵיי פַארְבְּרֵיינְגֶען זֵייעֶר לֶעבִּין אִין גַייסְטְלִיכִין פַארְגֶענִיגִין אַז מָאנַארְכִין הָאבִּין מְקַנֵא גִיוֶוען צוּ הָאבִּין אַזַא פַּרְגֶנִיגִין חָאץ אַיין מָאל אוֹיף זֵייעֶר לֶעבִּין. וִוי דֶר תַּנָא זָאגְט (אבות פ"ו) כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה לִשְׁמָהּ זוֹכֶה לִדְבָרִים הַרְבֵּה *) ולא עוד כו' ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים.

נאָך אייניגע סיפורים פון גאון זכרונו לברכה.

דער גאון זכרונו לברכה, לבד זיינע גרויסע תלמידים וואס איז אויסגערעכנט (בהקדמת בניו לביאורי הגר"א על שולחן ערוך אורח חיים), האָט ער געהאַט נאָך אַ תלמיד, וואָס בחור-ווייס איז ער געוואָרן אסגי נהור לא עלינו, ער איז געווען זייער אַ טייער קינד און אַ גרויסער מתמיד, ער פלעגט לערנען אויסווייניג יום ולילה, וועגן חתונה האָבן האָט ער זיך שוין מיאש געווען, ווייל ווער וועט וועלן נעמען אסגי נהור פאר איין איידים? דער גאון ז"ל האָט אים זייער ליב געהאַט, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער צדיק און אַ בעל מדות טובות, האָט זיך געפונען איין אַדעלער גביר אַ גרויסער אוהב תורה, וועלכער האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ גרויסע צדקנית, האָט

ער

ער אַיינגעשטימט נעמען אים פאַר איין איידים, ער האָט צוגעזאָגט אייביקע קעסט און מ׳האָט מיט מזל געמאַכט אַ קנין.

פאָריקע צייטן פלעגט זיין אַ חתונה אויפן שול-הויף, האָט מען מכבד געווען דעם גאון ז״ל מיט סדר קדושין, ווי עס איז געקומען צו מקדש זיין, זאָגט דער גאון ז״ל צום חתן מיט גרויס התלהבות, הער מיין קינד! אונזערע חכמים זאָגן „אסור לקדש אשה עד שיראנה״ מ׳טאָר ניט מקדש זיין אַיין אשה וואו מ׳זעט איר ניט מיט די אויגן, ווי ער האָט דאָס אויסגערעט מיט זיין פה קדוש, האָט דער חתן גיעפינט די אויגן און איר מקדש געווען. האָבן אַלע געזען שיינבאַר, אַז עס איז מקויים געוואָרן אויף אים „ותגזר אומר ויקם לך״, עס איז געוואָרן ששון ושמחה ביי אַלעמען, ובפרט ביי די כלה, השי״ת האָט איר אָפּגעצאָלט איר שכר, ווייל צוליב אהבת התורה האָט זי אַיינגעשטימט צו נעמען אסגי נהור, האָט איר השי״ת געגעבן אַ זעהעדיקן. וואָס אַזאַ חתן איז אַ זעלטנהייט אין דער וועלט.

— אַ גרויסער צדיק האָט געזאָט, אַז אויף דעם גאון ז״ל איז נתקיים געוואָרן דער רמז פון די משנה אין ברכות „השותה מים לצמאו אומר שהכל נהי׳ בדברו״, דער וואָס לערנט די תורה וואָס זי איז געגליכן צו וואַסער (הוי כל צמא לכו למים) „לצמאו״ מיט גרויס חשק ווי אַ דאָרשטיקער טרינקט וואַסער (אומר) זאָגט הקב״ה (שהכל נהי׳) אַלץ זאָל ווערן (בדברו) מיט זיין וואָרט. וליכא מידי דלא רמיזא בתורה איז דאָס אויך מרומז פ׳ מטות (לא יחל דברו) דער מענטש וואָס זיין מויל איז אַ הייליקע (ככל היוצא מפיו) וואָס ער רעט אַרויס פון מויל (יעשה) איז השי״ת מקיים. דאָס איז דער ריכטיקער ביאור פון פסוק ותגזר אומר ויקם לך, ווען איז דאָס? אַז ועל „דרכיך״ אויב אויף דיינע אַלע דרכים (נגה אור) שיינט די ליכטיגקייט פון דער תורה, איז דענסטמאָל וואָס דער צדיק איז גוזר איז השי״ת מקיים.

— דער הויכער זכרון וואָס די השגחה עליונה האָט אים חונן געווען פאַר זיין גרויס יגיעה אין דער תורה איז געווען וואונדער-

באַר

באַר, ער האָט אַמאָל געראַטעוועט איין אומגליקלעכע פאַמיליע מיט זיין כח הזכרון. די געשיכטע איז געוועזן אַזוי: זיינער אַ ווייטער קרוב איז צוגעפאַלן צו אים, ער זאָל אים ראַטעווען פון דעם אומ־גליק וואָס פאַלשע מענטשן האָבן אויף אים אויסגעטראַכט, זיי האָבן געדונגען פאַלשע עדות מוציא לעז זיין אויף זיין בת יחידה, וואָס ערשט אַפּאָר יאָר נאָך איר חתונה, אַז זי איז אַרומגעגאַנגען פיל מאָל שפּעט אין דער נאַכט מיט א פרעמדן יונגן־מאַן און נאָכדעם האָט זי זיך פאַרשלאָסן מיט אים אין אַ צימער און זיי האָבן געזען דורך אַ שפּאַלט וואָס זיי האָבןביידע געטאָן, די פאַלשע עדות האָבן דאָס עדות געזאָגט פאַרן בית דין און עס האָט געהאַלטן מ׳זאָל הייסן דעם מאַן איר געבן גט, יעדער פאַרשטענדיקער מענטש באַטראַכט דעם צער פון דעם פאָטער און פון די פאָר־פאָלג און זייער שאַנד. האָט דער גאון ז״ל אים גיענטפערט, קיין נביא בין איך ניט, איך זאָל וויסן אויב די מעשה איז אמת צו ניט, איך קען דיר נאָר העלפן אין דעם אופן: די דיינים מיט די עדות זאָלן קומען צו מיר אין בית־המדרש, און די עדות זאָלן איבעראַנייס דערציילן אין מיין געגנוואַרט ווי די געשיכטע איז צוגעגאַנגען. ער האָט פּשוט גערעכנט, אויב זיי זיינען עדי שקר, ווי אַזוי וועלן זיי האָבן אַזאַ חוצפה זאָגן אַ שקר אין זיין געגנוואַרט.

די דיינים מיט די עדות זיינען געקומען אין זיין בית־המדרש און דער ערשטער עדות האָט דערציילט די מעשה וואָס ער ווייס פון אָנהייב ביז סוף, דער ספּור האָט געדויערט אַ האַלב שעה. נאָכדעם איז דער עדות אַרויס און מ׳האָט אַריינגערופן דעם צווייטן און ער האָט אויך דערציילט וואָס ער ווייס, ווי דער צווייטער האָט געענדיקט זיין ערציילונג, האָט דער גאון ז״ל אַ געשריי געטאָן „עדי שקר! עדי שקר״! אַלע זיינען נתפעל געוואָרן פון וואַנענט ער האָט ערקענט. האָט דער גאון געענטפערט, דאָס איז אַ משנה אין סנהדרין, די משנה זאָגט ואח״כ מכניסין את השני כו׳ אם „נמצאו״ דבריהם מכוונין עדותן קיימת, אויב מען געפינט אַז ביידנס רייד שטימט, נעמט מען אָן די עדות, פאָרלייפיג איז דער וואָרט

נמצאו

„נמצאו" איבעריק, עס דאַרף נאָר שטיין „אם דבריהם מכוונין עדותן קיימת". נאָר די פראַקטיק איז, ווען צוויי מענטשן דערציילן אַ זאַך, וואָס זיי האָבן ביידע געזען, איז דער דערציילט מיט זיין סגנון און דער צווייטער מיט זיין סגנון, דער אינהאַלט פון דער זאַך דאַרף שטימען, אָבער ווען די ווערטער שטימען פונקט ריכטיק ווי איינער אַזוי דער צווייטער, איז אַ סימן אַז זיי האָבן זיך אויפ־געדעט און האָבן אָנגעשריבן אויף פּאַפּיר און אויסגע׳חזרט זיי זאָלן קלאָר זיין אַזוי ווי אשרי איז דאָס פאַלש, דערפאַר איז דער תנא מדייק דוקא אם „נמצאו" ד. ה. אויב דער אינהאַלט, דער תוך פון דער זאַך שטימט ביי ביידן גלייך, ניט די ווערטער, וויל ווען ביידנס ווערטער שטימט איז אַבעוויז אַז מ׳האָט זיך צונויפ־געדעט. ביי אַזאַ געשיכטע וואָס יעדערינס ספור האָט געווערט בערך אַ האַלב שעה האָט דאָס קיינער ניט געקאָנט געדיינקען אַזוי ריכטיק, נאָר זיין שאַרפער זכרון האָט דערשפירט, אַז זיי האָבן איינער אויף דעם אַנדערן ניט פאַרביטן איין וואָרט, איז דאָס אַבעוויז אַז זיי האָבן זיך אויפגעדעט, און די ווערטער „עדי שקר" וואָס איז אַרויס פון זיין הייליקע מויל, האָט אויף זיי געוואָרפן אַ שרעק־לעכן פחד, אַז זיי האָבן זיך מודה געווען, אַז זיין פריינדס שונא האָט זיי געדונגען. געוויינטליך האָבן זיי געכאַפּט זייער פסק פאַר דעם גרויסן פאַרברעך וואָס זיי האָבן געוואָלט טאָן.

אויך זעהען מיר פון דעם, ווי וויט ער האָט געציילט די אותיות פון דער משנה, עס זאָל ניט זיין קיין איבעריקער וואָרט, און דער וואָרט וואָס קומט אויס פאָרלויפיק איבעריק, אַז מיר באַ־טראַכטן גרינדליך, זעען מיר וואָס פאַר אַ טייערן למוד מיר לער־נען פון אים.

— די חז"ל זאָגן (קדושין כט) אויף דעם פסוק „ושננתם לבניך", דו זאָלסט די תורה שאַרף איינלערנען דיינע קינדער און אויך דיינע תלמידים, דער רב רופט זיך פאָטער (אבי אבי רכב ישראל ופרשיו) און ד תלמידים רופן זיך קינדער אַז עס וועט קומען למעשה זאָלן זיי ניט דאַרפן קלערן, נאָר גלייך ענטפערן קלאָרע

דבורים

דבורים. ובפרט אין דעם ענין פון פקוח נפש, דאַרף זיין דער דין קלאָר, מ׳זאָל ניט דאַרפן קלערן, ווייל אין די צייט פון קלערן קען אַריינקומען חלילה אין אַ סכנה, ווי דער גאון ז״ל האָט דאָס גע־לערנט מיט זיינע תלמידים אַזוי פּינקטליך, זעען מיר אַרויס פון דער געשיכטע, וואָס אַ גרויסער רב האָט דערציילט.

ר׳ חיים וואָלאָזינער ז״ל פלעגט גאַנץ אָפט קומען קיין ווילנע פאָרלייגן פאַרן גאון ז״ל זיינע ספקות, איין מאָל קומט אַ פשוטער ייד צו ר׳ חיים און זאָגט, רבי גייט אַריבער געוואָר ווערן צו אייער ברודער ר׳ זלמן, מיר דאַכט, אַז ער איז נעבעך געווירט פון זינען. וואָס האָסטו געזען פון אים? (פרעגט ר׳ חיים פאַר־וואונדערט), צוועלף אַזייגער היינטיקן פרייטאָג־צונאַכט איז ער אַריינגעלאָפן צו מיר אין שטוב אין היילע קאַטקעס, אָן אַ היטל, אין איין זאָק, די אַנדער פוס אַ באָרוועשע און אַיינגעריסן דעם אַרבל פון העמד פונקט ווי אַיין משוגענער, און זאָגט צו מיר גיט מיר אייער ליכט איך דאַרף האָבן, און האָט אַרויסגעכאַפּט אום שבת די נאַכט־ליכט וואָס האָט געברענט, און אַרויסגעלאָפן פון שטוב מיט די ליכט אין האַנט. איז ניט ריכטיק אַז ער איז חלילה אַראָפּ פון זינען ?—זייט רואיק, ענטפערט ר׳ חיים, מיין זלמן ווייס וואָס ער האָט געהאַט צו טאָן.

ר׳ חיים איז אַריבער צו אים, געפינט ער אים לערנענדיק מיט גרויס דבקות, וואָס איז מיט דיר געווען פאַר אַ מעשה היינ־טיקן פרייטאָג־צונאַכט? פרעגט ר׳ חיים— צוועלף אַזייגער אַז איך האָב זיך שוין אויסגעטאָן און געגאַנגען אָפּרוען—ענטפערט ר׳ זלמן, הער איך ווי מען שרייט „ראַטעוועט ברידער״! איך לויף אַרויס, זאָגט אייגער, מיין פרוי גייט צו קינד און אין שטוב איז פינסטער, קיינער איז ניטאָ אַ חוץ מיין פרוי, זי האָט זיך גאָר ניט גערעכנט אויף דעם, איך דאַרף לויפן נאָך אַיין אַקושערן און האָב ניט וועמען צו לאָזן אין שטוב. וואו עס האַלט ביי פקוח נפש (זאָגט ר״ז) איז קיין צייט ניטאָ זיך אָנצוטאָן. מיין ליכט האַלט שוין ביים אויסגיין דערזע איך פון ווייטן דורך אַ פענסטער עס ברענט אַ גרויסע ליכט,

לויף

לויף איך אַהין, לויפנדיק האָט דער ווינט אַראָפּגעבלאָזן מיין יאַר־מעלקע פון קאָפּ, איז קיין צייט ניטאָ צו גיין זוכן איר, ווען עס האַלט ביי פקוח נפשות, אַריינגייענדיק אין שטוב האָט זיך פאַר־צעפּעט מיין אַרבל פון העמד אָן אַ נאָגל, ניט האָבנדיק קיין צייט אָפּצוצעפּענען, האָב איך אָפּגעריסן דעם אַרבל, געכאַפּט די ליכט און אַריין צו די קינפּעטאָרן, געוואַרט דאָרטן ביז וואַנענט דער מאַן האָט געבראַכט די אַקושאָרן, דאַן בין איך געגאַנגען שלאָפן. דאָס איז די געשיכטע פון נעכטיקע נאַכט.

עס איז צו באַוואונדערן די אויסגערעכנטקייט אויף יעדער זאַך בעת מעשה, אַז פקוח נפש דאַרף [געטאָן ווערן מיט גרויס זריזות, אַז עס איז ניטאָ קיין צייט זיך אָנצוטאָן אַפילו די צווייטע זאָק, עס איז ניטאָ קיין צייט צו גיין זוכן די יאַרמאָלקע, עס איז ניטאָ קיין צייט אָפּצוצעפּענען דעם אַרבל, ווען עס האַלט ביי פקוח נפש אויף סעקונדן.

א קורצע ביאָגראַפיע פון מיר (בן ציון אלפס) זעלבסט.

חכמינו ז״ל זאָגן אין פרקי אבות „והוי זנב לאריות״, אַלזאָ האָב איך דאָ געפונען אַ פּאַסענדן אָרט, שרייבן אייניגע ווערטער וועגן מיין לעבענס־געשיכטע, מ׳זאָל לערנען פון דעם, ווי השי״ת צאָלט יעדערן מדה כנגד מדה. און וועל ניט מעלים זיין די אייניגע פעלערן, וואָס איך בין לא עליכם דורכגעפאַלן, בכדי מ׳זאָל לערנען ווי צו זיין פאָרזיכטיג.

איך בין געבאָרן אין ווילנא (ר״ח כסלו שנת ה׳ תרי״א) לאבי הרב הגדול ר׳ ירמי׳ עקיבא ב״ר צבי ז״ל, הנקרא „נאַוואַהרדקער מתמיד״ (שבימי בחרותו למד שם), זיין התמדה איז געווען אָן שעור. סיפר לי הזקן הנכבד ר׳ מרדכי ז״ל, שהי׳ שמש דקלויז ר׳ ליב אליעזר׳ס (שאבי ז״ל למד שם בתמידות), אַזוי ווי פרייטאָג קערט מען די קלויז, האָט מיין פאָטער ז״ל ניט געוואָלט האָבן קיין בטול, פלעגט ער פרייטאָג זומער דאַוונען גאַנץ פרי און אַרויס־גיין אויף די שיילקע איבערן קלויז און לערנען פון פרי ביז ליכט בענטשין (לערך 17 שעה) בלא שוחה בטלה. הסתפק עצמו במועט

ולמד

ולמד כל ימיו בשמחה, און פלעגט גאַנץ אָפט איבער׳חזרן ש״ס אין 8 חדשים, הכלל כל ימיו לא פסק פומיה מגרסא. זיין ערליכקייט בין אדם לחבירו איז געווען אַין לשער, ער האָט מקיים געווען „יהי ממון חבירך חביב עליך כשלך. איך געדיינק לאחר פטירת אמי הצדקת*) האָט ער פאַרקויפט די זילבער פון שטוב און אונז געשיקט אַיינצאָלן די חובות וואָס האָט געקומט אין די בתי מסחר וואו זי פלעגט האַנדלען, און האָט אונז שטריינג אָנגעזאָגט מ׳זאָל זען אויב עס שטימט אונזער בוך מיט זייערן. האָט מיין עלטערער ברודער געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַז ביי איין סוחר אין בוך איז מער מיט $1^1/_2$ קאָפּ.. האָט דער פאָטער ז״ל גענומען $1^1/_2$ קאָפּ. און געזאָגט מיט אַ ריינע תמימות, גייט קינדער גיט אָפּ די $1^1/_2$ קאָפּ. חכמינו ז״ל זאָגן „דין פרוטה כדין מאה״, זיינען מיר געגאַנגען בגזרת כבוד אב און אָפּגעצאָלט, איז פון דעם געווען אַ גרויסער קדוש שם שמים.

די קליינע געשיכטע האָט געמאַכט אויף מיין ווייכע הער־צעלע אַ גרויסן רושם, אַז כל ימי בין איך געווען זהיר ניט צו פאַרנעמען אַ פרעמדן גראָשן, און קרוב 50 יאָר וואָס איך בין גע־ווען אַ סוחר און השי״ת האָט מיר אייניגע מאָל געשטעלט צום עקזאַמען צו וועל איך אויסהאַלטן ערליכקייט, און הודות לה׳ איך האָב אויסגעהאַלטן עקזאַמען (ווי מען זאָגט) מיט אַ גאָלדענעם מעדייל, די גוטע פרוכט האָט געוואַקסן פון דעם קליינעם וואָרצעלע וואָס דער פאָטער ז״ל האָט איינגעפלאַנצט, אַז מ׳דאַרף פאַרקויפן כלי בית אום צו באַצאָלן לייטן עד פרוטה אחרונה.

הרב ר׳ וועלוועלע (מ״מ דמתא ווילנא) האָט געזאָגט אויף זיין הספד בזה הלשון: „אני לצלע נכון״ אַ שטאָט־מגיד איז אָנגע־ברייט צו אַ בראָך, אַז עס ווערט נפטר חלילה איין אדם גדול רופט מען

---

*) שרה אסתר בת הרב ר׳ יה שע העשיל פאַנאַר ז״ל, זי האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר אהבת התורה, און האָט אים ניט געלאָזן זיך פאַרנעמען אַ סך אין מסחר בכדי ער זאָל קענען שטענדיג לערנען אַליין און לערנען מיט זיינע אייגענע קינדער

מען דעם שטאָט-מגיד מספיד זיין, עס איז דאָך ניט מעגליך איך זאָל קענען אַלעמען ריכטיג, הער איך ווי מ׳דערציילט מיר יענעמס מדות, ווייס איך וואָס צו זאָגן, אָבער אַייך ר׳ ירמי׳ עקיבא האָב איך גוט געקאָנט און זאָג אויף אַייך, איר זייט געווען כל ימיכם „אַ יגע בתורה ועמלו בתורה״. ונפטר בווילנא (יוד מר חשון תרכ״ו) טרם מלאות לו חמשים שנה, ונרשם על מצבתו טורים אחדים.

רב תורה ומוסר דברי ירמיהו
רבים שמעו דורש עקיבא
לתלמידים רב וליראים חבר
לעבודת האל הי׳ רץ כצבי
ביוד מר חשון עלה ה׳כור״ת, תנצב״ה.

נאָך בר מצוה, אַז איך בין אַרויס מישיבת אחי הגדול ר׳ שרגא פייוש ז״ל, האָט דער פאָטער ז״ל געלערינט מיט מיר (2 יאָר) גמרא ותוספות און אלפס מיט רא״ש, ביז זיין פטירה, שפת המדינה און למודי חול האָט ער געדונגען פאַר מיר אַלערער אַ קריסט (ניט די גלוחים, בכדי שלא אלמוד מדרכיהם). בעצת ר׳ וועלוועלע ווילנער שטאָט-מגיד ז״ל און הרב ר׳ דניאל אוהבים נאמנים פון מיין פאָטער ז״ל האָב איך געטאָן אַ שדוך עם בת תלמיד חכם גדול ר׳ מרדכי ב״ר חיים ז״ל טראָקער, שהי׳ בחייו אוהב נאמן לאבי ז״ל (ונזכר שמו לברכה עם מעט חדושי תורתו בהקדמת העבודה תמה), די מחותנסטע הצדקה מרים מאַריאַשע בת ר׳ אברהם אבא ז״ל איז געווען אַ גרויסע אוהבת תורה, האָט זי מיר אַוועקגעשיקט לערנען אין איישישאָק. נאָכער ר״ח תמוז תרכ״ז (כשהייתי $16^1/_2$ שנים) נכנסתי לחופה עם בתה נחמה. זי האָט מיר געגעבן קעסט 4 יאָר על שולחנה בכל טוב. יהי שמה לברכה.

אין משך פון קעסט האָב איך געלערענט אין ביהמ״ד הגר״א ז״ל, די ערשטע צייט האָב איך געלערענט בשקידה רבה ש״ס מיט אלפס ווי דער פאָטער ז״ל האָט מיר געלערינט בחייו, נאָר ווי עס ווייזט אויס שמעקט דאָס דעם שטן ניט, אַז אַ יונגער מאַן און נאָך אַבן

גדולים

גדולים לערינט בשקידה, עס קען דאָך פון אים אַרויסוואַקסן אַ גדול בתורה, האָט ער זיך מישב געווען מיר אָפּציען פון התמדה, נו, ווי אַזוי? הייסן מיר גיין אין טעאַטער אָדער שפּילן אַ קערטל, דאָס האָט ער פאַרשטאַנען אַז עס וועט ניט גיין, איז ער צוגע-טראָטן צו מיר מיט אדבר מצוה*), ווי אַזוי קענסטו צוזעען אַז די פּרושים לומדי תורה פון גאונ׳ס קלויז גייען ווינטער נאַקעט, מ׳דאַרף זיי מאַכען וואַרימע בגדים. הכלל איך נאַרעלע האָב זיך געלאָזט אָנריידן און גענומען צוזאַמענמאַכען און באַקליידען אייניגע פון זיי מיט וואַרימע בגדים און שיך. נאָכער האָט ער מיר צוגעשיקט באָך אדבר מצוה, אַזוי ווי דער ראש ישיבה פון מיילערישע קלויז איז קראַנק אויפן האַרצן, דאַרף מען אים זעען דעם זומער אַ דאַטשע, בקצור דער שטן האָט מיר ביסלעכווייס אָפּגעפירט פון התמדת התורה און נאָכער מיט נאָך אַזעלכע מצות ביז וואַנענט די 4 יאָר קעסט זייַנען אַוועקגעפלויגן, און איך בין געבליבן אַיין אייפאַכער יונגער מאַן, ניט ווי עס האָט זיך פריהער אַרויסגעוויזן**).

ענדע קעסט ווי איך דאַרף אַרויסגיין פון אהל התורה אין עולם המסחור, האָב איך מיר באַרעכענט, אַזוי ווי דעם ערשטן בריליאַנט פון ירושת אבות, היינו שקידת התורה האב איך פאַר-

לארן

---

*) וזהו כונת חז״ל שאמרו (ברכות סא) יצה״ר דומה לזבוב ויושב בין שני מפתחי הלב, היינו פעם יטה דרך שמאל להסית לדבר עבירה ופעם יטה דרך ימין להסית לדבר מצוה, בכדי להרחיקו משקידת התורה.

**) הגאון נצי״ב מוולאָזין ז״ל שרייבט אין העמק דבר על התורה (שמות לג, יא) בעת אַ יונגער מאַן לערענט און וויל דערגיין אַ ציל, קלאָר זיין ש״ס ופוסקים, טאָר ער זיך ניט פאַרנעמען אין קיין מצוה (שאפשר ליעשות ע״י אחרים), ווייל דאָס איז נאָר מעשה שטן, אים אָפּצוציען פון שקידת התורה, אַז ער וועט גרייכען זיין ציל, דאַן קען ער עוסק זיין אין גמילות חסדים אויך, ומביא שם ירושלמי קדושין ר׳ אבהו האָט געשיקט זיין זון פון קיסרין קיין טברי׳ לערנען, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער איז דאָרטען עוסק אין גמלות חסד, האָט ער אים געשריבן „האם אין קברים בקסרין שלחתיך לטברי׳?״ אָבער אַזוי ווי איך האָב דאָס ניט געוואוסט האָט מיר דער שטן אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ, און בין געבליבען אַ קליינער מענטש אין ידיעת התורה. ישמעו ישרים, ויזהרו לבלי להלכד ברשתו.

לאָרן, לאָמיר לפחות היטן ניט פאַרלירן דעם צווייטן ברילי‍אַנט, וואָס דער פאָטער ז"ל איז געווען אַ חובב ציון בכל נפשו ומאודו, ער פלעגט מארח זיין בביתו אנשי ירושלים און אָנשטעלן נאָז און אויערן הערן ספורים פון ארץ הקדושה, און אַז איך בין געווען אַ קינד, האָב איך געהערט ווי ער האָט איין מאָל געזאָגט, מ'דאַרף ליקווידירן דעם געשעפט און קויפן אַפּאָר פערד און פאָרן קיין עה"ק ירושלים (דאַן איז נאָך קיין באַן ניט געווען) בכן האָב איך זיך באַטראַכט אַז קליינע געשעפטען קען מען פירען אויך אין ירושלים, מ'דאַרף דען פאָרן אין ירושלים אויף דער עלטער שטאַרבן? אין געגענטייל מ'דאַרף פאָרן אין דער יוגענד לעבען, און אַזוי ווי איך האָב גירשת פון פאָטער ז"ל די מדה פון זריזות, איז גערעט און געטאָן, גלייך אַוועקגעפאָרן, איך האָב דאָרטן געפונען דעם מצב פיל בעסער ווי איך האָב אויסגערעכנט. איך האָב דאָרטן פאַרזאַמט 2 יאָר (תרל"ב, תרל"ג) און געשריבן צו מיין פרוי זי זאָל קומען צו מיר, נאָר הצליח מעשה שטן אַז זי האָט דאָ גע־מאַכט אַ געשעפט און עס איז אַוועק בהצלחה, האָט זי ניט גע־וואָלט קומען און איך האָב געמוזט מיט אַ ביטער האַרץ אַרויס־פאָרן פון ירושלים האמיתי נאָך ירושלים דליטאָ.

אמנם זכות ישיבת ירושלים האָט אין מיר ערוועקט אַ גייסט פון חנוך בנים לתורה, און אַזוי ווי דער רבי יעקב ראש ישיבה הנ"ל איז נסתלק געוואָרען קודם נסיעתי לירושלים און עס איז געבליבן איין אלמנה מיט יתומים, האָבן מיר געמאַכט עטלעכע רובל און נעגעבן די אלמנה זי זאָל האַנדלען, און דעם בן־יחיד האָב איך צוגענומען און געגעבן אים לערנען. אין אָנפאַנג איז מיר אַרויף אויפן זינען, אַזוי ווי איך געדיינק, אַז אין ווילנער ת"ת איז געווען פיל מחלקות פון אלף־בית ביז אַ בלאַט גמרא, כמה וכמה בני עניים האָבן געלערנט אין תלמוד תורה פון אלף בית נאַכער אַריין אין ישיבות און נאַכער אַרויס רבנים, האָב איך גערעכנט אַז היינט איז אויך אַזוי, איך פיר אַוועק דעם 8־יאָריקן קינד וואָס האָט שיין אויסגעלערנט חומש און התחלת גמרא. איך געפין אַז די

ת"ת

**ת"ת איז אמדבר שמם, די העכסטע מחלקה איז טרוקענע חומש אָן רש"י און נאָר ביז פ' משפטים, אַזוי האַלט מען זיי ביז בר-מצות נאָכער גיט מען זיי אין אַ שול שטודירן אָדער צו בעל-מלאכות, הײַנט אַז דער יתום איז שוין קלאָר אין תורה און התחלת גמרא וועט ער זיך וואַלגערן 5 יאָר אין תלמוד תורה ביז וואַנען ער וועט פאַרגעסן וואָס דער פאָטער האָט מיט אים אַיינגעלערענט, אין תלמוד תורה איז געשטאַנען אַ שאַפע מיט צענדליגע זאַץ חומשים ויקרא, במדבר און דברים, ווייל בראשית און שמות האָט מען געלערענט איז צוריסען געוואָרען און די איבעריגע וואָס מ'לערענט ניט איז גאַנץ*).**

**איך בין אַוועק מיט אַ ביטערע האַרץ פון תלמוד תורה און אָפגעגעבען דעם קינד אין אַ חדר צו אַ גוטן רבי. און האָב געצאָלט מכיסי שכר למוד און נאָך פון ירושלים האָב איך אָפגעשיקט שכר למוד פאַרן קינד. דער זכות האָט מיטגעבראַכט, אַז עס איז אין מיר נתעורר געוואָרן אַ דאגה פאַר בני עניים.**

קומענדיג פון ירושלים עה"ק האָב איך אָנגעהויבען צו גע-**בען בני עניים אין חדרים און אויך געמאַכט באַזונדערע חדרים מיטן נאָמען „תורת חסד" און האָב אויסגעהאַלטען כמה יאָרן אייניגע הונדערט קינדער ושכר למודם הי' מעט משלי והשאר נדבות פון גוטע מענטשן. אין אייניגע יאָר אַרום האָבען זיך איידעלע מענטשין מתקנא געווען און אויך געמאַכט חדרים „תורת אמת" און נאָך און נאָך. פון מיינע קינדער וואָס איך האָב געשטיצט, זיינען במשך הזמן אַרויס כמה בעלי בתים מופלגים אויך רבנים.**

בשנת תרע"ה בהיותי לרגל מסעי בעיר קיפּעוויץ (סמוך **למאָסקווא) און געזאָגט שבת אין ביהמ"ד, גיט מיר דער רב העיר**

שלום

---

*) אין מעשה אלפס אַ בריף פון יהודית צו איר ברודער איגנאַץ אַסימי-לאַטאָראָוויץ אין שטעטיל שרירות' לבו'שאָק (דולער גוב.) האָב איך געשריבען אַ שרעקלעכע בקירת אויף די ניי-מאָדישע הנהגות פון תלמוד תורה (צד 15 בהערה) און דאָס האָט געמאַכט אַ גרויסע ווירקונג, אַז די ת"ת האָט זיך פיל אויסגעבעסערט, ע"ש ותמצא נחת.

שלום מיט אַ שמייכל, איך וועל אַייך אויסזאָגען אַ סוד, וואָס אַייך וועט הנאה טאָן (זאָגט ער צו מיר), איך בין פון אַייערע בני עניים וואָס איר פלעגט שטיצען מיט שכר למוד, און אַלעס הכרת טובה, וועל איך אַייך זאָגן אַ גוט וואָרט, „הבן יקיר לי אפרים, אם ילד שעשועים". יעדער קינד בילדותו איז טייער ביין פּאָטער, נאָר נאָך איצטיגע ביטערע צייט, ווייס מען ניט וואָס דער סוף וועט זיין, אויב „לי אפרים" ער וועט בלייבען מיינער אויף שטענדיג אָדער מער ניט ווי „ילד שעשועים" אָנשפּילן זיך מיט אים בילדותו, אָבער נאכער ווייס מען ניט וואו ער קומט אַהין, אם לנו או לצרינו חלילה. דאָס איז זייער אַ טייערער וואָרט.

איך האָב געהאַט בילעטען פון אַמעריקע וואָס מיינע געהאָדעוועטע בני עניים האָבן מיר געבעטען אויף זייערע שמחות.

פיל יתומים פון די בני עניים פלעגען נעכטיגען ביי מיר אין שטוב, צום פרימאָרגען פלעג איך דאַרפען ריין מאַכען וואָס אַנדערע זיינען אויפגעשטאַנען נאַס, אייניגע פלעג איך נעמען אין מרחץ. פון שלעכטן זאָרט „קנאה", האָט אַ שלעכטער מענטש מיר מוסר געווען למלכות און מ'האָט מיר אַרעסטירט. הכלל איך האָב געהאַט פון זיי ווי מען זאָגט קאַלט און וואַרים, נאָר הרב ר' יעקב יאָזעף ז"ל (שהי' אז מ"מ בווילנא) פלעגט מיר טרייסטן מיט די ווערטער „ודע לפני מי אתה עמל" האָב איך זיך געפּאַסט מוטה און אַלעס אַריבערגעטראָגען, איך פלעג מיר אויסרעכענען וויפל טרחה און עגמת נפש אשר אין לשער האָבן דאָס עלטערן פון גדול בנים, און ניט אַלעמען גילט אָפּ צו האָדעווען זיי לפי רוח התורה און איך האָב ב"ה כמה הונדערט קינדער כמחז"ל „כל המלמד בן חבירו תורה כאלו ילדו", אַלזאָ צו האַנדלען אַזאַ גרויסע מציאה איז כדאַי כל הטרחות שבעולם ווי איך האָב דאָס אַרומגעשריבען באריכות אין סדור (וצאצאי עמך בית ישראל).

גדולים וטובים ווערן נתפעל אויף דעם זכות, וואָס השם יתברך שמו האָט מיר מזכה געווען, אַז בחיי איז אויסגעדרוקט געוואָרען קרוב 50 חבורים מיינע, און פיל פון זיי זיינען איבערגעדרוקט

איבערגעדרוקט געוואָרן העכער 10 מאָל, ונתפשטו בכל תפוצות ישראל, אנשים שאינם מכירים אותי רעכענען אַז אלפס מוז זיין זייער אַ וויכטיגער מענטש, אַ שפּאַס אַזאַ זכיה, דאָס פּאַסט פאַר אַ צדיק יסוד עולם ווי רבנו החסיד בעל חפץ חיים ה׳ יאריך ימיו.

איך וועל אַייך אָבער מגלה זיין דעם סוד איך בין אַ פשוטער איד ווי מען זאָגט אויף זשאַרגאָן „אַיין איד פון אַ גאַנץ יאָר", אמנם נתן אלקים שכרי פאַר די טרחה און צער פון די בני עניים, וואָס איך האָב געגעבן לערנען, און מיינע חבורים איז מיר אויך אָנגעקומען דורך אַ גרויסן צער. היינו אין אַ יאָר אַרום קומענדיג פון ארץ ישראל און האָב מצליח געוועזן אין געשעפט האָט מען מיר בגנב׳ט אַז איך בין געבליבען בחסר כל, איין טרייסט האָב איך געהאַט, אַז די חובות וואָס מיר קומט פון לייטען קענען דעקען דאָס וואָס איך בין שולדיג לייטען. און אַזוי ווי מיין פאָטער ז"ל האָט מיר געלערענט, אַז אַ פרעמדער גראָשן איז טרייף, האָב איך גלייך באַשלאָסען ליקווידירען. דעם געשעפט און גלייך אויסצאָלען חובות, בכדי צו בלייבען אַ ריינע נשמה, וברם זכור לטוב חברתי אשת בריתי (נחמה עליה השלום) וואָס זי איז אויך געווען געהאָדעוועט פון אירע עלטערן צו זיין ערליך, האָבן מיר גלייך ליקווידירט דעם געשעפט און אויסגעצאָלט אַלעמען עד פרוטה אחרונה, און אַזוי ווי איך בין געבליבען על קרן הצבי, האָט השי"ת מזמין געווען אַז איך בין אָנגעקומען בשנת תרל"ד אין בית דפוס הידוע של ר׳ יהודא ליב מ"ץ ע"ה, דאָרטען בין איך געוואָר געוואָרען דעם עלינט פון אונזער פאָלק, ער רופט זיך „עם הספר" ער וויל לייענען ספרים אויף די שפּראַך וואָס ער פאַרשטייט און האָט נעבאַך ביט וואָס, ער מוז זעטיגין זיין דורשט ווינטערדיגען אָוועגד און שבת ויו"ט מיט די זשאַרגאָנישע ביכלעך אשר רובם מלאים עגבים ורעל זמינות. דאָס האָט מיר געפלאָגט דעם געוויסן, בין איך אַרויס דער ערשטער און געדרוקט דיזען קליינעם ספר׳ל אבן שלמה (כמ"ש בהקדמתי הקטנה). אַז איך האָב באַמערקט, אַז דער עולם לייענט אים מיט אַפּעטיט, האָב איך אַרויסגעגעבען נאָך 2 קליינע

חוברות

חוברות צוואת הרמב״ם און לקח טוב לר׳ אברהם יג״ל (שהתחיל איש צדיק להעתיקו וחפץ בעילום שמו ואני גמרתיו), נאַכער האָב איך גענומען מעתיק זיין דעם „ספר היראה לרבנו יונה״ ער איז מיר געווען זייער חביב ווייל נאָר ער איז מיר געבליבען פון גרויסן אַלמער ספרים יקרי ערך פון מיין פאָטער ז״ל. וכאשר יצא לאור הדפוס, וראיתי כי טוב הוא, האָב איך אָנגעהויבן מעתיק זיין דעם שערי תשובה לר״י. (והרב ר׳ אברהם ז״ל מ״ן דאנטאָקאָל סייע לי בהעתקתו), נאַכער האָב איך אָנגעהויבען שרייבן די חלקים מעשה אלפס „אַווירקלעכע הערצלעכע ליבע״ צו דעם איינציגען (ה׳ אחד) וועלכען מ׳דאַרף ליבן (ואהבת את ה״א), און אַז איך האָב געזען אַז דער עולם לייענט, האָב איך גענומען שרייבן ס׳ אוצר התורה על חומש און אויף סדור תפלה און מחזור ועוד ועוד עד אשר הגיעו בע״ה קרוב לחמשים חוברות.

יעצט קערן מיר זיך צוריק שרייבן וועגן ר׳ זלמעלען דעם גאונס תלמיד.

הגאון הגדול בעל שאגת ארי׳ איז אַמאָל אַיינגעשטאַנען ביי ר׳ חיים וואָלאָזענערס פאָטער, הערט ער ווי ר׳ חיים (וואָס איז דאַן אַלט געווען 14 יאָר) פרעגט זיין 7=יאָריקן ברודער ר׳ זלמעלען, ווי קען טרעפן ביי אידען אַיין עם הארץ, אָדער אַזוי ניט קיין אדם כשר, די גמרא זאָגט דאָך אַז עס גייט אַוועק דריי דורות וואָס זעען זיך איינע די אַנדערע: אַ זיידע, אַ פאָטער און אַיין אייניקל תלמידי חכמים, הערט שוין די תורה ניט אויף פון זייערע קינדער, זי קומט שוין אין איר שטענדיגע אַכסניא, היינט ווי באַלד אונזערע עלטערן אברהם, יצחק ויעקב האָבן זיך געזען איינע די אַנדערע און זיינען געווען אַלע תלמידי חכמים און צדיקים, דאַרף דאָך די תורה ניט אויפהערן פון זייערע קינדער?

ענטפערט דער זיבן=יאָריקער קינד ר׳ זלמעלע, די גמרא זאָגט דען, אַז זייערע דורות מוזען זיין תלמידי חכמים? זי זאָגט דאָך נאָר אַז די תורה קומט צו איר אכסניא ד. ה. זייערע אייניקלעך רופען זיך די אכסניא פון תורה, היינט לאָמיר זעען דער שטייגער פון איין אורח ווי ער קומט פון וועג גייט ער גלייך צו די

די אכסניא וואָס ער איז געוואוינט שטענדיג, איז אויב דער בּעל אכסניא נעמט אים צו פאַר אַ גוטן גאַסט איז גוט. ווען אָבער ער קלאַפּט און קלאַפּט אין טיר און מען עפענט אים ניט, גייט ער אַוועק אין אַ צווייטע אכסניא.

דאָס גלייכן ווען די עלטערן גרייטען צו דעם קינד צו תּורה, אָדער ער אַליין אַז ער קומט צום שכל גרייט ער זיך צו התמדת התּורה, קומט די תּורה צו איב אכסניא און ער איז זוכה לכתר התּורה, ווען אָבער די עלטערן גיבן אָפּ דעם קינד אין דער יוגענט אין די וועלטלעכע שולן וואָס דאָרטן איז דער עיקר די וועלטלעכע חכמות, וואָס בילדן נאָר דעם מוח, און חכמת התּורה, וואָס זי בּילדעט אויך די האַרץ אויסראָטען פון איר אַלע זווערסטע (בּראתי יצר הרע, בּראתי לו תּורה תבלין), דאָס איז אין דיזע שולן אטפל שבטפלים, כּמעט ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן און דעם קינדס האַרץ ווערט פול מיט תּאוות העולם, ווערט די תּורה ווייט פון אים.

דרום זאָגט די משנה והתקן עצמך ללמוד תּורה, גרייט זיך צו אָנצונעמען דעם טייערין גאַסט, די תּורה, מיט אַ פריינדלעכן פּנים, שאינה ירושה „לך" הגם די תּורה איז בּיי אידן ווי אַ ירושה (מורשה קהלת יעקב), דאָס איז נאָר בּיי די גאַנצע פאָלק בּכלל, ד. ה. עס וועט ניט אויסגיין די תּורה בּיי דאָס פאָלק, ווי השי"ת האָט אונז פאַרשפּראָכן „כּי לא תשכח מפי זרעו", אָבער נאָר צו דעם וואָס נעמט איר אָן פאַר אַ גוטן גאַסט, און גרייט צו פאַר איר אַ שיינעם צימער אין האַרצן, ער ראַמט אויס פון האַרצן אַלע תּאוות ותשוקות ווי די משנה זאָגט „במעוט שינה, בּמעוט תענוג, בּמיעוט שיחה" דער איז זוכה בּאַקומען די טייערע ירושה. די תּורה מערקט אונז אָן אויף דעם מיט אירע הייליגע ווערטער, והיו הכּרובים פּורשי כנפים למעלה, די פייגעלאַך, ד. ה. די קליינע קינדערלעך דאַרפן פון יוגענט אָן שטיין אויף דעם כּפורת וואָס דאָרטן ליגט די תּורה, און זייערע פליגעלעך דאַרף זיין פאַרשפּרייט אין דער הויך, שטרעבן צו אהבת ה' דאַן וועלן זיי זיין אַ ליכט פאַר דאָס פאָלק, אַז קול ה' וועט שיינען דורך זיי צו דאָס פאָלק (ודברתי אתך מעל הכּפורת מבין שני הכּרובים).

זיין

זיין אהבת התורה איז געווען איבער נאַטירליך. דער גאון זצ"ל האָט אַמאָל געזאָגט פאַר ר' שאולקען אדבר חדוש אין אַ פסוק, פון התפעלות אויף די שאַרפקייט פון דעם חדוש האָט ר' שאולקע דאָס איבערגעחזרת עטלעכע מאָל, האָט דער גאון זצ"ל אָנגעהויבן וויינען, וואו איז ר' זלמן, ער פלעגט איבערחזרן אַזאַ זאַך מאה פעמים ואחד.

זיין מדה פון „אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" איז געווען הפלא ופלא, רבנו חיים ז"ל מיואָלאָזין, האָט דערציילט, ר' זלמן פלעגט אויפוועקן פאַרטאָג זיין משרת לערנען מיט אים, אַמאָל האָט דער משרת זיך געפוילט אויפצושטיין, האָט ר' זלמן אים צוגע-טראָגן נעגל-וואַסער און די מלבושים מיט די שיך און האָט אים אָנגעהויבן שטראָפן מיט ווייכע רייד המושכין לבו של אדם בעבותות אהבה לאביו שבשמים, הער מיין קינד, עצלות און נאכלעסיגקייט במעשה המצות איז זייער אַ גרויסער פעלער, שטעל זיך פאָר, אין אַ ווינטערדיגע נאַכט, אַ שלעכטע פאַגאָדע. אין אַ זיסן שלאָף, ווען מ'וואָלט דיר זאָגן, אַז אויפן גאַס ליגט אַ בייטל גאָלדערנע רענדלעך, דו קענסט דאָס אויפהייבן קיינער זאָל ניט זען, וואָלסטו געוויס אויפגעשטאַנען בזריזות און געלאָפן ווי אַ בליץ און ניט געקוקט וואָס אויפן גאַס איז בלאָטע, אויפן ספק טאָמער וועסטו דאָס אויפ-הייבן, וואָס דאָס איז הבל הבלים, לא במותו יקח הכל, אפשיטא אַז מ'דאַרף זיך מזרז זיין, קל כנשר ורץ כצבי טאָן דעם רצון הבורא ית"ש, וואָס דער מסחר התורה איז יקרה מפנינים וכל חפצים לא ישוו בה, ווי דוד המע"ה זאָגט טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף, און זי גיט לעבען בעוה"ז ובעוה"ב, און די ווייכע און זיסע רייד וואָס איז אַרויס פון זיין הייליגע ריינע האַרץ מיט איין אמתת אהבה, האָבן ניט געפעלט זייער ציל און צוגעצויגן דעם משרת האַרץ צו אהבת התורה. זיין אהבת התורה בקדושה ובטהרה האָט אַרויפגעשיינט אויף יעדערן וואָס האָט אים געזען ופשיטא אויף זיינע בני בית, זיין פרוי די צדקת פלעגט פיל מאָל זיצן לעבען אים אַ גאַנץ פרייטאָג-צו-נאַכט ניט שלאָפן כדי ער זאָל קענען לערנען לאור הנר, מקיים זיין דברי חכמים (שאמרו לא יקרא בליל שבת יחידי לאור הנר שמא יטה).

בעת

בעת לערנען איז ער געווען כמעט אויסגעטאָן פון קערפער, ר׳ ליבעלע ר׳ בער׳ס האָט אַמאָל געלערענט מיט אַ חבר טור מיט ב״י, איז זיי פאָרגעקומען אַ ספק אין אַ דין, האָבען זיי דאָס מציע געווען פאַר ר׳ זלמעלען, וואָס ער איז דאַן געווען ביי זיי אין שטוב, איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן שטוב און געזאָגט אויס-ווייניג אַ גאַנצן עמוד דעם לשון פון טור און בית יוסף וואָס פון דאָרטען האָט ער זיי ערקלערט זייער ספק, מיט אַזאַ אהבה ושמחה אַז ער האָט ניט געשפירט ווי ער האָט זיך פאַרשטאָכען די פוס מיט אַ נאָגל און עס האָט געגאָסען בלוט.

איין מאָל איז ער געפאָרן פון ווילנאָ קיין וואָלאָזין ווינטער אין אַ סליטן, האָט דער פערד אַ שטאַרקן לאָף געטאָן איז ר׳ זלמן אַרויסגעפאַלן פון סליטן און דער בעל עגלה האָט ניט באַמערקט און אַוועקגעפאָרן ווייט. נאַכער אַז ער האָט זיך אַרומגעזען אַז ר׳ זלמן איז ניטאָ האָט ער פאַרקערעוועט דעם סליטן צוריק און געפונען אַז ר׳ זלמן זיצט און לערנט און עס האָט אויף אים אָנ-געשנייט, ער האָט ניט געשפירט די קעלט מיטן שניי מחמת זיין אַריינבלייג אין לערנען, דאָס גלייכן ווי חז״ל דערציילן אויף הלל הנשיא דעם פרייטאָג-צו-נאַכט וואָס ער האָט ניט געהאַט וואָס צו-געבען דעם שומר, ער זאָל אים אַריינלאָזען אין בית המדרש הערן תורה פון שמעיה ואבטליון, איז ער אַרויף אויפן דאַך און געלייגט זיך אויפן פענסטער און געהערט לערנענדיג אַ גאַנצע נאַכט, עס האָט אויף אים אָנגעשנייט אַ קופע שניי און ער האָט ניט געשפירט.

שבת ויו״ט ביים עסין פלעגט ער חזרן מיט זיין פרוי און קליינע טאָכטער אַלע מצות התורה וועלכע זיינען זמן גרמא, וואָס נשים זיינען פטור און וועלכע זיינען שלא הזמן גרמא וואָס נשים זיינען אויך חייב און די מצות לא תעשה וואָס אין אַלע זיינען נשים חייב, האָט ער דאָס שטענדיג געחזרת מיט זיי מיט די כללים ופרטים, אַז זיין טאָכטער הגם זי איז געבליבן פון אים 7 יאָר אַלט, האָט דאָס אויף איר געווירקט אַז זי איז קלאָר געווען אַלע מצות וואָס אַ אשה איז אויך חייב מיט אַלע פרטים ודקדוקים.